STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03431

NAYE GEZAMLTE SHRIFTN

B. Daymondshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאָס ניעמאַן

ד. דײַמאַנדשטײן

נײַע געזאַמלטע שריפטן



פערלאַג

ליטעראַרישע הײמען

[illegible] 1960 קאַליפאָרניע

נייע געזאַמלטע שריפטן
ב. דיימאָנדשטיין

ערשטער טייל — עסייען; צווייטער טייל — דערציילונגען;

דריטער טייל — לידער

הילע צייכונג און סקולפּטורן געמאַכט פון מחבר

NEW COLLECTED WRITINGS

By Boris Dimondstein

Part One: Essays — Part Two: Short Stories — Part Three: Poems

Drawing and Sculptures by the Author

אַלע רעכטע באַלאַנגט צום מחבר. דערלויבט צו איבערדרוקן, נאָר מען מוז אָנגעבן דעם מקור.

ביכער ביז איצט פון דיימאָנדשטיין

ל י ד ע ר:

„הערבסט בלומען"; — „טאָג און נאַכט".
„קינדער לידער"; — „לא תרצח".
„זאַנגען פון מיין פעלד"; „ערשטע טריט".
„פאַבלען": — „אַנטאלאָגיע פון ענגלישע פּאָעזיע".
„סאָנעטן"; „דואַליזם"; בלעטער פון מיין גאָרטן".

ר אָ מ אַ נ ע ן:

„וואולקאַנען אינזל"; „רוף אין זיך".
„איבער אונדזער קראַפט"; — „קעגן שטראָם".
„ווילנע"; — „אַמעריקע".
„געזאַמלטע שריפטן"; „נייע געזאַמלטע שריפטן".

ד ר אַ מ ע ס:

„נייע וועלטן"; — 4 איינאַקטערס.
„כוח פון ליבע"; — „פאַרלאָזענער זיג".
„אין די שטורעם טעג": — 9 איינאַקטערס, באַנד 1.
12 איינאַקטערס, ב. 2. „דריי טראַגעדיעס", ב. 3.

ה ע ב ר ע א י ש ע ב י כ ע ר:

„אי געש"; — „אשר דרמות"; — „עלים מגני".

א בוך סקולפּטורן

BOOKS BY BORIS DIMONSTEIN

"CALL WITHIN"
"BEYOND HUMAN POWER"
"VOLCANO ISLAND"
"EIGHT ONE ACT PLAYS"
"POEMS" 1953, Received
"Mark Twain International Award"
"LEAVES FROM MY GARDEN"
"SONNETS"
"FABLES"
"YOCKEL THE MELAMED"
and other Poems
"DUALISM"-POEMS
"IT HAPPENED IN NEW YORK"
(Tradedy in 5 Acts and 9 Scenes)

די זייטן פון דעם בוך פאַרנעמען ווי אנדערהאַלבן זייטן פון אַ געוועגלעכן בוך

LITERARISH HEFTN PUBLISHING
10143 Mountair Avenue, Tujunga, California
1960
Printed in United States of America

במקום הקדמה

ל. בערקאָוויטש

אַן אורח ביי ב. דיימאַנדשטיינען

ס׳קען זיין: דער שיקזאַל, און אפשר, איראָניע
ט׳פאַרוואָרפן אַ אידן אין שטעטל טאָהאַנגאַ.
אַ שטעטל, ווי שטעטלעך אין שטאַט קאַליפאָרניע
וואָס ליגט אַ צעצויגענס, אַ שמאָלע, אַ לאַנגע.

— — — — — — — — — — —

איז אָט־אָ דעם אידן מיר ווילט זיך באַשרייבן
אַזוי ווי איך זע אים, עס זאָל כאָטש פאַרבלייבן
אַ בילד לפקדון אין אונדזער געשיכטע,
פון איינעם אַ קינסטלער, אַ מענטש, און אַ דיכטער.
געוויס וועלן אידן, מיט רעכט, מיר פאָרוואָרפן:
„צו וואָס האָסטו אַרבעט אומזיסטע געדאַרפט גאָר,
אַז ס׳האָט דער בעל־דבר אליין שוין געטאָן עס
פיל בעסער פון דיר, מיט די אַלע מתנות,
וואָס ער האָט געבראַכט אין דער אידישער דיכטונג,
אויף אייגענעם וועג און אין אייגענער ריכטונג.
די צאָלרייכע ביכער, מאַלעריי און סקולפטורן,
און לידער, עסייען, נאָוועלן, מיניאַטורן,
און דראַמע, רעצענזיע, קריטיק, און דערצו נאָך
רעדאַקטאָר פון „העפטן״! נו זאָג, צי קענסטו נאָך
איין פאַרב כאָטש צוגעבן, איין ליניע צו מאָלן
דעם בילד דעם פילפאַכן, די בערג און די טאָלן
וואָס דיימאַנדשטיין האָט אויף זיין וועג שוין באַטראָטן,
נאָך איין שטריכל כאָטש צו דעם ליכט און דעם שאָטן?״
ניט דאָס, איז דיין ענטפער צו אייך, רבותי —
נאָר כ׳בין איצט אַ גאַסט אין זיין פּראַכטיקע שיינע אימעניע,
און שעפּ פון דעם שיינקייט דאָרט גאַנצע זשמעניעס,
און זע דעם בעל־דבר אין אַלערליי פּאָזעס.
איז נעם איך מיר אָן אי מיט מוט, אי מיט העזה,
און מאָל אַ פּאָרטרעט אייך קאַליידאָסקאָפּיש,
ווייל פול איז מיין הארץ מיר, אַ פולער מיין קאָפּ איז
מיט בילדלעך, מיט סצענעס, אימפּרעסיעס, אַספּעקטן.
און אויב ניט געלונגען, און אויב ניט פּערפעקט איז,
איז פרעגט ניט פאַרוואָס, און ניט פרעגט מיר פאַר וועמען —
אוי, כ׳זאָל כאָטש דעם „דיימאַנדשטיין״ דאָ ניט פאַרשעמען!
ניט זעצן אין רינג אים מיט ביליקע שטיינער
וואָס ניט פון זיינס גלייכן, וואָס זיינען פיל קלענער.

דאָרט וועקן דער וועלטס איינגעשלאָפענעם געוויסן
נביאים פון יידישן פאָלק וועטעראַנען,
זיי וועקן דעם מענטשנס פאַרטאַכלעוועטע ערע,
און וואָרנען מיט ווערטער וואָס בייטשן מיט פלאַמען
די אומרעכט פון הערשער, פון פעלקער, טיראַנען . . .
גלייך מיט די בוימער עס וואַקסן סטאַטוען
(ס'איז גאָטס און בית דלד'ס אַ שותפותע טואונג).
נביאים, פיגורן פון יידישע געשיכטע,
פון אונטער די הענט פון דעם סקולפּטאָר און דיכטער.
פון צווישן צוויי רייען פיגורן, אייך אַנטקעגן,
„דער אייביקער וואַנדערער" מיט תלית-זעקל און שטעקן,
מיט קאָפּ אַנגעבויגן, מיט קרומלעכן רוקן,
מיט אויגן צו דר'ערד, וואָס אין זיך אריין קוקן . . .
ער גייט „וועלט אַנטקעגן", פאַרעקשנט זיין שפּאַנען,
גערודפט פון „דאָרט", געטריבן פון דאַנען". —
וואָס טראָגט ער אין האַרצן פאַרבאָרגן, אין מוח?
פונוואַנען זיין פעסטקייט, אַנטשלאָסנקייט, כוח?
ער גייט אויף פאָראויס, און ער גייט וועלט-אַנטקעגן —
עס מוז דאָך אַ ציל זיין! כאָטש קרומע די וועגן . . .

* * *

און רעכטס פונם „וואַנדערער" אויף אַ קלאָץ אומגעפלאָכטן
אַ מאָנסטער, וואָס זעט אויס ווי ער וואָלט געשאָכטן
אַ וועלט ערשט . . . די ריזיקע מויל אויפגעריסן,
די בלוטיקע צונג הינטער פענג-ציין פאַרביסן,
מיט לאַפּעס וואָס בעטן, מיט אויגן ווילד-זשעדנע,
אַ מויל וואָס פאַרשלינגען וואָלט וועלן איעדן . . .
אַ הידרע-סימבאָל פון אַטאָם-הידרע משיח
וואָס לאָזט אים נאָר פריי, געבראַכט וואָלט ער חשכות
אויף אַלץ מיט אַנאַנדער, אויף מענטש, בעלי-חיים —
ווי וואָלט ער זיך דעמאָלט געוועזן מחיה!
נאָר . . . לינקס פונ'ם „וואַנדערער" קוקן אַריבער
הערצל, און משה, און שמשון הגיבור,
און משה, דאַכט, שמייכלט . . . האַלט פעסט זיינע לוחות,
ווי ער וואָלט באַשיצן דעם „וואַנדערער" פון רוחות,
פון מאָנסטערס, פון באָמבעס, פון כלערליי שונאים.
און רחל, די מוטער, אַ סימבאָל פון האָפנונג,
מיט קרוג אויפן אַקסל, מיט פּנים ברייט‚אָפן,
ווי זי וואָלט געוואַרט אויפן „וואַנדערער'ס קומען,
מיט קוואַל וואַסער קאַלטן צו דערפרישן זיין גומען.

* * *

און אָט ליגט פאַרגליווערט, אין שטיין, אַ טויט הינטל,
פאַרשטשעמעט די ציין, און ווי ברוכוואַרג אַ בינטל.
אַ הויז-פריינט געוועזן, און איבערגעגעבן

דעם הויז־ווירט, זיין פריינט, און געטריי ווי דאָס לעבן.
ס'האָט דיימאָנדשטיין געפורעמט זיין פריינט לזכרון,
אין שטיין, ער זאָל ליגן אין גאָרטן פיל יאָרן,
אַ בילד פאַר די אויגן, צו זען, און צו בענקען
נאָך פריינטשאַפט, אַזאַ וואָס עס ווילט זיך געדענקען . . .

* * *

אַצינד כאַפּט אַ בליק דורך אַ שפּאַלט אין רעדאַקציע,
וואו דיימאָנדשטיין טרייבערט באַטרוג און רעאַקציע;
אין קריג מיט דער וועלט אין „ליטעראַרישע העפטן",
און קייטלט דעם שטורמישן ״היינט״ מיט דעם „נעכטן",
אין לידער, קריטיק, אין עסיי און נאָוועלע —
צי וועט אים די וועלט כאָטש אַ דענקמאָל ווען שטעלן? . . .
עס איז די „רעדאַקציע" אַ טיש, אַ גאַנץ ברייטער,
מיט ביכער עטאַזשן, כאָטש קריך אויף אַ לייטער
דאָס אויבערשטע בוך מיטן האַנט צו דערלאַנגען.
דאָרט זיצט ער ביים ווינקל טיש, און זיינע געזאַנגען
פאַרצייכנט אויף בויגנס פּאַפּיר, און קוקט־איבער
ס'געשאַף פון זיין יוגנט, וואָס איז לאַנג פאַריבער.

* * *

ס'איז פול זיין „רעדאַקציע" מיט כתבים, זשורנאַלן,
אים דינט זיין זכרון, עס ווערט ניט פאַרפאַלן
ביי אים פון קיין דיכטער קיין בריוו און קיין קאַרטל,
קיין איין מאַנוסקריפּט, וואָס עס מוז נעבאַך וואַרטן
חדשים פאַר פּלאַץ אין אַן אויסגאַבע „העפטן".
אין אָט דער „רעדאַקציע" קענט איר שטענדיק טרעפן
דיימאָנדשטיין זיצן, ווי תמיד, אין פאַרטוך —
צו וואָס אָט־דעם לעצטן? ניט פרעגט שוין, וואָס אַרט אייך:
בית־דלד, זייט וויסן, ס'„אַ גרויסער בעל־מטופל
מיט פּענדלעך, מיט טעפּלעך, מיט לעפל און גאָפּל —
ניט ער דאַרף עס, ס'דאַרפן עס האָבן די אורחים
וואָס לאָזן אַראָפּ זיך צו אים, ווי די שטאָרכן,
סיי שבת, סיי זונטיק, אינמיטנדערוואָכן,
און ווען־ס'איז אַ פריינט אויך . . . און ווען ס'איז אַ שכן;
ווערט דעמאָלט בית־דלד פאַרטאָן אין שפּיזאַרנע . . .
צו זען אים איך זאָג אייך, איז ממש אַ צער נאָר:
עס קלאַפּן געשיר און עס שוויצן די שטערנס
ביי אורחים. און טומל, אַ וואָרט קוים צו הערן.
לסוף בלייבט אים איבער אַ קיך פול מיט „דישעס",
דער טיש פול מיט ברעקלעך, שיריים פון קנישעס,
פון לעקאַך, פון פרוכט, און פון קעז אויף די טעלער,
פון אַלץ וואָס אין אַלמער, אין קיך און אין קעלער . . .

נו, באַסטאַ! גענוג — אַצינד לאָז איך אייך אָפּ שוין,
ווייל מיר אויך, רבותי, עס שווינדלט דער קאָפּ שוין.

עסייען רעצענזיעס

ירמיה העשעלעס (סאָנעטן פון תוהו ובוהו)

איך האָב אַמאָל ערגעץ, אין מיינער אַ רעצענזיע געזאָגט, אַז אַ דיכטער איז אַ געבענטשטער פון גאָט. . . אַ דיכטער . . . הגם ניט אַלע דיכטער, זיינען גלייך.

אַט ליגן פאַר מיר צוויי סאָנעטן־ביכער — איינער פון ניו־יאָרק, פון דיכטער, עסייאיסט, ירמיה העשעלעס; דער צווייטער — פון בוענאָס איירעס, אַרגענטינע — פון משה קנאַפּהייס.

איך וועל ריידן פון יעדן אַלס יחיד, אָן אַ פּאַראַלעל.

ירמיה העשעלעס האָב איך געטראָפן, גאָר צום ערשטן, אין די „געצעלטן", מיט אַ יאָר 12 צוריק. איך האָב דאָן באַמערקט אליעזר גרינבערגן, דעם רע־רעדאַקטאָר פון די „געצעלטן", אַז דאָ איז אַ דיכטער מיט אַן אייגענעם וועג — עפּעס מיט גאָר אַ בייעם אָריגענעלן טאָן. עפּעס זיינע סאָנעטן קלינגען אַנדערש, מיט ערודיציע, אַן אייגן ליטעראַ, און שיין ווי אַ יפת תואר׳. און וואו איך האָב זיינס אַ סאָנעט געטראָפן, האָב איך תמיד דורשטיק געלייענט און הנאה געהאַט — עמינענט!

אין די סאָנעטן זעט מען, אַז מע האָט צו טאָן מיט אַן אינטעליגענטן פּאָעט, און מענטש, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט וועלטלעכער ליטעראַטור; אַ פּאָעט, וואָס קאָן אין 14 שורות דורכנעמען עמאָציאָנעל נשמהדיק פון אַ מענטשנס דענקען; איבערלעבן — אין זיך און אויסן זיך. דער עיקרשט ביי אים איז שלייפן.

אין אַלגעמיין אַזוינע סופּערלאַטיווע געשליפענע סאָנעטן האָב איך נישט געטראָפן נישט נאָר ביי אונדזערע יידישע פּאָעטן, אפילו נישט ביי די וועלטלעכע פּאָעטן: עס לייענט זיך ווי אַ „מזמור לדוד" — זיין „שיר השירים".

יעדער פערז, יעדע סטראָפע, ווי דער גאַנצער סאָנעט, גייט גלאַט ווי דער נאָגל אויף אַ שוחטס חלף. מע זעט די מאָרוטעט פון פּאָעט; ער האָט איינגעשעפּט די וואָרימקייט פון דער זון — אָרעאָל.

אַט איז זיינס אַ סאָנעט, וואָס ער באַטיטלט: „טרוים און זון":

קום צפון־ווינט און ווירבל אויף דעם שטויב
פון מיינע יונגע יאָרן און אַנטפלעק
פאַר מיר כאָטש נאָכאַמאָל די בלויע טעג,
ווען איך האָב זיך געצייטיקט ווי אַ טרויב —

אין זון, און קער מיר אום די ווייסע טויב
צוריק, מיט אָנזאָג פון דעם גרינעם ברעג,
וואו איך האָב אָפּגעאַנקערט זיך צום ברעג,
אין ראָשן שויבער־שווים פון פאַל און הויב.

באַהיינטיק מיינע נעכטנס מיט דעם גליק
פון שוימיק בלוט אין שטראָם פון פלאַמיק פלייש:
צינד אָן מיין גיר, ווי אש אוכלת אש,
און וואַרף מיין דורשט און הונגער אויף דער וויג
פון מיידל בריסט. און קניפּ מיין יעדן חוש
צום טיפן קלעם אין האַרץ ביים ערשטן קוש.

איר פילט נישט די ערנסטישקייט, נאָר שיינקייט און פּאָעזיע. דאָס איז מייס־טערישקייט עמאָציאָנעל געבויגן.

אָט איז אַ צווייטער סאָנעט, זאַפטיק אין זיין מעטאַפאָריק און בילדלעכקייט.

„מילשטיין"

טעג קאָווען זיך צונויף אין שטאַרקער וואָך
און ריבגען מיך אין ענגע רייפן איין;
די קלעמען שטייפן מיך ביז צום געביין;
מיין האַלדז וואַרגט זיך אין דרוק פון שווערן יאָך.

דעם צוים האָב איך אין מויל פאַרלייגט אַליין,
איך בין אַליין דער טרייבער, בייטש און פאָך:
מיין לאַסט שלעפּ איך אַוועק צום גרוב און שטיין,
מיט אָפּגעמעקטע צייכנס אונטער מאָך.

ווער האָט באַפוילן, אַז דער קורצער וועג
פון ליוב צו שטויב זאָל פירן דורך אַ הייל,
וואו אין דער פינצטער לויערט בייזע שרעק
און טרייבט אָן אויפהער מיך אַ מייל נאָך מייל
אַראָפּ צום אָנהויב־ענד אין שאָטנטאָל
פון אַש צו ווערן ווייַ־פּליש נאָכאַמאָל?

ז. 119

העשעלעס פאַרצווייגט, פאַרטיפטע סאָנעטן, הגם ס׳איז שווערלעך גלייך צו פאַרנעמען דעם דמיון, צו אָבסאָרבירן די פאַרטיפקייט — אָדער אומקלאָרקייט — אָבער דאָ האָבן מיר נישט צו טאָן מיט איניזיכיסטישע באַבלערייען — ס׳איז נאָר אַ באַזשור, אַ קאַלפּאַק — אַ שאָטן צודעק. אָבער ווען מע הויבט אויף דעם קאַלפּאַק, דעטעקט מען אין פולער ליכט די שיינקייט, אפילו אין די אומקלאָרע סאָנעטן. י. ה. האָט אַריינגעוועבט מיט זיין דיקציע — מיט צויבער, אַקאָמפּאַנירט פון זיין סאָנעט אַרויס, פון זיין יעדן פּערז, ווי אומקלאָרע מוזיק, דאָך דרינגט עס אַריין אין האַרץ און אין נשמה. מע דאַרף נאָר נאָכאַמאָל איבערלייענען אַן אומ־קלאָר, אַ פאַרטיפטן סאָנעט, און ס׳ליכטיקט אייך אויף אין די עינים; מע דאַרף נאָר סקאַנדירען. זיין מעטריק איז זעלטן, און זיין פּאַלירן שיינט אויף אַזש מיט קאָלירן, מיט פאַרבן, מיט דעקאָראַטיווקייט.

הגם, ס׳איז מיר באַשרענקט, צופיל פּלאַץ פאַרן הייניטיקן נומער „העפטן", וועל איך ציטירן נאָך אַ סאָנעט:

„מאַעסטאָזאָ"

אין אָפּגרונט וועלן מיינע וואַרצלען פאַרקלעמען
צום הימל וועלן גרייכן מיינע צווייגן;
פון טיפסטע קוואַלן וועל איך וואַסער נעמען,
די העכסטע זונען שלינגען אין מיין שטייגן.
מיין שאָטן וועל איך איבער וועלדער לייגן,
דער ערשטער זען דעם מאָרגן עפענען די ברעמען...
ווען וואַלקנברוך וועט אַלע ביימער פאַרשווענען
און וועכענען זיי מיט צרון, וועל איך שטיין און שווייגן.
און זען אַ דור נאָך אַ דור קורצע טרוימען וועבן,

וי גראָזן זיך שפּראָצן, גרינען און פאַרוויאַנען;
וי זאַנגען אונטער קאָסעס פאַלן אויף די לאַנען,
מיט פרילינג זיך באַוויזן, מיטן האַרבסט פאַרשוועבן.
און איך יאָג זיך אין וועט, אין אייביקן שטרעבן
די וועלט דורך צייט און רוים איבערצולעבן.

ירמיה העשעלעס האָט אַריינגעבראַכט אין זיינע סאָנעטן אַן די קורצע פּיסלעך אין זיינע לידער. אַנדערע פאַרהעברעאישן דעם פּערז, כדי זיי זאָלן זיך מערער אָנזען, אַז זיי זיינען מער רייכער מיט זייער שרייב־לשון, און גראַמען צען אַרשין ווייטער — אַ גראַם. י. ה. טוט דאָס ניט! זיינע סטראָפן זיינען מעטריש און פליסן ווי די וואָלעכלעך פון אַ רואיק טייכל ביינאַכט.

ס׳זיינען פול איצט די זשורנאַלן מיט אַזוינע לידער, וואָס האָבן נישט קיין טעם און קיין ווערט — נאָך ערגער ווי די איגזיכטישע: איר קענט זיי דרייען מיט קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרונטער; איר קאָנט זיי דרייען פון רעכטס צו לינקס און פון לינקט צו רעכטס . . . און דאָס רופט מען פּאָעזיע!? אפילו ליליעס, גלאַנץ, האָט אויפגעגעבן די אַבסורדנע שמירעכץ־לידער און האָט זיך אומגעקערט צום ריטמישן פּערז. מע זוכט גרינגע פאַרשמורעטע לידער און מע נאַרט די וועלט — מאָדערניסטן! . . . ס׳איז מאַרפין!

י. ה., קאָן מען זאָגן, מיט זיין ערשטלינג, האָט אַקצענטירט, האָט אַריינגעבראַכט ליכט און געזאַנג אין דער יידישער דיכטונג.

ברוך הבא ירמיה העשעלעס — בכבוד־רוב!

דאָס בוך איז זעלטן שיין אַרויסגעגעבן און די אויסשטעלונג פון די אינהאַלטס זיינען גאָר אייגנס, נייעס. די אויספּוצונג פון בוך איז שיין, עלעגאַנט און פּראַכטפול. דער אינהאַלט־אויסשטעלונג איז ביי, וואָס אפילו אין געוויינלעכע ענגלישע ביכער זעט מען דאָס אויך נישט, סיידן אין אַנטאָלאָגיעס און ענלעכעס.

מערץ 5, 1958.

משה קנאַפּהיים (100 סאָנעטן)

משה קנאַפּהייס איז ניט אַ פּנים חדשות אין דער יידיש־פּאָעטישער ליטעראַטור. ער האָט שוין פון פריער אַרויסגעגעבן פינף ביכער, אַחוץ דעם איצטיקן בוך „100 סאָנעטן”, און גרייט צו נאָך אַזויפיל צום דרוק.

משה קנאַפּהייס איז דער רעדאַקטאָר פון די „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער פון בוענאָס איירעס, אַרגענטינע.

זיין ניי בוך, 100 סאָנעטן”, וואָס איז אילוסטרירט מיט אמת שיינע אילוסטראַציעס פון אַזאַ קינסטלער, ווי שאול ראַסקין, און אַנדערע קינסטלער.

די סאָנעטן זיינען פליסיקע, לייענען זיך גלאַט. עס געפינען זיך עטלעכע לייכטע סאָנעטן. אגב לייענען זיי זיך געשמאַק, און אַ סך פאַרדענקטע סאָנעטן איז דאָ אויך צו געפינען. דאָך, דאַרפט איז זיך ניט גריבלען אַפילו אין זיינע פאַרדענקטע סאָנעטן — יעדער קאָן זיי פאַרדייען, ווייל מ. ק. זוכט ניט פאַרטונקלונג, נאָר פאַרקערט: מע זאָל אים לייענען און פאַרשטיין. דענק איך אַז ס׳איז אַ מעלה. אָט איז איינער פון זיינס אַ סאָנעט:

סטאַטוע פון טריעסט

דאָס קינד אויף דער שויס ביי דער מאַמען —
אין גאַנצן די מאַמע אַלס קינד.

די צייט האָט פאַרביטן געשווינט
דאָס פּנים פון קינד מיט דער מאַמענס.
אַ בליצלויף פון יאָרן, אַן צאַמען,
אויף הינטער, צוריק, ביז צום קינד.
אָט יאָגן זיי פאַראויס אויף בלינד
און גרייכן ס׳געשטאַלט פון דער מאַמען.

און דו לויפסט מיטביידן צוזאַמען,
פאַרכישופט פון צייטלויף אין קרייז —
אַ ייִנגל פאַרשטעלט אין אַ גרייז.
פאַראייניקט, פאַרבייניקט זיך רייסט
אין הויך די סטאַטוע פון טרייסט —
דער דריילינג: דאָס קינד, טאַטע־מאַטע.

„סטאַטוע פון טרייסט" איז אַ וואונדער־שיינער מעטאַפאַרישער סאָנעט; אַזוי איז דער גאַנג פון חי, פון לעבן — דאָס פאַרגיין און דאָס קומען: „דאָס קינד אויפן שויס פון דער מאַמען — אין גאַנצן די מאַמע אַלס קינד". די צייט האָט פאַרביטן, גאַר גיך, דאָס פּנים פון קינד מיט דער מאַמעס. און יאָרן לויפן פאַרביי — דאָס קינד וואַקסט אויף און דערגרייכט דאָס געשטאַלט פון דער מוטער. „און אַ ייִנגל קומט, פאַרשטעלט אין אַ גרייז": פאַראייניקט זיך דאָס קינד מיטן ייִנגל; און ווייטער קומט אַ קינד. אַזוי גייט דאָס לעבן — אַן אייביקע „סטאַטוע". דער פאָדים פון לעבן — אָט אַ קינד, און אין בליצלויף פון יאָרן — דאָס קינד ווערט ווידער אַ מאַמע און אַזוי וועט אייביק לעבן דאָס לעבן; עס פאַרגייט און קומט. מ. ק. ער האָט זיין אייגענעם זשאַנר, בלי־ספק והמבין יבין. עס איז דאָ גאַנץ ווייניק אַבסטראַקטקייט, נאָר איז גיכער אָביעקטיוו און ראַציאָנאַל.

און אָט ווי ער באַמאָלט „אַן אַרגענטינער פּייסאַזש":

זונפאַרגאַנג און סטעפּ.
וואָלקנס, קי אין פלאַמען.
ווײדלען, ריפּן קעפּ.
שטומע שאָטנס שפּאַנען . . .

גרינע קוסטנקעפּ
טונקלען ביז די שטאַמען.
„ראַנטשאָס", אויסגעקלעפּט
ווי פון שפּינוועבס סאַמע.

שוואַרצע אינדיאַ־מאַמעס
אויף סקעלעטן־קעפּ
זיצן ווי אויף טרעפּ.
רונט דעם בליק פאַרצאַמען
בערג — אין נעפּלקרעפּ,
שווייגיק, שטום פאַרוועבט.

ז. 130

דאָ זעט איר אַרגענטינע, דעם „נייטיוו", דעם פּויער; דעם גלייכן צום אָקס, צום פערד. „שווייגיק, שטום פאַרוועבט": אַן אויג פון אַ מאָליער, מיט אַן אינ־טערפּרעטאַציע פון אַ פּאָעט.

ער האָט אויך אַ סך נעקראָלאָגן־סאָנעטן פאַר פילע שרייבער, פּאָעטן, מאָלער־קינסטלער א.ד.ג. דאָ האָט איר אַ פאַרדענקטן טטראָף פון אַ סאָנעט:

ס׳וועט בלייבן ווי געווען

ניין, זוך נישט קיין אַנטרינונג, מענטש, דו ווייסט
אין ערגעץ פון דיין גורל נישט אַוועק.
ס׳מוז שלום מאַכן אַלץ, פון קלענסט ביז גרעסט:
ס׳איז איינער נאָר פאַר אַלעמען דער וועג.

„קאָנסטו זיך נישט באַהאַלטן מענטש; מענטש דו ווייסט „דו ווייסט פון דיין שיקזאַל, גורל נישט אַנטרינען. דער מזל צו דער שלימזל, וועט דיך דערטאַפּן וואו דו ווייסט זיך נישט באַהאַלטן. — טאַ גרייט זיך צו, פאַרטיק זיך, מאַך שלום מיטן שיקזאַל, און יעדער דאַרף שלום מאַכן — קליין צו גרויס, „ווייל ס׳איז איינער נאָר דער וועג פאַר אַלעמען — גלייך! . . .״

אין זיין האַרץ־אַראָפּרעד פונם מחבר פאַר דער השגחה העליונה, פאַרן לייענער, איז ווערט צו דערמאָנען די צרות־צרורות, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פון פייערדיקן סדום. אגב איז ער נאָך אַ לאַנגן וואַנדער צופרידן פון זיין נחלה — אַ מקום מנוחה, וואָס ער האָט געפונען. זאָל אים זיין צו רפואה.

טאהאנגא, מערץ 10, 1958.

„אויף דער אַרישער זייט״

ווי קאָן מען פאַרגעסן דאָס וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט, דורכגעלעבט.

די היטלער תקופה, ווייזט אויס, וועט געדענקט ווערן פאַר דורות — אָדער לעולם־ועד.

דער גורל פון אונדזער פאָלק איז צו בלוטיקן און אייביק לעבן.

פעלקער, פילע, זיינען אונטערגעגאַנגען און עם־ישראל חי. אַזוי איז גאָטס ווילן . . . אַזוי איז דער גורל פון עם־ישראל; בלוטיק און לעב!

— שמע ישראל — ווארום? מיר האַלטן זיך מיט דיר. מיר גיבן זיך ניט אונטער צו קיין אַנדערע געטער און, דאָס איז פון דברי־הימים.

אפשר מיט דעם אויפקום פון מדינת ישראל, וועט אונדזער מזל זיך בייטן — אפשר? . . .

לייענענדיק דאָס בוך פון חיה עלבוים דאַרעמבוס, „אויף דער אַרישער זייט״, ווערט דאָס האַרץ צעטרייסלט! . . . ס׳איז דאָ מאָמענטן, וואָס ווילט זיך אויסשרייען — שמע ישראל! — ווארום?! ווארום? . . . ווארום קומט עס דיין פאָלק ישראל? האָבן מיר מער געזינדיקט — מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער?

און די גויים, ווארום זיינען זיי אונדז אַזוי משלם; ביטער, האַרט?! . . .

וויפיל גוטס האָבן מיר געטאָן פאַר דער גוישער וועלט אויף אַלע געביטן: וויסנשאַפט, טעכנישע, מעדיצינישע, עקאָנאָמישע, און אויף אַלע אַנדערע געביטן . . .

די קאָשמאַרע בילדער, ווען איך האָב זיי געלייענט מיט אַזויפיל צער און ווייִ, האָט מיך געמאַכט צו האַסן די גאַנצע גוישע וועלט! . . . אגב, איינצעלנע, אַנדערע גויים, שטעלן איין זייער לעבן צו שפּאָרן אַ יידיש לעבן. מאַכט מיר אַ ביסל גרינגער אין מענטשלעכן גלויבן, אַז אַמאָל וועט דער מענטש, אפשר, זיך אויסמענטשלען — ווער קאָן דעפינירן?

אַט האָט איר אַ פּאָר פּאַראַגראַפן, וואָס האָט זיך אין מיר איינגעגעסן, מיט אייזערנע ציינער:

„אַ וואָגן מיט געפאַנגענע יידן שטייט אויף שמאָטשע גאַס. פון וואָגן אַראָפּ רופט מיך עדזשאַ האַלפּערן. „העלאָ" — ליאַרעמט זי אַ פאַרצווייפלטע — לויף, זאָג מיין עוואַן, אַז מע האָט מיך געכאַפּט, זאָל זי מיך ראַטעווען! עוואַ איז אין קליניק אויף צעגלאַנע 17!"

אַ פּאָליצמאַן כאַפּט מיך ביים אָרעם: „אַן אויסוויז!" איך האָב אים שטענדיק גרייט, מיין "לעבן־שיין". ער לאָזט מיך פריי. איך לויף צו עוואַן.

דער קליניק פאַרנעמט דעם גאַנצן דריטן שטאָק. אויף די טרעפּ פון דריטן שטאָק שטויס איך זיך אָן אויף צוויי דערשאָסענע פרויען, ביידע אין נאַכט־וועש. ביי דער ערשטער איז דאָס פּנים פאַרדעקט מיטן ראַנד פון העמד. זי איז, ווייזט אויס, דערשאָסן געוואָרן ביים אַנטלויפן, און פאַלנדיק אויף די טרעפּ, האָט איר קערפּער זיך איבערגעקוליעט און איז געבליבן מיטן קאָפּ אונטן און מיט די פיס אין דער הויך.

די צווייטע, אין אַ האַלב־זיצנדיקער פּאָזע, מיט די הענט ביים בויך. איר יונג, שיין פּנים האָט נישט פאַרלוירן גאַרנישט פון זיין פּראַכט, אפילו נאָכן טויט. פון הינטער די פיין צוזאַמענגעצויגענע ברעמען גלאַנצן פאַרנעפּלט האַלב־אָפענע, שוואַרצע אויגן. אַ לאָק האָר, ווי אַן איידל געוועב, איז צוגעקלעפּט צו דער באַק, אויף וועלכער דער טויט האָט שוין אַרויפגעוואָרפן אַ געלן בלויען שאָטן.

אַ דערשראָקענע צי איך זיך צוריק און וויל אַנטלויפן, אָבער אין די אויערן קלינגט מיר עדזשאַס רוף: „זאָל זי מיך ראַטעווען!"

די מוראדיקע שטילקייט אַרום זאָגט עדות, אַז דאָ אין הויז איז פאַרגעקומען אַן „אַקציע" און איצט דראָט שוין קיין סכנה.

די טיר פון קליניק איז אָפן. ביים איבערטרעטן די שוועל פאַרכאַפּט מיר אַ שוידערלעך בילד: אינם צימער אַנטקעגנאיבער — פיר בעטן, אין יעדן — אַ דערשאָסענע פרוי. איך לויף ווייטער און שריי: עוואַ, עוואַ! . . . אַן אָפּהילך צערוישט זיך: עוואַאַאַ, עעוואַאַאַ!

אומעטום דערשאָסענע, טייל מיט צעשמעטערטע קעפּ . . . אין געבורטזאַל אויפן טיש — אַ דערהרגעטע פרוי אין מאָמענט פון געבוירן. ביי אירע פיס — אַ קליין, בלוי, פאַרשליימט קערפּערל, אַ נישט אָפּגעטיילטס פון דער מוטערס לייב . . . האַרט ביים טיש אויף דער ערד — עוואַ. אויף איר האַרץ־ברעטל — אַ גרודע בלוט, ווי אַ בינטל רייפע, צעקוועטשטע ווימפּערלעך, אויסגעשטשירעטע ציין — אינם רויטן מויל . . .

איך וויל אַרויסלויפן, אַנטלויפן וואָס שנעלער, אָבער איך געפין נישט דעם אַרויסגאַנג. ווי אין אַ גרויזאַמען חלום לויף איך דורך טירן און די פיס זיינען צו שווער, אַזוי אויסטערליש שווער.

אין צימער — דריי שורות הויכע בעטלעך מיט שטייפע קערפּערלעך; איינס מיט אַן אויסגעשטרעקט בלוי פויסטעלע. אויף דער פאַדלאָגע קניענדיק, ווי ביי אַ געבעט — אַ שוועסטער אין איר ווייסן כאַלאַט, פאַרגליווערט שטייף.

איך לויף פון איין צימער אין צווייטן. געשפּענסטפולע בילדער קומען מיר אַקעגן: האַלב־נאַקעטע פרויען אין אַלערליי פּאָזעס, צוויי מיט קינדער ביים האַרצן, איינע שטייענדיק הינטער אַ פאָראַוואַן, צווישן וואַשטיש און וועש־שאַנק, צוליב וואָס ז'איז נישט אומגעפאַלן . . . "

איך גלויב, לייענער, אַז ס'איז שוין גענוג: די האָר שטעלן זיך דובאָם!

איך וויל דאָ אימפּאָנירן — איך האָב מער קיין כוח נישט צו ציטירן נאָך אַנדערע שרעקלעכע בילדער.

נאָר איין זאַך קאָן איך אויסדריקן, אַז אַחוץ איר דורכלעבן, האָט זי אַ שרעק־לעכן קינסטלעכן ווילן אַלעס איבערצוגעבן מיט אַלע דעטאַלן. נאָר אַ קינסטלער קאָן האָבן דעם כוח אַזוי איבערצוגעבן — ניט נאָר די ציטירטע פּאַראַגראַפן, נאָר אַלעס וואָס זי גיט איבער מיט אייזערנעם געדולד אין דעם גאַנצן בוך. ס'איז קיין ספק נישט חיה עלבוים דאָרעמבוס איז אַ קינסטלערין.

אַז איך האָב פאַרמאַכט דאָס בוך האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן: „שמע ישראל! . . . ווארום ?! . . . —פערלאַג „לעצטע נייעס", תל אביב.

רייזל גלאָס-פּענסטער: „זון אויף באַרג"

רייזל-גלאָס-פּענסטער האָט אירע דערציילונגען געדרוקט אין „פריהייט"; אפשר ניט אַלע. רייזל האָט אַ דערציילונג, וואָס האָט מיך געמאַכט צו פאַר־טראַכטן זיך. די דערציילונג איז אַ קורצע, אין גאַנצן אַכט זייטלעך, ניט פון גרויסן פאָרמאַט. די דערציילונג טראָגט דעם טיטול: „פאַר וועמענס זינד". איך האָב שוין עטלעכע אַזוינע דערציילונגען געלייענט אויף דער זעלבער טעמע: די דייטשן און די יידישע אויסראָטונג. אַגב, פון אונדזער אויסראָטונג — קאָן זיך — און זאָל זיך ניט אויסשעפּן פון דער יידישער ליטעראַטור. איך וואָלט די דערציילונג אָנגערופן אַ „פּלאַט", אַ טעמאַטיק פאַר אַ גרויסער אַרבעט.

אין אַכט קליינע זייטלעך האָט זי זיך ניט געקענט מער צוברייטערן, צושפּרייטן, ווי זי האָט עס געטאָן. זי האָט אַ דינאַמישע טעמאַטיק פאַר אַ גרעסערער אַר־בעט; זי קאָן פון דער דערציילונג אויסוועבן אַן אינטערעסאַנטן ראָמאַן. ס'איז דאָ מאַטעריאַל פון וואַנען זי קאָן עס שעפּן. איר לייענט איבער די דערציילונג. איר קאָנט ניט זיין צופרידן: די טעמע, פשוט, בעט זיך מען זאָל זי אויסברייטערן אויף א גרעסערן שטח.

די באַגעגעניש פון די צוויי יונגע קוזינס — מאָטל, וועמען די טאַנטע, די מומע, האָט אַראָפּגעבראַכט פון יענער זייט ים, פון דער שארית הפליטה. גע־בראַכט האָט זי אים פון „אייראָפּע", ווייל דער אומגעבראַכטער ברודער אירער איז צו איר געקומען פיל מאָל אין חלום און איר געבעטן, זי זאָל אַראָפּברענגען זיין זון נאָך אַמעריקע. זי, די שוועסטער פון איר דערמאָרדעטן ברודער, גאָסי, בעט זיך ביי איר מאַן, סעם, אַ מאַן וואָס איז „גוט אָפּ" אַז ער זאָל אַראָפּברענ־גען איר פּלימעניק, דאָס איינציקע איבערבלייבאַכץ פון רוצח־היטלער. איר ברו־דער, חיים, איז צו איר ווידער געקומען צו חלום, זי זאָל אים ראַטעווען; זאָל כאָטש איינער איבערבלייבן פון דער משפחה; כאָטש דער איינער! . . . אימער קומט ער איר צו חלום אין תכריכים פאַרבלוטיקטע. בעט זי זיך ביי איר מאַן: איר ברודער טענהט: — גיטי, דו ביזט געפאָרן נאָך אַמעריקע מיט מיין געלט."

דער מאַן וויל ניט קיין עסק האָבן מיט „גרינע". ער באַט איר אַן דימענטן און צירונג, אַבי זי זאָל אים צורו לאָזן מיטן פליט, מיטן גרינעם. נו, אַ פרוי פאַר צירונג . . . גיט זי זיך אונטער. אָבער קומענדיק מיטן צירונג, וואָס ער

האָט פאַר איר איינגעהאַנדלט, צו איר „ליידיס אָקזילערי" מיטינג — טרעפט אַזאַ מעשה: אַז איינע, אַ מיטגליד, האָט געפּראַוועט זייער „יובל חתונה", באַרימט זי זיך, יענע, אַז די פּרעזענטן, די מתנות, וואָס איר מאַן האָט איר געזאָלט איינשאַפן, האָט זי דאָס געשאָנקען און איבערגעגעבן פאַר אַראָפּצובריינגען אַ יתום פון אַ דערמאָרדערטער משפּחה. קיינער קוקט זיך ניט שטאַרק אום אויף גאָסיס פיינע צירונג, וואָס איר מאַן האָט איר איינגעקויפט, און וואָס זי איז געקומען זיך אויספיינען מיט זיי אויפן מיטינג.

אַ פאַרצאָרנטע קומט זי אַהיים און צעשרייט זיך און דערציילט איר מאַן אַלעס. דער מאַן, ווי די אַמעריקאַנער „בעביטס", רופט אויס: — ער וועט אַריבערברענגען דעם פלימעניק און אפילו מיטן ערשטן קלאַס וועט ער דעם גרינעם אַראָפּברענגען. זאָלן אַלע זען ווער ער איז!

דער גרינער איז ניט קיין קינד, ער איז אַ בחור פון נייצן יאָר. דער גרינער דאָ, האָט פיינט זיין מומען, וועלכע רעדט נאָר אויפן טעלעפאָן און נאָר פון דעם גרינעם, נאָר פון אים; נאָר זי באַרימט זיך אַז ער האָט איר אָפּגעקאָסט אַן אוצר, און דער אָנקל הייסט אים נאָר פאַרגעסן אייראָפּע!

— פאַרגעס „יוראָפּ", דו ביזט אין אַמעריקע! — פלעגט ער מיט אים איינטענהן.

ווי קאָן ער פאַרגעסן „יוראָפּ"?! אַגב, זיין קוזינע, מיט אַ פּאָר שיינע, רייצנדע בריסט, מיט איר יונגער ווייבלעכקייט, געפעלט אים יאָ! הגם זי מאַכט חוזק און רייצט זיך מיט אים, ווייל ער רעדט ניט גוט ענגליש. איינמאָל האָט ער זי אַ צי געטאָן צו זיך . . . האָט זי אים געסטראַשעט אַז זי וועט דערציילן דעם פאָטער. ווערט ער ברוגז און גייט ארויף אין זיין צימער און ער לעבט איבער זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, ביז ווי ווען ער האָט זיך געראַטעוועט פון היטלערן. די סצענע קומט פאַר צו היסטעריש, הגם מיט ליידן, מיט ווייטוט.

די טעמע האָט אַ סך אין זיך און בעט זיך צו מער שטח און אין אַ גרעסערער ראַם. דער עיקר מיט מאַטלען, דעם פּליט. דעם גרינעם, און די קוזינע, וועלכע געפעלט אים, הגם זי קאָן קיין יידיש ניט ריידן און לאַכט אָפּ פון אים.

דאָ, סיי פון אָנפאַנג, סיי פון סוף, בעט זיך פּשוט מען זאָל ברייטער אָנזען; ניטאָ קיין פולע בילדלעכקייט. די איינציקע בילד ווערט זיך אָן די מומע. הגם מען קאָן דאָך ניט פאַרלאַנגען צו דיספּאָנירן אין אַזאַ קורצער דערציילונג. אַגב, פון די עטלעכע דערציילונגען, וואָס איך האָב פון בוך געלייענט, איז די, די וויכטיקסטע, די שטאַרקסטע, דער קווינט־עסענץ פון איר קאַליגראַפיע.

דער בוך „זון אויף באַרג" האָט אַ פּראַלעטאַרישע ריטאַנדע מיט אַ זיידענעם אונטערשלאַק . . . מיט פּראַלעטאַרישע נטיות. רייזל־גלאָס־פענסטער האָט פּאַעטישע עמאָציע. זי קאָן שילדערן!

כ'האָב דיין פּנים נישט געקענט

כ'האָב דיין פּנים נישט געקענט, נאָר ווען דיך האָט באַרירט מיינע הענט,
— אַ שטראָם איז דורך אין מיין געביין, מיט מיינע הענט געפילט — ביזט שיין.

אַוועק ביזסטו פון מיר אַזוי, ווי אונטער די מאָרגן־טוי;
געקומען ביזסטו אומבאַמערקט און אומבאַמערקט זיך אומגעקערט.

נאָר פילן אָטעם־דיין וועל איך לאַנג: דיין קלינגענד שטימע ווי געזאַנג;
כ'האָב דיין פּנים נישט געזען, — כ'האָב געפילט דיין לייב, דיין ברען . . .

גבֿרי און די פּרויען

וואָס האָט געזוכט דוד פּינסקי, אַרויסצוברייננגען מיט זיין „גאַבֿרי און די פּרויען“? אין זיין טעמאַטיק טראָגט ער סימבאָליזם. ס׳איז דאָ פּיל עשירות פאַרן אויג און פאַרן אויער. ס׳איז בלי־ספק, אַ פּסיכאָלאָגישע און סימבאָלישע דראַמאַטיזירטע טעאַטער שטיק.

דאָ האָט איר די סיפּור המעשה. אַן עושר ערד־באַזיצער, שטערט זיין טאָכטער צו פירן אַ ליבע מיט איר געליבטן. די ווייב, די מוטער, איז אויך קעגן זייער ליבע. זי איז מסכים, זי גייט רגל־ורגל מיט איר מאַן קעגן דער טאָכטער׳ס ליבע.

זייער משרש, אָדער ערד אַרבעטער, ביים נאָמען לעם, וואָס איז כל־ניט קיין חכם, ווייס פון זייער טאָכטערס ליבע. ער ווייס, ווען און וואו זיי טרעפן זיך צוזאַמען. האָבן טאַטע און מאַמע זיך געגומען צו אים, צום אָרימען לעמ׳ען, אַז ער זאָל זיי מוסר זיין, אויסזאָגן, וואו זייער טאָכטער איז אַוועק זיך טרעפן מיט איר געליבטן, גאַבֿרין. ער קריגט מכות־רצח געשלאָגן. מען מאַטערט אים און ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט, — ער מוז זיך אונטערגעבן; ער מוז מוסר־זיין, אויסזאָגן, וואו זיי וועלן זיך טרעפן.

דער פאָטער איז אַ פאַרביסענער דעספּאָט, אַן אַכזר, זיין וואָרט, וויל ער, זאָל זיין משפּט. און וואו און ווער ס׳קומט אין זיין דרך, וועט ער אים צעטרעטן כדאי זיין אַווטאָריטעטישע גאווה און ווילן זאָל ער באַפעסטיקן. דיליידן, די יסורים פון דער טאָכטער גאַיל, וואָס ליידט פון דעם דעספּאָטישן פאָטער, וואָס וויל זיך ניט רעכענען מיט אירע געפילן און ברעכט איר האַרץ און לעבן.

אגב, די מוטער ווערט ווייכער. די מוטער ווייס דאָך וואָס ליבע איז. זי איז דאָך אויך געווען אַמאָל פאַרליבט. איר מוטער־האַרץ פאַרדריקט אויף די ליידן פון איר טאָכטער: אָט, הגם זי שרייט און פילדערט אויף איר, נאָר ווען די טאָכטער ברעכט צוזאַמען אין אַ ביטערן קלאָגן, דאַן אויך די מוטער, קאָן שוין ניט צוזען איר טאָכטער׳ס ליידן און צער, און זי ברעכט אליין אויס אין אַ ביטער געוויין.

אין סוף גייט גאַאיל אַוועק מיט איר געליבטן און פאַרלאָזט די עלטערן, און נעמען מיט זיך דעם משרש לעמ׳ען, — אַוועק זוכן אַ ווינקל, אַן אייגן ווינקל, וואָס ס׳זאָל ניט טרעפן, אַבי זיי וועלן זיין צוזאַמען.

מיט דעם סוף ענדיקט זיך דער ערשטער אַקט.

* * *

די בינע און די דעקאָראַציעס זיינען געמאָלן מיט עשירות און חשיבות. די גערטנער און די גאַנצע אַטמאָספערע איז אידיליש, — עס פאַרנעמט די אויג פון די פּייזשאַזן . . .

אין צווייטן אַקט זעען מיר שוין די פּאָרל וואָנדערן אונטער דעם ליזשאַנען־הימל, וואו די ליכט בייט זיך. ער מאָלט די אַטמאָספערע מיט פילע רייכע־פאַרבן און די ענדערונגען פון די ליכט, ווי ס׳וואָלט האָבן צו טאָן מיט זייער גורל . . . ווען פלוצים דערזעט גבֿרי אַ טייכל, — דאָס מיינט — טקוה . . . אַז דאָ וועלן זיי שוין קאָנען בויען זייער היים. סימבאָליש, אָדער איבערגלויבע־ריש. ווען זיי הייבן אָן בויען זייער ערשטן ווינקל און גאַאיל שרייט אויס:

— „אַ שטיין איז אין וועג, — דאָס מיינט אַ שלעכטער סימן . . . און

גבֿרי שרייט אויס:

— „איך וועל דעם שווערסטן און האַרסטן שטיין אָפּראַמען", — און ראַמט טאַקע גלייך אָפּ.

מיט דעם ענדיקט זיך דער צווייטער אַקט.

* * *

דער דריטער אַקט איז מיט צען יאָר שפּעטער, נאָכהער. צען יאָר האָט זי גענומען אויפצובויען זייער בית, זייער הויז. (דאָס איז אַ ביסל צו לאַנג, צו גוזמהדיק). גאַאיל איז שוין אַ מוטער פון פינף קינדער. אגבֿ, מוטיק טראָגט זי די שווערע אַכבאָדא פון אַ ווייב און מוטער. דער עול איז אַ שווערער . . . זי איז בכלל צופרידן און גליקלעך. זי איז אין העכסטן פּאַטאָס! אחרון, ווען זי האָבן אַ היים מיט איר געליבטן. מיטן פּאָטער פון אירע קינדערלעך. זי גרייט דעם טיש מיט ווייַן: יום־טובֿ־חנוכּת־הבית . . .

ווי שיין זענען די טאָסטן, וואָס אַ יעדער ווינטשט ביים טרינקען, אַ כּוס־ווייַן. נאָר אויף גבֿרין, אליין, ליגט אַ כמאַרע און יאוש און געוויסנביסע . . .

ביי זיי האָט זיך געהאָדעוועט אַ מיידל: די מיידל האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ בליענדע פרוי: לעם, דער משרש, האָט זי זייער געליבט. ער האָט זי פאַרגעטערט — און אפשר ווייל קיין אַנדערע איז דאָרטן נישט געווען. גבֿרי האָט זיך אויך אין איר פאַרליבט. איר יונגער צובליטער קערפּער האָט אים געשפּרט ביז משוגעות . . . זי איז געוועזן פון קליינער וואוקס. זי האָט זיך אויך איינגעליבט אין גבֿרין.

אין דריטן אַקט איז דאָ אַ שטאַרק דראַמאַטישע סצענע. ווען גבֿרי טראָגט די קליינע אויף די הענט. ווען פּלוצים דערוואַכט זיין פרוי: זי דערוואַכט מיט אַן ענטוישונג־געשריי. ווען זי טרעפט זיי אין אַזאַ פּאָזע . . . גבֿרי בלייבט שטיין משושטש, צוטומלט; נישט טויט, נישט לעבעדיק; ער שטייט צווישן פייער און וואַסער: כּאילו כּפאו שד. ווי דער טייפל האָט זיך אין אים פאַר־קליבן און יוצר־הרע וואָלט געממשלה'ט אין אים. דאָס איז די שטאַרקסטע, דראַמאַטישטע סצענע פון גאַנצן דריטן אַקט: די ערשטע סצענע פון דריטן אַקט.

אין דער צווייטער סצענע איז דאָ אַ שטאַרקע תאווה'דיקע בילד, אַ פאַר־שכור'דיקע תאווה. און ווי קינסלעך, ער, פּינסקי, בויט אויף די תאווה'דיקע ליבע פון אַ יונגער מיידל מיט דעם מיטליאָריקן גבֿרין; אַ זיינע קרעפטיקע, ראַיעלע סצענעס דערמאָנען מיר קאָברין'ס, די פישער דראַמע: „יאַנקל־בוילע".

דאָ ווייזט אונדז פּינסקי צוויי פרויען: איינע, וועלכע ליבט בלבֿ, מיט נשמה, מיט צערטלעכקייט, מיט אמת! . . . די צווייטע, — נאָר קערפּערלעך. און דאָ זעען מיר דעם פּאַראַלעל, די אַנאַלאָגיע פון צוויי פרויען. דאָ זעט זיך דער סימבאָליזם, וואָס דוד פּינסקי וויל אַרויסברענגען בולט. ווען גבֿרי, צו־טומלט, ניט אַהער, ניט אַהין: ער ליבט זיי ביידן, — ביידע געפעלן אים. און פּלוצים וויל ער זיי ביידן פאַרלאָזן און גיין אַ הוליע טאָן. אַזוי אין דער וועלט אַריין; זיין שרפה'דיקן שטורעם אויסלעשן.

דאָ פרעגט אים זיין פרוי:

— „און וואָס וועט דערנאָך זיין, ווען אַלץ וועט זיין אָפּגעשטירעמט?"

און גבֿרי ענטפערט:

— „וועל איך זיך אומקערן צו איינע פון אייך!" . . .

און די קליינע ענטפערט:

— „מיין טיר וועט פאַר דיר זיין פאַרשלאָסן אין דיין רעגרעס; איך וויל ניט קיין אָבגעלעבטן מאַן!

און דאָ ענטפערט אָפּ זיין פרוי, גאַאיל, אַז איר טיר וועט פאַר אים אימער זיין אָפן און אימער מיט כבוד און רעספעקט פאַר דעם פאָטער פון אירע קינדער.

דאָ זעט מען די אַנאַלאָגיע פון צוויי פאַרשידענע פרויען פון צוויי פאַרשידענע ליבעס און פארשטענדליך, — קאָנקוועסט. גייט צו גאַאיל צו זיין פרוי. היפּנאָטיזירט, לאָזט ער זיך פירן פון איר און הערט אויס, ווי זי מאָלט אים זיין אָפּגעשטורעמט לעבן און ווי ער קומט צו איר אַן אָפּגעלעבטער, פאַרעלטערט . . . ער הערט זי אויס און באַטראַכט זי און אינקליינד פאַר איר און קושט דעם זוים פון איר קלייד.

דאַן רופט זי אויס מיט פּאַטאָס:

— „מיין ליבער אַלטינקער . . .“

און אין סוף לייענען פילט איר, אַז זעטיקייט, פול מיט אשירות און מיט פּאָעטישער עברי און די דימענשיאָן פון יעדן זאַץ, ווי איר וואָלט געזען אַ שיינעם חלום, פול מיט חשיבות; אַ פּאָעמע־גראַטעסק!

דאָס איז אין מיין אינטערפּרעטאַציע: דוד פּינסקי האָט סימבאָלירט צו ווייזן אונדז, אַז אַן ערשטע פרוי און מוטער פון קינדער ווערט צוגעבונדן צום מאַן, און איז כל־ימים גרייט אים צו מחל־זיין און תמיד אים גרייט אויפצונעמען און מחל־זיין זיינע חטאים . . .

דער צווייטער צד איז קלאָר, וואָס זי זוכט — די חיה־שעה, ווען דער אַש שרפט . . . און דערפאַר האָט דער קליינערס מנעה, אַז זי וויל ניט קיין אָפּגעלעבטן; זי וויל ניט קיין אַלטן מאַן.

אַ זאַטיקע פּיעסע, אַן אידילישע זאַטיקייט, אַ נאָסטאַלגע . . .

די עמבריאָלאָגע פון דער גאַנצער פּיעסע און די פּעריפעריִ זעט מען, אַז פּינסקי האָט באמת סימבאָלירט: אויב דאָס וואָלט נישט געווען סימבאָל, וואָלט זי געווען אָומקלאָר, וואָס ער וויל ברענגען מיט גברי און די פרויען.

(איבערגעדרוקט פון מיין זשורנאַל „דאָס פרייע וואָרט“, וואָס איך האָב רעדאַקטירט און ארויסגעגעבן אין ניו יאָרק אין 1916. דוד פּינסקי איז געווען אַ מיטאַרבעטער).

גליקלעך איז יענער

גליקלעך איז יענער, וואָס בויט נישט אויף פרעמדע ערד,
א רואיקן לעבן וועט גרייכן זיין שפּעטע צייט;
ווי איז צו יענעם, וואָס דאָס צווייטנס האָט נישט קיין ווערט,
ווייל גאָטס שטראָף שטייט פון אים נישט ווייט.

פאַרגעס נישט מענטש, ביזט באַלעבאָס ניט איבער זיך,
וואָס דו טוסט, וואו דו גייסט, שטייט איבער דיר אַ וואַך;
נאַטור, אָדער גאָט, וועט שוין באַשטראָפן דיך: —
וואו דו זאָלסט זיך נישט פאַרבאָרגן, אין גאָס אָדער אונטער אַ דאַך.

ציבעלעס, אוגערקעס און פלוימען

לייענדיק דאָס פאָרוואָרט פון בוך „אָניאָנס ענד קיוקאָמבערס ענד פלאָמס״, צוזאַמענגעשטעלט אין יידיש, און יידיש לעטאַנישע בוכשטאַבן, און איבערזעצט אין ענגליש פון סערע זוויג בעטצקי. דאָס איז אַ מין אַנטאַלאָגיע פון 46 לידער. אגב, איז דאָס ניט קיין אַנטאַלאָגיע. דער אַרויסגיב פון בוך איז מיט פול עשירושקייט, וואָס איז גאָר, גאָר אַ זעלטנהייט, וואָס איך האָב געזען די לעצטע צייט אין ביכער־מאַרק בכלל. עס פעלט קמצנות אין דער אויסגאַבע. וואָס מיר געפעלט אין איר ענגליש איז די פשוטקייט פון דער פּראָפעסאָר־פרוי, בעטצקי. זי וויזט זיך נישט אַרויס מיט „האי סאַונד אינטעלידזשענט ענגליש״, ווי ס׳טוען ביי אונדז אסאך יידן, וואָס פאַרדעקן מיט העברייאיזמען און פרעמדע ווערטער און אונטן איז חשך ווי די נאַכט.

אין דער פאָרעדע זעט מען, אַז זי האָט זיך מישב געווען מיט חברים, בלי־ספק ,וואָס, וויסן וועגן יידיש־היסטאָרישע ליטעראַטור מכל־הארץ.

הגם, ווי ס׳וויזט זיך ארויס נאָך איר איבערזעצונג, אז זי באַזיצט נישט גוט, פולקאָם, דעם יידישן לשון. וואָלט זי באַזעסן גוט יידיש, וואָלט זי אַזוינע טעותן ניט געמאַכט. פון אַן אַנטוואָרטלעכער פּראָפעסאָר ווי סערע בעטצקי איז תביעות מער ווי פון א פשוטן איבערזעצער. איז דער שטייגער . . . א פּראָפעסאָר דאַרף זיין בטוח. וואָלט זי אַריינגעקוקט אין אַ ווערטער־בוך (יידיש־ענגליש, ענגליש־יידיש). זי טרייבט אַמאָל דעם מחבר צו איריטאַציע. און ווער וואָלט ניט, ווען ער לייענט זיינע אַן איבערזעצונג, וואָס דאָרטן איז: לא הא ולא הא?

וואָלט זי געזאָגט, אז איר איבערזעצונג, אז ס׳איז א פרייע איבערזעצונג, וואָלט עס אויך ניט די אַטראָפּיע ניט געגאָלט, ווייל זי וואַרפט אריין ווערטער, ווי למשל, לייענט אין איין סטראָפּע דריי טעותן.

דאָס איז אין קאדיע מאלדאַווסקיס א ליד:

ווען ס׳בלאַקעוועט מיין אויג,
איז גוט, וואָס ס׳בלייבט דער הימל
בלוי,
און ס׳איז דער וואַלד באַהויכט
מיט גרינעם זומער און מיט טוי,
און נאָך, „ענד מאָר״
און נאָך, „ענד מאָר״
מסתם מיט גאָט,
ווייל אויסער גאָט קאָן גוט נישט
זיין אַזוי.

When my eye loses its hue,
It is good that the sky stays blue,
And the forest is *ruled*.
By green Summer and by dew
And too
And too
probably by God
For without God such good cannot
be.

זי האָט געמיינט און אויך און אויך.

איך האָב נישט געהערט אַזאַ וואָרט פאַר באַטויכט, מען זאָל איבערזעצן: „רולד״. ס׳איז דאָ דריי גוטע איבערזעצונגען פאַר דעם וואָרט „באַטויכט״: „פאַג״, „מיסט״, „הייז״. ס׳איז דאָ נאָך ווערטער פאַראַן. ענגליש איז רייך מיט ווערטער, ס׳איז גרינג צוצוקלייבן אין ענגליש פאַר אַ יידיש וואָרט.

אָט האָט איר אַ פערז אין סוצקאָווערס ערשטע ליד, וואָס זי פאַרפעלט אַ ווערטפולן וואָרט:

Here is a willow near the river

„אַ ווערבע פאַזע טייך איז אויך פאַראַן: „אַלסאָ״, האָט זי דורכגעלאָזן. דעם אויך לאָזט זי דורך, אַלסאָ!

אין מער פון אַ העלפט פון דעם בוך איז פשוט׳ע טעותן, ווייל ס׳איז איר פרעמד דער יידיש.

ס׳איז אַ גרויסער הזיק, וואָס אין אַזאַ וואונדערלעך ענגליש, וואָס וואָלט פאַרעושרט דאָס יידישע ליד אין די אויגן פון דעם ענגלישן לייענער, האָט פיל פאַרלאָרן, ווייל זי האָט זיך ניט מישב געווען מיט א יידישן פּאָעט, וואָס וואָלט אָנגעוויזן די טועתן.

אויך נישט אַלע לידער זיינען ווערטפול פאַר אַזאַ אַנטאלאָגיע: צופיל האָט זי אריינגענומען — גלאַטשטיינען. מען האָט געדאַרפט אריינגעמען אַזוינעם ווי לייליעס, גלאַנץ און ניט צופיל פון איינעם. ער איז אָבער אַ בעסערער פּאָעט ווי פילע אַנדערע, וואָס זיינען אריין אין די 46 לידער. ס׳איז אין כלל דיס־האַרמאָניע די קראָנאָלאָגע, — די קאָאָרדינאַציע . . .

נו מיך צוריק אומקערן און אָנווייזן, אַז זי באַזיצט ניט פאָלקאָם דעם יידישן לשון: „און נאָך און נאָך״, אין קאדיע מאלדאוווסקיס ליד האָט זי געמיינט: „און אויך און אויך״ דערפאַר האָט זי דאָס איבערגעזעצט: „ענד טו ענד טו״. דאָס איז אימפּאָניע . . . פאַר אן איבערזעצער, וואָלט זי הגם געזאָגט אָ פרייע איבערזעצונג וואָלט קיינער צו איר קיין טענה נישט געקאָנט האָבן.

אגב, האָט זי פיין איבערזעצט ייציק מאנגער פאָלקס־לידער און מיט גראַמען דערצו.

לגמרי, קאָן מען זאָגן אָביעקטיוו, סומירן, אַז זי האָט עפּעס נייעס אויפ־געטאָן.

אַי, ווען איך באַזיץ איר גלאַטן ענגליש, — ווי גרינג וואָלט מיר אָנגעקומען איבערצוזעצן מיינע ווערק! . . .

אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו״, — ברוך־הבא, שרה זוויג בעטצקי.

ארויסגעגעבן פון „דעטרויט וועין סטייט יוניווערסיטי פּרעס״, פינף דאלער,

טאהאנגאַ, נאָוועמבער, 1958

שלום אַש

(„אין זיין לעצטער היים״ פון יצחק פאַנער)

איך האָב זיך תמיד געהאַלטן פאַר אַ מליץ־יושר פון שלום אַשן.

ראשית, ווען איר לייענט וועגן שלום אַש׳ן פון זיינע סעקרעטאַרן, פילט איר, אַז ער איז אַלעס מחבר און מענטש — און בכלל אַלעס קינסטלער, פיל העכער פון געוויינלעכן כלל־מענטש. ער האָט דורכגעלעבט זיינע טעמפּערדיקע אַקציעס, וואָס דאָס געוועלטיקט אין א יעדן קינסטלער — און בכלל קינסטלער — אָן אונטערשייד: שרייבער, מאַלער, סקולפּטורן — וכדומה. זיין נשמה — יתרה, וואָס אַ קינסטלער פאַרמאָגט, וואָס סע ראַנגלט זיך אין אים דער שאַפער, דער בויער, איז אין אַ תמידיקער ויתרצצו מיט זיינע עמאָציעס. ער קאָן אַמאָל בעגיין טעותן: סתריתן פון זיין דרך־סינטעזע.

וואָס איז אַ קינסטלער? א כוח־הדימיון אין אַ מענטשלעכער נשמה: אַ באַשאַפער פון כלא־ידע בויט ער אויס עלמות; אינערלעכע און אויסער־לעכע — אַספּיראַציעס.

שלום אַש איז געווען אַ האַראַפּאַשניק. מען רופט עס אין רוסיש — אַ „פּלאַטניק״ . . . שלום אַש האָט געקענט אויפשטעלן אַ בנין מיט די שענסטע מעלות. נאָר ניט איינמאָל האָט עס נישט גוט געשטימט ווינקלדיק — ניט גיאָמעטריש . . . אַזוי ווי דער פּלאַטניק, וואָס אַרבעט מערסטן מיט האַק און האַמער: דאָך ממשותדיק און קרעפטיק: — אַ שטאַרקע געביידע, וואָס איז אמתדיק גוט! אַ שטאָליער, מיט כלערליי געצייגן, ווי: הובלען, דלאָטעס און פּיילן און אַנדער מכשירים, וועלן דאָך נישט קאָנען צוזאַמענשטעלן אַ שטוב, ווי דער פּשוטער פּלאַטניק מיט איכות!

ס׳איז דאָ, ביי אונדז, שרייבער, פּילע שרייבער, וואָס זיינען קלאָר אין הילכות — גראַמאַטיק, אין פּונקטואַציע, און ס׳טויג אויף כפּרות זייער שרייבן! זיי פאַרדעקן מיט העברעאיזמען און מיט פרעמדע ווערטער באַפּאַרבן זיי, פאַר־שמירן די טאַנדעטנע שטעכן . . .

יאָ, שלום אַש איז געווען אַ „פּלאַטניק״; מען האָט געדאַרפט איבער־קוקן, בדיקה־זיין זיין שרייבעכץ, זיין אויסלייגן, זיין גראַמאַטיקע, אגב איז ער געווען אַ גרויסער קינסטלער און אַרכיטעקט און געוואוסט סיסטעמאַטיש וואו צו שטעלן יעדן חדר, וואו ס׳פּאַסט בעסער און שענער פאַרן בנין — פאַר דער געביידע.

דזשאָ דייווידסאָן, דער פאַרשטאָרבענער גרויסער סקולפּטור, האָט מיר איינמאָל באַזוכט אַנצוקוקן מיינע סקולפּטורן, וואָס איך האָב איינגעשטעלט אין מיין גאָרטן — האָב איך אים געזאָגט:

— פּריינט דייווידסאָן, מיינע סקולפּטורן אין מיין גאָרטן האָב איך נאָכגעטאָן אייער טעכניק; אייער דרך — רוי אין „סטאָקאָ״, אגב פון וויטן לעבט עס! . . .

האָט ער מיר גיענטפערט:

— זיינען זיי מיר טאַקע מער געפעלן, ווי אייערע גלאַטע, אויסגעפּוצטע און אויסגעפּיילטע . . .

אזוי איז אויך שלום אַש. אין זיין שרייבן האָט ער, הגם נישט, נישט פּונקט־מאַטעמאַטיש צוגעקלאַפּט אַ קאַרניז, אגב ס׳איז געווען אין ריכטיקן מקום. דברים העומדים ברומו של עולם. דברים נכומים: מען האָט געמוזט! ס׳האָט זיך אָנגעזען: — אַ האַראַפּאַשניק — אַ קינסטלער, וואָס האָט געבויט די שענסטע בנינים און עשירות־פּאַלאַצן פאַרן אויג און באַקוועמלעכקייטן. מיט אַ פעדער־פען — מיט אַ האַק, האָט ער אונדז רייך געמאַכט . . .

לייענדיק יצחק פאַנער׳ס „שלום אַש״ האָט מיר געבראַכט צו חקירה׳נען, אַז מיין לעבן און שאַפן האָט אַ שטיקל אַנאַלאָגע צו שלום אַש׳ן: אין שרייבן איז ער אַ ריז אַ קעגן מיר . . . אגב, ביי די גוים בין איך דאָך „סאָמטינג׳: מען האָט מיר דאָך צוגעטיילט דעם „מאַרק טוויין אינטערנאַציאָנאַלן אַוואָרד״ מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. און אין 1956 איז דערמאָנט געוואָרן מיין בוך „יאָקל־מעלאַמעד״ פון די פּאָליצער ביכער פּרעמיע. איך קאָן נאָך. איך האָב נאָך מעלות — חרש־בעל־מלאכה: כ׳בין א סקולפּטור אויך. אַ מאָליער אויך: אפשר וואָלט איך געווען אַ גאָר גוטער מאָליער אויך? . . . וויל איך נישט שטיין אין דרך מיין זון — א באַרימטער מאָליער! וויל איך ניט מען זאָל רעדן: — נאָך אַ דיימאָנדשטיין א מאָליער איז דאָ.

יאָ, איך דערמאָן זיך. כ׳בין איינמאָל געקומען צו מיין זון׳ס אַן אויס־שטעלונג, וואו צענדליקע מאָליער און קריטיקער זיינען געקומען צו דער

אויסשטעלונג, האָב איך געהאַט מיט זיך אַ ביסל פאָטאָגראַפיעס פון מיינע סקולפּטורן, האָט מען מיך שיער צוריסן אין שטיקער. אַלע האָבן געוואָלט קוקן אויף מיינע סקולפּטון און מען האָט פאַרגעסן וועגן מיין זון׳ס אויסשטעלונג! הייסט עס, בלייב איך ביי מיינע סקולפּטורן און צייכנונגען — ניט מאָלן!...

נו, צוריק צו שלום אַש׳ן:

—אַש׳ן האָט מען פאַרפאָלגט פאַר זיינע גוישע ראָמאַנען, — מיך, פאַר האָבן צו טאָן מיט די לינקע.

— אַש האָט ליב געהאַט צו זאַמלען אַנטיקן, — איך דאָס זעלבע.

— אַש האָט גיאַרבעט לאַנגע שעהן, — איך דאָס זעלבע.

— צו אים זיינען געקומען פיל באַזוכער, — צו מיר, פיל, פיל מערער!...

מיין הויז איז אַן הכנסת־אורחים: ער, גראָדע, ניט אַזאַ גרויסער מכניס־אורח געווען.

ער — האָט צוגעלייגט צו זיינע ביכער, — איך אויך!

שלום אַש האָט געמוזט זוכן פּרנסה, האָט אים אָפּגעגאָלטן, — זיינע ענג־לישע ביכער, פילע טויזנטער ביכער האָב איך זיינע פאַרקויפט.

— אָך, די וואָס האָבן אים זיין לעבן פאַרביטערט, פאַר׳מרור׳ט, וועלן אויף יענער וועלט האָבן זייער משפט... און אפשר אַ ביטערן סוף אויך?

דער בוך „שלום אַש" (אין זיין לעצטער היים" פון יצחק פאַנער, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקערן רשם, ווי שלמה ראָזענבערגס, בוך! ווייל ראָזענ־בערגס איז וועגן אש׳ן געשריבן געוואָרן, ווען אַש איז געווען אַ ריז... אַ גיבור! אגב, יצחק פאַנער׳ס בוך, „שלום אַש" איז געווען זיין לעצטע היים!... שוין אַ נאָכגעבער!...

יצחק פאַנער׳ס „שלום אַש" איז געשריבן געוואָרן בלב, מיט האַרץ, מיט עמאָציע. פול מיט אַדמיראַציע פאַר שלום אַש׳ן, מיט דרך ארץ און אַלץ — בלחש... הגם ס׳איז אַ טאָג־בוך, אַ רעפּאָרטאַזישער־כראָניק, דאָך קאָן דאָס ניט אָנגערופן ווערן — רעפּאָרטאַזש: ביאָגראַפישער־כראָניק זאָל דאָס פאַר־רשמה׳ט, פאַרצייכנט ווערן: ס׳איז אַ שטיק לעבנס געשיכטע פון אַ גדול, וואָס מען האָט פאַרפאָלגט, פערמאַטערט!...

איך האָב דעם בוך געלייענט מיט אַ צובראָכן האַרץ, מיט אַ פאַר־קלעמטן געמיט — מיט שנאה, מיט האַס צו זיינע פאַרפאָלגער — זיינע שונאים...

אל תשליכנו לעת זקנה! ווען איך האָב פערמאַכט דעם ספר, האָט זיך ביי מיר ארויסגעריסן...

זאָל דער בוך שטיין, ווי אַ מצבה פאַר זיינע פאַרפאָלגער!...

טאַהאָנגאַ, מאַרטש, 1959

ס׳איז נאָך ניט...

אַ זון איז מיין לעבן פערגאַנגען, טונקל געווען מיינע טעג.
זינגט זיך נאָר אומעט געזאַנגען, — מיט דערנער פאַרלייגט איז מיין וועג.

אַ שטערן געווען איז מיין הימל, שרעק, וואו כ׳שטעל נאָר אַ טראָט,
דעמפט איז מיין לעבן מיט שימל, — יעדער באַקוקט מיך מיט שפּאָט.

גיי איך אַרומעט געבויגן, אַ שטילער אין פינסטערע נעכט;
ווי עמיץ וואָלט פאַרן ארבל געצויגן: — ס׳איז נאָך ניט — גאָר אַזוי שלעכט!...

חיים שוואַרץ : „אונדזער דור״

„און אויב אין דיין יאָגן־זיך גיריק נאָך רויב
וועסט אַ צינד־טאָן דעם פּלאַט פון אַטאָמישן שטויב —
וועלן דורות, וואָס קומען, דיין נאָמען פאַרשילטן,
אויב ס׳וועלן נאָך קללות
אויך דאַמאָלט נאָך גילטן . . .״

אַזוי פאַנגט ער אָן דאָס ליד, נאָך דעם שטאָקהאָלמער פרידנס־רוף. דער שטאָקהאָלמער באַשלוס, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן מיט דעם פאָלגענדן רוף, לייענט זיך אַזוי :

„מיר פאָדערן דעם אומבאַדינגטן פאַרבאָט פון אַטאָמישע וואָפנס . . . מיר האַלטן, אַז די רעגירונג, וואָס די ערשטע באַנוצן זיך מיט אַטאָמיש געווער קעגן וועלכן עס איז אַנדער לאַנד, וועט באַגיין אַ פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט און זאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ קריגס־פאַרברעכער.״

דאָס איז דאָס טרויעריקסטע וואָס די צוקונפט פון דער מענטשהייט קאָן דערוואַרטן. אין די ווערטער פון דעם אויפרוף ליגט אַזוי פיל וואָרנונג, אַזוי פיל דענונציזירונג, אַז קעגן דעם מחבל איז ניטאָ קיין דעפיגירונג, קיין באַשיצונג, קיין פאַרטיידיקונג !

אין דעם רוף ליגט דאָך אַזוי פיל געבעט נאָך מענטשלעכן רחמנות. דער גריציזמוס פון אַ רוף פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן ברייעם פרעמד שפּריכוואָרט : פרידן, רחמנות ! און ווייטער גייט זיין ליד :

„און אויב אירע הענט וועט אַ מאַמע פאַרברעכן,
ווייל דו וועסט די פרייד פון איר לעבן פאַרשווענכן ;
אַ טאַטע וועט לויפן נאָך קינדער אין פלאַמען
און וועט שוין פאַרבלייבן
מיט זיי דאָרט צוזאַמען ;

די קללה פון דיין טראָט וועט פאַרלויפן
און טרעפן אין שטעט דיך, אויף גאַסן און הויפן !״

אַ נביאישע וואָרנונג טראָגן די ווערטער. די שטראָף וועט צו דיר גרייכן. די קללה פון דיין טראָט וועט פאַרלויפן און טרעפן אין שטעט דיך, אויף גאַסן אויף הויפן !״ דו וועסט אומברענגען, אגב, וועסטו אויך דיין שטראָף באַקומען : „מען וועט דיך טרעפן אין שטעט, אין גאַסן און הויפן.״ די קללה פון פאַרניכ־טונג — דאָס איז מלחמה ! און ווייטער זאָגט ער : „אויב ס׳וועלן מער שוין קיין קללות ניט גילטן, — וועט הימל און ערד דיך אויף אייביק פאַרשילטן ! נו, גע־וויס, ווען דער אַטאָם וועט די וועלט, אָדער אַ טייל פון דער וועלט, פאַרניכטן, ווען די ערד וועט גאָרניט פאַרמאָגן, ווען אַלץ וואָס האָט געלעבט, געבליט און געוואָקסן, וועט שוין ניט זיין מער, וועט די וועלט שילטן ! ווייל די ערד מיטן מענטשן זיינען איינגעוואוקסן — ווי מוטער און קינד. ס׳גלויבט זיך גאָרניט אויב די וועלט וועט אויסהאַלטן אָן דעם אָטעם פון אַ לעבעדיקן נפש ! „וועט הימל און ערד דיך אויף אייביק פאַרשילטן !״ ער גיט נאָך צו : אויב די ערד וועט ניט זיין

בכוח, וועש דער הימל צוהעלפן. און איך וויל צוגעבן מיין נביאישקייט:

אַ לאַנד וואָס וועט אין דער איצטיקער מלחמה, גאָט באַהיט, אויב ס'זאָל קומען, וועט נוצן צו ערשטן די אַטאָם־באָמבע, וועט די ערשטע אונטערגיין! זי וועט פאַרהאַסט ווערן פון דער גאָרער וועלט, און באַשטראָפט פערן פון דער נאַטור, וואָס דאָס שטימט כמעט מיט חיים שוואַרצעס ווערטער.

חיים שוואַרץ באַלאַנגט צו די פּאָפּולערע לינקע פּאָעטן. חיים שוואַרץ ציט זיין יניקה און השפעה פון דער אַלטער שול רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן, ווי: באָוור־שעווער, עדעלשטאַט, ראָזענפעלד, און וועבט זיי איבער אין מאָדערנער עפּאָכישע. ח. ש. איז שטורעמדיק, ציטנוויז באָמבאַסטיש. אגב אַ רעוואָלוציאָנערער פּאָעט מוז זיין באָמבאַסטיש, ווייל ער מוז נוצן רעטאָרישע אַגיטאַציע: רוף צו דערוואַכונג. כ'מיין, ער נוצט עס ניט אין אַלע לידער. ח. ש. האָט אַ קרעפּטיקע פען, דורכגעזאַפּט מיט אַ שטאַרקן ריטם. נאָכן לייענען זיינס אַ ליד, פילט מען אויפגעבערויזט, ווייל יעדעס ליד הייסט פאַרלאַנגען און מאָנען קעגן די מלחמה־צינדער. ער זינגט עס אַרויס מיט שווערדן־שאַרף. — און אָט ווי ער זינגט:

„שוין ווידער פויקט דער באַראַבאַן פון האַס
און וואו אַ שלאַנג — איר קאָפּ הייבט אָן פאַררייסן;
און וואו אַ וואָלף — ער גרייט זיך טאָן אַ נאַש
און מיט דעם קרבנס ביינער צו פאַרבייסן . . .״

די גאַנצע ליד איז מיט שטורעם, פּראָטעסט און מאָנונג. אָט רעדט פון אים אַרויס דער ווי פון דאָס יידיש האַרץ, וואָס אין מילשטיין האָט זיין פאַמיליע־שטאַם מסתמא אויך פאַרשלונגען; טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער, און דעם דריטל פון זיין פאָלק.

„צי האָט מיין פאָלק אַ דריט־חלק פון גוף
אויף בייזע מילשטיינער פון קריג צעמאָלן,
צו הערן ווידער דעם פאַרדאַמטן רוף:
צו אָנפילן מיט טרערן אַלע טאָלן?״

ער ווייסט, ווער דער ערשטער, אמתר, קרבן איז פון קריג. יאָ, דער ייד! אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט געשווענקט דאָס יידיש בלוט אין פוילן, אין ווייס־רוסלאַנד, אין רומעניע, און אין קליין־רוסלאַנד. ווער קען פאַרגעסן: קאַלטשאַק, דעניקין, פעטלורא און די אַנדערע שוואַרציאַרן, וואָס האָבן געגאָסן יידיש בלוט ווי טייך־וואַסער.

ער האָט אַ באַלאַדע וועגן דריי טייכן, וואָס דאָס אַליין גיט אים דעם כבוד צו טראָגן דעם נאָמען פּאָעט. דאָס איז אַזוי זאַפטיק געמאָלן, אַזוי האַרציק עמאָציאָנאַל, אַז איך האָב זי נאָך אַ צווייט־מאָל איבערגעלייענט.

און אָט ווי ער פאַרענדיקט דאָס ליד:

„עס האָבן פּאָעטן געזונגען אַוודאי
פון קעניגן, פרינצן און ריטערלייט סתם;
נאָר איך האָב געזונגען אַ נייע באַלאַדע
פון טייכן פון דריי, וואָס באַגריסן דעם ים . . .״

זיין גאַנצער שרייבן איז דינאַמיש. אַנדערע פערזן זיינען אַזוי קרעפטיק און שאַרף, לאַקאָניש, וואָס לאָזן זיך געדענקען פאַר אַ לאַנגער צייט.

„מאַרק שאַגאַל" (פּאָעמע) פון אהרן קורץ

אהרן קורץ איז איינער פון די מער קולטורעלע, אינטעלעקטועלע לינקע שרייבער.

זיין בוך „מאַרק שאַגאַל", מוז איך זיך מודה זיין, ליגט שוין ביי מיר איבער אַ יאָר שוין עטלעכע מאָל האָב אים איבערגעבלעטערט די פּאָעמע „מ. ש."

דאָס בוך איז דאָך אַזוי שיין אַרויסגעגעבן. פשוט, פאַר זיין פּראַכט־אויסגאַבע, איז ווערט צו שרייבן אַ רעצענזיע וועגן אים. אָבער ס'האָבן צו מיר ניט אַפּעלירט די לידער — די לידער, ווי די בילדער. צייטנווייז האָבן מיך אַפילו אַנדערע, דערגעגנירט: די לידער אַזוי צוקרימט, ווי די בילדער.

שבת־נאַכט, דעם אַכטן מאַי, האָט אהרן קורץ געהאַלטן אַ פאָרטראַג (אין לייבערערי קולטור ־קלאַב אין ל. א.) איבער דער טעמע „מאַרק שאַגאַלס בילדער". ער וועט אויך פאָרלייענען זיין פּאָעמע איבער „מ. ש."

הגם ס'נעמט אַ לאַנגע צייט צו פאָרן אַהין, האָב איך געוואָלט הערן וואָס ער האָט צו זאָגן (איבער „מאַרק שאַגאַלס בילדער"). איך האָב געמיינט, אַז ער וועט ריידן איבער זיין קונסט. אָבער ס'איז בעסער אַזוי, דאַכט מיר, וואָס ער האָט זיך ניט אונטערגענומען אָפּשאַצן זיין קונסט. אָבער דורך זיין אינטערפּרעטאַציע פון שפּרינגען און פליען, ציגעלעך און הענדעלעך, האָט ער ווירקלעך אויפגעטאָן אַ שיין שטיקל עבודה.

אויך זיין פּאָעמע, וואָס איז פול מיט ציגעלעך, און הענער, שפּרינגענדעכער, פליען אין הימל און טאַנצן איבער שטיבער, האָט ער אין זיין רעציטאַציע, מיט דער הילף פון אַ זינגערין, אַרויסגעבראַכט טעאַטראַליש מיט נייע פאַרבן. ווייל די „פּאָעמע" איז פאַלקסטימלעך געשריבן געוואָרן. זי איז כמעט געשאַפן פאַר געזאַנג אָדער דעקלאַמאַציע. דאָס אויסדעקלאַמירן, דאָס אויסזינגען, האָט דאָס רעטושירט! ס'האָט אַרויסגעבראַכט דאָס פאַרזעענע, וואָס מ'פילט ניט ביים לייענען. ווען איך האַלט דאָס בוך אין האַנט און קוק אין דעם אַריין, ווען איך קום צו אַ שטיין אין וועג, — נעם איך צוהילף די דעקלאַמאַציע, אָדער איך זינג אונטער, וואָס, אַט אַזוי, פאַרשווינדט דער שטיין פון וועג. אַט וועל איך וואָס איבערגעבן, ניט אין פערז, נאָר אין פּראָזע ־ זאָג:

„אַמאָל, אוי אַמאָל, אוי אַ מאָל, אַמאָל, אַמאָל, אוי אַמאָל איז געווען אַ מעשה, אַ מעשה, אַ מעשה און אַמעשה פון אַ מעשה."

נו, ווען מען לייענט אַזאַ מין שטיק פּאָעזיע, — ווי קען מען עס אָננעמען פאַר פּאָעזיע? טראַכט איך: דער ייד מאַכט זיך נאַריש און האַלט דעם עולם פאַר אַ גולם. טראַכט איך ווייטער ביי זיך: ער האָט זיך געמוזט אָפּלערנען פון אונדזער „גדול" יעקב גלאַטשטיינען, וואָס פאַראינזיכיסטעוועט מיט אַזוינע פערזן. אַט הערט — דאָס איז פון גלאַטשטיינס בוך „קרעדאָס":

„זעבא, העבא, קאַם און טו. דאבא, ליומא, טיסי;
אזאמיני, שוימאנטו, אייזקולי, מאמאנטי, צובאוויסטי קיסטי;
זאלדי, האלדי, ווינדילי, גאלדא, בענדי, קראני.
וואנדאפערי, קאטילי, קרענטי דענטי, אַ לאַלי, צעני, דוימאזאנטי!"

ווי געפעלט אייך אַזאַ מאַכערייקע? איידער אַזוינע, ווי די אויבן־געזאָגטע, איז שוין בעסער אהרן קורצעס, ווייל אין אהרן קורצן, אַז מען דעקלאַמירט, ווערט אַרויסגעבראַכט אַ זין; ניט גלאַט געפּלאַפּלט . . . נאָר אַז מען איז רייך,

איז וואָס דער רייכער זאָגט; מעג זיין די גרעסטע שטותים, נאַרישע פּלפּולים, איז דאָס חכמה!

אויב זוכן קלאַנג־וואָרט אין פּאָעזיע, מעלאָדיע, מוזיק, ריטם, — זאָל מען זיך ווענדן צו ה. רויזנבלאַטן. רויזנבלאַט איז פול מיט אַלע פריער־גע־זאָגטע מעלות. אָט, למשל, האָט איר אַ פּאָר פערזן פון רויזנבלאַטס אַ ליד:

„פרילינג, פרילינג . . . בלוי און גרין . . .
אין דעם רויז־קוסט שפּילט די בין.
אויף דעם גרעזל פלינק און גרינג,
טאַנצט און גלאַנצט דער שמעטערלינג."

דאַרף מען באַלאַמוטשען און זוכן דברים־קלאַנגען? אָט האָט איר ווער־טער־קלאַנג, ריטם אין אַ פּרעכטיק מאַלעריש בילד. (לייענט אין היינטיקער אויסגאַבע די רעצענזיע פון רויזנבלאַטס אַנדערע מוזיקאַלישע לידער).

אָט איז נאָך אַ סטראָפע פון אהרן קורצעס בוך. ווען מען זינגט עס, ברענגט עס אַרויס — שטימונג:

גרינער באָק,
טראָגט די פאָן פון פרילינג,
ציגעלע, מיגעלע,
לעב אַ טאָג —
ביסטו פון דער זון אַ צווילינג."

וואָלט איר פרעגן — וואָס איז דאָס? אָבער פון זיין אינטערפּרעטאַציע, ווי פון די בילדער, וואָלט די אויסטייטשונג געמיינט: „גרינער באָק", גרינע גראָזן, יונגעביימעלעך, בלומען. און אָט די אַלע געגנשטאַנדן: „טראָגט די פאָן פון פרילינג" . . .

ביי קורצן האָט דאָס אַן אינטערפּרעטאַציע צו די בילדער. ער פאָרט זיין ליד צום בילד. און ווידער, ווערט עס אויסגעזונגען, און אין זינגען קען אַלץ מיטגיין. מען זינגט אַפילו אָן ווערטער.

און אָט האָב איך געפּאַקט, אין דעם בוך, אַ שטיק, אַן איבערגעטראַכטע, גוט אויסגעפאָרמטע, וואָס ברענגט אי קלאַנג, אי זין, — כמעט אַ שטיק פי־לאָזאָפיע:

„די וועלט
קען ניט ווערן אַלט. צו לעבן —
מוז זי ווערן יינגער — און זי ווערט.
אַזוי דער שטאָט, די שטאָט, די היים, די שטאָל,
אַזוי זשעני,
וואָס ליגט אין ביכער און אין בילדער, מאַרקס אַזוי
איינשטיין און אַזוי —
שאַגאַל, און וויטמאַן.
יינגער ווערט מיט יעדן טאָג — ווערט יינגער אויך
צו מאַיקאָווסקיס - פאָלק
קומט יעדן טאָג אַן יינגערע, ווי ער אליין ווערט
יינגער
אינאיינעם מיט
זיין פאָלק."

אָבער זיין נביאה איז צוברעקלט געוואָרן. דער הויפּט פאַרן יידישן פאָלק און זיינע זינגער און לויבער צו די מאַיקאָווסקיס פאָלק.

און ס'זיינען דאָ פילע אַזוינע חכמהדיקע, קורצע און לאַנגע סטראָפן. פאַר מיר מאַכט זיין פאַרלעזן, דעקלאַמירן און זינגען מער געמיטלעכער, ווי דער לייענען פון בוך. אָבער איין זאַך בין איך זיכער: זיין פּאָעמע איז אַ גוטע אינטערפּרעטאַציע פון שאַגאַלן.

ה. רויזנבלאַט — „אונטער גאָטס הימל"

איך בין געווען אַ גרויסער פאַרערער פון ה. רויזנבלאַטן נאָך פון יענער צייט ווען איך בין דאָ אין לאַנד אָנגעקומען, כ'מיין ווען איך בין געווען אַ „גרינער". זיין ערשטער בוך האָט מיך באַצויבערט. אַ שאָד וואָס איך האָב עס ניט אין מיין ביבליאָטעק. ווייזט אויס, כ'האָב זיינע ביכער, און די ביכער וואָס איך האָב אָפּגעשיקט נאָך די חורבֿע לענדער, אויך אַוועקגעשיקט, הגם כ'האָב נאָך צוויי צימערן מיט ביכער, ניט אַלע יידישע . . . און זוכנדיק אין די פּאָליצעס האָב איך דאָך געפונען זיינס אַ בוך, אויך פון די יונגע, פריערדיקע יאָרן — „אונטער גאָטס הימל".

דער דייטש זאָגט: ווילסטו דעם דיכטער קענען, „גיי לעב אין זיין לאַנד"! איך גראָדע האַלט ניט פון דער פראַזע. איך זאָג: ווילסטו דעם דיכטער אָפּשאַצן, לייען זיינע לידער, ווייל פיל אַנטוישונגען קומען, אי פון דעם לאַנד, אי פון דעם דיכטער. דאָס איז מיין דערפאַרונג רעפּוטאַציע . . .

אַלזאָ, וועלן מיר צוטרעטן צום בוך לידער „אונטער גאָטס הימל" פון ה. רויזנבלאַט. הגם דאָס בוך איז גאָר פון זיינע ערשטע ביכער, האַלט איך, אַז זיי זיינען פון די בעסטע, ווייל מיר זיינען זיי צום האַרצן; ווייל זיי זיינען פול מיט יוגנט־פלאַם, פול מיט פאַרב, וואָס יוגנט לעבט דורך. ער זינגט:

„וואָס צינד איך גאָר מיין לעמפּל אָן?
אַליין אין הויז וואָס וועל איך טאָן?
דאָס לעמפּל צאַנקט,
דער שאָטן קוקט מיך אָן —
וואָס זאָל איך טאָן?
וואָס זאָל איך טאָן?"

און ווייטער —

„וואָס צי איך גאָר מיין זייגער אָן?" (ז. 19).

ניט אַיעדער האָט ליב די איינזאַמקייט. מענטשן, וואָס האָבן ניט אַדורכגעמאַכט דעם שטורעם פון לעבן, דעם הו־האַ, וואָס בענקען נאָך די בליצלאָמפּן, נאָך טאַנץ און דערוואַרטונג . . . פאַר זיי איז די איינזאַמקייט ווי שווערע וואָג. קיינער קומט צו זיי ניט. עלנט, נאָר דער שאָטן קוקט זיי אָן. זיי זיינען נאָר מיט זיך. זיי ווייסן ניט, וואָס צו טאָן מיט זיך. זיי בלייבן עלנט מיט דער פראַגע: וואָס זאָלן זיי טאָן? דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש:

„געשטאָרבן איז מיין בענקעניש,
מיין בענקעניש נאָך דיר.
געשטאָרבן איז מיין לעצטער טרייסט! —
און אומעטיק איז מיר,
אומעטיק איז מיר!" (ז. 29).

אַט איז ער אַדורכגעגאַנגען פון דער נאַאיווער בענקעניש די אומשולדיקע, וואָס ער האָט ניט געקענט אָפּשאַצן, וואָס ער האָט זיך אַליין געפרעגט: „וואָס זאָל איך טאָן?" ער האָט שוין דערפאַרונג געקראָגן: ס'איז געשטאָרבן זיין בענקעניש", דאָס אומשולדיקע, וואָס האָט זיך געצאַפּלט: „וואָס צי איך מיין זייגער אָן?" ער דערוואַרטעט קיינעם ניט; נאָר דאָך דערוואַרטעט ער. — אומבאַ־וואוסטזיניק . . . פריער דערמאָנט ער ניט „אומעטיק איז מיר", נאָר שפּעטער, די דערוואַכונג גיט אונדז האָפענונג. מען פרעגט זיך: נאָך אַלעמען . . . — ווערט אומעטיק! דאָס איז סאָליד, עכט, ראַיעל:

„וועל בענקען נאָך מיין בענקעניש! —
אוי ווינד איז מיר און ווי." (ז. 26).

ה. רויזנבלאַט איז אויך אַ מאָלער, און שטעלט זיינע מאָלערייען און פּאַסט זיי איין אין געשמאַקספולע ראַמען, וואָס גיט זיי צו ליכט און שאָטן:

„פון ראָזן קומט די זון אַ גאָלדענע צו שווימען"
און —
„די וואָלקן־פליטער קומען אין דעם וואַסער־שטראָם זיך שפּילן."
(ז. 30)

אין זיינע ליבעס־לידער פילט זיך עקסטאַז און עמאָציע. ער איז יונג. ער וויל ניט טראַכטן, ווי אַיעדער יונגער מענטש, ווען ער איז יונג; שטעלט ער איין, ער גייט דעם שטורעם אַנטקעגן, ווייל ער איז יונג! ווייל ס'איז אין פרילינג: ער איז פריי פון רעקאַלעקציע. אַזוי איז דאָס לעבן:

„איך וויל איצט ניט טראַכטן,
איך וויל איצט ניט קלערן:
ווי לאַנג וועט דער פרילינג,
דער פרילינג געווערן?"

און שפּעטער אין די עלטערע יאָרן, ווען דאָס געלע בלעטל קומט אָן. דער ערשטער אָסיען, גראָע האָר אַביסל. דער ווינטער — די עלטער קומט . . . אויך איצט, זאָגט רויזנבלאַט, גיב זיך ניט אונטער — ווי לאַנג ס'איז לעבן דאָ; ליבע . . . נעם, ווי לאַנג דו קענסט! . . . און וויל ניט סומירן:

„דאָס געלע בלאַט פון בוים — רייס אָפּ,
די גרויע האָר רייס אויס פון קאָפּ,
און דריק דיין ליבסטע האַרציק צו,
דריק שטאַרק! — ביסט יונג דו, טפּש דו!" (ז. 34).

ווי ס'בייט זיך דאָס לעבן, פון דער פריערדיקער בענקשאַפט ביז דעם פּאַטאָס פון האָפן, האָט איינע אָפּגענאַרט — אומטריי געוואָרן? אַוועק מיט אַן אַנדערן? האָט ער מוט און האָפענונג. אין גאָרטן זיינען דאָ אַ סך בלומען, די וועלט איז פול מיט פרויען:

„דו האָסט מיך פאַרביטן — טאָ וואָס מאַכט עס אויס,
איך קלעם זיך אַ האָר ניט . . . די וועלט איז נאָך גרויס!
פאַראַן שיינע פרויען, פאַראַן אומעטום,
וואָס איז דען דער חילוק? — אַ בלום איז אַ בלום". (ז. 65)

אַמאָל צעשפּילט זיך זיין וויזע, די פאָלקסטימלעכקייט, און ער צעזינגט זיך — ריטמיש, ליריש, פּשוט, ווי די ווערטער וואָלטן קלאַווישן געהאַט. איך מוז דאָס ציטירן, ווייל דאָס צויבערט און גלעט, ווי אַ פרילינג־ווינטעלע, ווי אַ קינדעריש הענטעלע וואָלט אייך געגלעט, אָדער אַ קינדערשער פּלאַפּל:

„אַ רויזעלע, אַ בלימעלע, אַ שטראַל, אַ טראָפּן טוי,
אַ חנדעלע, אַ שמייכעלע — אַ קוש, נו, אָט אַזוי!
אַ סטעזשקעלע . . . אַ וועלדעלע . . . אַ שאָטן און אַ בוים,
אַ מעשהלע, אַ שבועהלע . . . אַ שטערנדל . . . אַ טרוים . . .
אַ בלימעלע, אַ קוויטעלע . . . אַ שמעטערלינג, אַ בין . .
אַ לידעלע, אַ טרערעלע, און אויס, אַרויס פון זין . . .״ (ז. 66)

אין זיינע לידער פון צער, אונטער צוויי זונען, לידער פון קאַמף און האָ־פענונג, צעשאָטענע קארעלן, און אַלע ביבלישע, מלחמה־בילדער — אין אַלע לידער איז אָריגינאַליטעט — און דער פאָרם און ריטם איז איינגעזאַפּט אין פאַרשטעלונג־קראַפט. זיין וויזיע ברענגט אייך צו די העכסטע ספערן. זיינע לידער זיינען: מאַדריגאַל, דענקענד, ליריש.

אָט זיינען זיינע קינדער־לידער, ווי מעשהלעך, וואָס ווילט זיך לייענען און לייענען. ס׳איז אַן אמתער אָפּטייל פון פּערל — פאַר קינדער. נאָך מיין מיינונג, האָט ער זיי געמעגט איבערדרוקן, אָדער מאַכן אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר די ערשטע קלאַסן. קינדער וואָלטן פיל געוואונען און הנאה געהאַט:

„קליינע קינדער אין די וויגן,
אַנגעזויגן זאַטע ליגן,
מיט פיסעלעך פאַרהויבן,
און זיי וואָרקען ווי די טויבן:
נע . . . גע . . . . גו . . . ס׳מיינט מסתמא
„פאַר דער מילך אַ דאַנק דיר מאַמע!״ (ז. 161)

און ווייטער —

„צווישן ווייטע וואָלקנס פליטער,
הענגט ער אויף דיין רעגנבויגן.
טוט אַ פלאַטער, טוט אַ ציטער: —
פּ־ער־ר־ר־ר
און — אַוועקגעפלויגן.״ (ז. 163)

הגם דאָס בוך איז איינס פון זיינע ערשטע קאָלעקציעס, איז עס איינס פון די קרעפטיקסטע, אויסגעשליפנסטע פון זיינע לידער.

ה. רויזנבלאַט איז איינער פון אונדזערע קלאַסיקער, ווי רייזן ,לייוויק, ראָזענפעלד, יהואש און פילע אַנדערע. ווי ער זאָגט פריער „ביסט יונג דו, טפש דו״. רויזנבלאַט, הגם ער גייט ווערן אַ בן שבעים, אָבער ער איז נאָך אַ שטייף־ייד, וואָס ס׳זעט זיך ניט אָן זיינע יאָרן. ער וועט נאָך געגוג שרייבן. ער שרייבט נאָך איצט גאַנץ גאַנץ יונגע לידער . . .

ווען זיינע אַנדערע ביכער — אַ צווייטן מאָל.

1949

סעם ליפּצין: „אַמאָל איז געווען״

סעם ליפּצין איז אַן אייגנאַרטיקער פּראָדוקטיווער שרייבער; איינער, וואָס וויל אריינקוקן אין זיין פאַרגאַנגנהייט, דער עיקר, די נאָדל־אַרבעטער; זאָלן זיי לייענען זיין בוך: „אַמאָל איז געווען״. ער האָט פּשוט אויסגעפּשטלט אַ פּאָפּולערע היסטאָריע פון סוועטשאָפּ; אַ פּאָפּולערע היסטאָריע פון טרייד־יוניאָניזם אין אַמעריקע. ס׳איז ניט אַ טרוקענע היסטאָריע אין פולן וואָרט, ווייל אונטער דער פּען פון דעם הומאָריסט ס. ל. איז דאָס געוואָרן אַ היסטאָריע פון היסטאָרישע עפּיזאָדן אין אַ הומאָריסטישער שיסל. איר לייענט היסטאָריע אין אַ ווייכן, זאַפטיקן יידיש־בילדלעך פון לעבן, ווי אַ דיאַפּאָן איז יעדער קאַפּיטל. ס׳איז אַ גרינג־לייענדיקער בוך און אַ וויליק־לייענדיקער בוך.

די עפּיזאָדן עפענען פאַר אייך אַ געשיכטע פון אַרבעטער קלאַס, וואָס דער אַרבעטער האָט געהאַט אויסצושטיין פון די פּאַראַזיטן: די באָסעס!! די שקלאַפעריי, די קייטן, וואָס דער אַרבעטער האָט צעריסן, זיינען געווען שווערע און דיקע. וואָס ס. ל. כאַפּט אויף, הגם מען זעט ביים לייענען אַז ס׳איז ניט קיין פיקציע: ער האָט די עפּיזאָדן אליין דורכגעמאַכט, אַדורכגעלעבט. זיי זיינען קרעפטיק, אַזוי טרעפלעך און קלאָר, ווייל סעם ליפּצין זוכט טעמאַטיק, מיט טניותדיקן אונטערשלאַק, ניט נאָר דער אונטערשלאַק, נאָר דער קאָלנער דאַרף אויך פאַרמאָגן טענדענץ.

סעם ליפּצין איז אַ פּראָלעטאַריער, דורכגעווייקט מיט דעם שוויס פון סוועטשאָפּ, אַזוי איז אויך זיין שאַפן פּראָלעטאַריש פון אלף ביז תו. ער דאַרף זיך ניט קוועטשן און זוכן ווערטער, ווי פילע אַנדערע שרייבער! . . .

אין זיינע עפּיזאָדן גייט איר מיט אים דורך ליידן און פריידן. דערהויפּט זיינען זיי לאַקאָניש. ס׳איז פּשוט, אָן פאַרטיפטקייט, פאָלקסטימלעך. מען דאַרף זיך ניט גראָבן. ס׳איז ניט צופיל מיט ליטעראַרישן יויך! . . . אַגב גרינג פאַרן פאָלקס־מענטש. איר לייענט און ס׳ווילט זיך ווייטער גיין, ווייטער לייענען. און דאָס אליין פאַרמאָגט קינסטלעכקייט, וואָס פאַרנודיעט ניט דעם לייענער, נאָר פאַרקערט: עס טרייבט צו לייענען. ווי אַ ליכטיקער זומערטאָג פילט זיך ביים לייענען; אַ וואָרימקייט, אַ גראָז־גרינקייט פאַר די אויגן!

ס׳ווילט זיך אויסשרייען: ווי הויך האָט זיך איצט דער אַרבעטער אַ הויב געטאָן פון יענער שקלאַפעריי, פון יענער עפּאָכע, פון יענער תקופה!

אָט, ביים שרייבן די שורות טראָגט מיר דורך אין זכרון יענע תקפה, וואָס איך האָב אַליין דורכגעלעבט, געשקלאַפט אין די שעפּער אין היץ און אין קעלטן. עלף שעה אַ טאָג פאַר דריי־פיר דאָלער אַ וואָך, מיט מיינע אייגענע געצייגן. אַך, אַך! וואָס פאַר אַ שקלאַפעריי איז דאָס דאַן געווען! איך וועל דאָס אייביק געדענקען, דער עיקר דאָס שלעפּן דאָס קעסטל מיט די געציי גן!

סעם ליפּצינס בוך דערמאָנט עס מיר! . . .

דעם אַרבעטערס נצחון גייט פאַראויס!

„מעקסיקאַנער זיגזאַגן" פון אברהם ווייסבוים

איך לייען אַ בוך פון מעקסיקע, „מעקסיקאַנער זיגזאַגן" פון אברהם ווייס־בוים.

ביי אונדז אין אַמעריקע האָט מען אויפגעהערט געברויכן גאַנצע ענגלישע זאַצן און פּאַראַגראַפן. איך אַליין פלעג אין מיין פּראָזע באַנוצן די אויבן דער־מאָנטע אין ענגליש. און אַזוי פלעגן, פילע, אַמאָל שרייבן דאָ אין מדינה. הגם איינצלנע דיבורים, ווערטער, וואָס זיינען שוין איינגעפלאַנצט כמעט אין יידישן לעבן, ווערן נאָך עד־היום גענוצט און געשריבן פון פילע יידישע שרייבער, מחברים מיט נעמען ווי: אָפּאַטאָשו, רייזען און פילע אַנדערע.

„מעקסיקאַנער זיגזאַגן", אַ בוך פעליטאָנען, הומאָרעסקעס, מאָנאָלאָגן פון מעקסיקאַנער לעבן. ביים לייענען פאַרגעסט מען זיך, אַז מען לייענט זאַכן פון אַ מעקסיקאַנער לעבן, ווען ניט דער שפּאַנישער לשון, שפּאַנישע דיבורים, שפּאַ־נישע זאַצן. ווען דאָס וואָלט געווען ענגלישע זאַצן, ענגלישע דיבורים, וואָלט דאָס געווען, פּונקט אַזאַ פעליטאָן, מאָנאָלאָג, הומאָרעסקע פאַר אונדז אַמערי־קאַנער. קלאָר, אילומינירט, בילדלעך און זאַפטיק, ווי זיי זיינען געשריבן גע־וואָרן אין מעקסיקע. די טיפּן, די בילדער זעען מיר בלי־ספק דאָ אין אַמעריקע נאָך מער ווי אין מעקסיקע . . .

אין מעקסיקע, וואו עס וואוינען אַביסל מער פון 10,000 יידן, איצט, בלי־ספק פיל מער, ווי ווען די רעצענזיע איז געשריבן געוואָרן, וואו ביי אונדז אין אַמעריקע, קען מען זיי צוזאַמענציילן אין עטלעכע גאַסן. עס מיינט, ביי אונדז אין עטלעכע גאַסן געפינען זיך מער יידן ווי אין גאַנץ מעקסיקע, און אַזוינע טיפּן האָבן מיר געזען דאָ גאַנץ אָפט און געהערט די פּויליש־גאַליציאַנער הברה. ווען איך בין געקומען גרינערהייד דאָ, האָב איך פּשוט ניט פאַרשטאַנען אַ סך מענטשן, ווען זיי פלעגן ריידן צו מיר, זייער פּוילישן־גאַליציאַנער דיאַלעקט. פּשוט, ווי ענגליש. הגם ענגליש האָב איך דערוואַרטעט, אַז איך קען ניט און דאַרף זיך לערנען צו פאַרשטיין. אָבער יידיש ?! . . . מילא, ליטוואַקעס, וואָס פלעגן רעדן אַ „ס" פאַר „ש", האָט מען זיך געקענט צוגעוואוינען צום קליינעם חסרון, אָבער דעם פּויליש־גאַליציאַנעם לשון־דיאַלעקט, דאָס האָט מיך צוטומלט. פילע מאָל פלעג איך טראַכטן: ווי שרייבן די פּוילישע שרייבער, ווען זיי רעדן אַזוי ?

איך האָב געלעבט מיט פילע גאַליציאַנער, געאַרבעט מיט זיי. ניט זייער מעשה־עסק, ניט זייער דיאַלעקט האָט מיר צופרידן געשטעלט . . . פאַרגיב מיר גאָט פאַר זאָגן דעם אמת! . . . איך האָב אויך געלערנט אַ סך פון פּויליש־גאַלי־ציאַנער „שראַבער". דאָס האָט ניט צו טאָן מיט זייער טאַלאַנט! . . . דאָס האָט צו טאָן מיט זייער תבונה, מיט זייער האַנדלונג! הגם נישט אַלע . . .

אָט די, וואָס האָבן אין דער היים געקוועטשט דעם „גראַצער" ביז שוויס אין לאַדאָנע האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, געוואָרן „אַלרייטניקעס", „אַ וואָיע איז מיער". זיי שילדערט דער טאַלאַנטפולער אברהם ווייסבוים. ער וויזט און מאָלט, ווי די דאָזיקע גאַליציאַנער, הגם ניט אַלע זיינען ווי ער שילדערט זיי, „וואָס קוועטשן דעם גראַצער" אין לאַדאָן ביז עס שוויצט די האַנט. אָט האָבן מיר אַ גאַליציאַנער שרייבער, וואָס הייסט (מלך ראַוויטש) און ניט קיין רייכער דערצו, האָט געקראָגן 1,000 דאָלער פון שוואַרצן פאַר אַ שטיק שרייבערישע מלאכה און האָט עס אַוועקגעגעבן פאַר די פּליטים־מחברים פון איראָפּע. קען איך אַנ־דערע, וואָס ? — וואָס מאַכן געלט פון ליטעראַטור, ניט נאָר גיבן זיי אַוועק אַ

פאַר „גראַצערס" זייערע, נאָר באַרייסן נאָך די פּליטים! . . . (אויך אַ פּוילי־שער . . .) און אברהם ווייסבוים מאָלט זיי אין זייער אמתן פּרצוף.

ווי אברהם ווייסבוים מאָלט די גאַליציאַנער־פּוילישע אַרויפגעאַרבעטע (מעק־סיקאַנערס) איז ווי ס׳וואָלט געווען אויסגעמאָלן געוואָרן אויף אַ לייוונט; ווי איר וואָלט זיי אָנגעקוקט דורך אַ שפּיגל און געזען זייערע העויות, ווי זיי בלאָזן זיך, ווי זיי קאָקעטירן. איר מוזט זיי האָסן . . . ווייל איר זעט די אַרויפגעאַר־בעטע קריכן אויף גלייכע ווענט! . . . ס׳איז פּשוט הומאָריסטישע סאַטירע! דאָס זיינען שניידנדע אמתן. דער לשון אליין, ווי זיי רעדן, קאָפּירט ער די ריינעווירקלעכקייט, פון דעם מעקסיקאַנער „אַלרייטניק", נאָך מער: — „אַלרייטניצע".

אָט וועל איך ציטירן אַ פּאַראַגראַף, אָדער צוויי פון אברהם ווייסבוימס בוך: „אַ מאָנאָלאָג".

„עס קומען אַריין די קולטור־טוער און בעטן אַביישטייערונג פון אַ רייכער גאַליציאַנער פרוי. זיי בעטן איר אַ הונדערטער: (אַרום 18 דאלער — אַמערי־קאַנער . . .) און זי ענטפערט:

— „נאַיין, נאַיין! הינדערטערס גוער? וואַי איז מיער! יעך גיב נישט קאַ הינדערטערס! סאַ ביטערע צאַט, מען דאַרף חתונה מאַכן דאָס שטיקל מאַידל, דאָס יונגל לערנט זיך אין די שטאַטן, מ׳דאַרף קאַנטשען דאָס נאַיע האָז, מען דאַרף באַטן דאָס מעיבל, צי דעים דאַרף מען האָבן געלט. סאַ ביטערע צאַט!"

זי וויל ניט געבן. דינקט זיך. זי גיט אַ פינפעריל, אַרום 80 סענט. די קול־טור־טוערס ווילן נאָר אַ הונדערטער. זיי ווייסן, זי קען געבן. ווערט זי בייז:

„עטץ וויל ניש נעמען? . . . נעמטץ ניש! איז נישט געטאַנצט מיטן בעיער! יעך וואַרף זיך ניש מיט קאַ הינדערטערס".

אָט אַזוי רעדט אַ גאַליציאַנער אַרויפגעאַרבעטע יידענע, וואָס דאַרף מאַכן איר טאָכטער חתונה און שיקן דעם ייִנגל לערנען זיך אין די שטאַטן. און ווייַ־טער קריכט אַליין אַרויס פון אירע דיבורים! . . . „אוי, די גאַליציאַנער, וואָס קריכן אין אייער טעפּל און קוקן אין אייער שליסל־לאָך: אַי וואַי איז מיער"! און אָט דברט ביי אים שוין אַן אויסגעמענטשלטע יידענע, אויך אַן אַרויפגעאַרבעטע.

— וואָס דען? וועלכער ייד אין מעקסיקע איז ניט קיין אַרויפגעאַרבעטער? וואָס גייט טרעפּ אַרויף, העכער און העכער. פון אַ הינטער גאַס מיט קליינע דריי צימערלעך, צו געהויבענע גאַסן מיט מער און גרעסערע חדרים. און צירונג, דימאַנטן אויף די פינגער. זי דאגה׳ט נאָר, וואָס מען טראָגט ניט קיין רינגעלעך אויף די גראָבע פינגער; זי הייסט „יענטע טיניפעצקי", די ריכטיקע געלט־זאַק, וואָס וויל זיך ניט טרעפן מיט די יעניקע, וואָס קאָנען זי פון פריער. פון איר ניט אַרויפגעאַרבעטע גדולה . . . ממש זי קריכט אויף גלייכע ווענט, זי וואוינט שוין אין דער הויפּט־גאַס, אין דער הויפּט קאָלאָניע; זי איז ניט צופרידן מיט דעם, ווייל אַנדערע לעבן דאָרטן, וואָס קענען זי פון פריער, פון אַמאָל, ווען זי איז געווען אָרעם! . . . אַ קבצנטע . . . זי פאַרלאַנגט פון מאַן אָט אַזאַ קלייני־קייט: ער זאָל איר קויפן אַ קאָלאָניע, אַ קאָלאָניע פאַר איר אליין. פאַרשטייט איר, וואָס אַן אַרויפגעאַרבעטע „יענטע" פאַרווילט זיך? זי האָט אַ פעטער, וואָס לאַכט פון איר, וואָס זעצט אויס, וואו זי גייט, טראָגט זי אירע ברילִיאַנטן און ער שטראָפט איר:

„יענטע, צו וואָס דאַרפסטו די דימאַנטן, ווען דו דאַרפסט גיין אין מאַרק אַריין קויפן עטלעכע הינער? צו וואָס דאַרפן אַלע אין מאַרק קוקן אויף די ברי־ליאַנטן? אויף דיינע צוועקעס? . . .

„זאָג איך אים געלאָסן, פּעטער טייערער, וואָס אַרט דאָס אייך, אַז איך גיי אין מיינע בריליאַנטן ווען איך וויל און וואו איך וויל? וואָס אַרט דאָס מיך אַז יעדער איז מיר מקנא? האָסטו געהערט אַביסל? כ'האָב זיי ביי קיינעם נישט געגנבעט „די טשעוועקעס מיינע".

און ווייטער זאָגט זי, האָט זי זייער גרויסן האַרצוויטיק, וואָס איר שלי־מזל, איר מאַן מיינט עס, וויל זיך איינשאַפן אַ ביבליאָטעק:

„אַט פאַלט אים איין אַ נייער שמע קולנו אין קאָפּ אריין. ער וויל זיך קויפן אַ גרויסע יידישע ביבליאָטעק, די גרעסטע יידישע ביבליאָטעק אין מעקסיקע. אַזאַ איינפאַל גאָר!"

אַזוי גיסט זי אויף אים אויס אירע בייזע חלומות, אויף איר מאַן:

„וואָס־זשע דאַרפסטו אַ פּאַפּירענע מצבה אין הויז אַריין?"

אַזוי טענהט די אַרויפגעאַרבעטע „יענטע" . . . און ביכער איז ביי איר אַ פּאַפּירענע מצבה . . .

„זעט איר, אַנשטאָט אַ ביבליאָטעק קויף איך מיר גלייכער אַ ביסל זילבער אין הויז אריין".

דער בוך איז דורך און דורך פאַרכאַפּענד, עס רעגט! די גאַנצע פּערי־פּערע איז ווי אַן איבערגעטראַכטע סאַטירע, און אַ גוואַלדיקן אויסגעשריי פון פּראָטעסט צו די „יענטעס" און גאַליציאַנערקעס.

אברהם וויסבוים האָט געוואונען דעם „צבי־קעסטל־פּרעמיע" אין מעקסי־קע. ער האָט עס כשר פאַרדינט פאַר זיין בוך, וואָס ס'איז בלי־ספק אַ פאַרגעניגן צו לייענען, וואָס דערפרישט די האַרץ מיט קלוגע שאַרפע דיבורים! . . .

הגם ס'איז דאָ עטלעכע שוואַכערע זאַכלעך, ווערן זיי פאַרזען ווי אַ פאַר־דאַרטער עפּל אויף אַ זאַפטיקער צייטיקער רויט־פאַרביקער בוים אין אַ סאַד . . .

אַפּריל 1949

וואָרנונג! . . .

ניו יאָרק, גרעסטע שטאָט אין דער וועלט, מיט שטיין־באַדעקטע גאַסן;
דיינע טורעמדיקע שטאָליגע געביידעס אויסגעקעסטלט אין גלייכע פּאַסן.
דיינע סקווערן ווי טרעפּן, העכער, העכער, ווי פּיראַמידן איינגעפּרעסטע:
רייכקייט וואַרפט זיך אין די אויגן — האָסט אויך גאַסן שמוציקע, פאַרפּעסטע . . .

ביזט ווי אַ שיין געקליידעטע פרוי, נאָר די שלעפּ פאַרשמירט מיט בלאָטע;
וואו דער לעבן ז'טונקל, גרוי, — וואו ס'האָדעוועט זיך — ציכאָטע . . .
ס'האָדעוועט זיך דאָרטן פּראָסטיטוציע; ס'פּלאָדעוועט זיך דאָרטן —
האַס און פאַרברעכן.
„אַפּיום, עסט אויף זייער לעבן, — אַט די וועלן אייך אַמאָל פאַרשטעכן . . .

די אָרעמגאַס, די סלאַמס, איינגע שטיבער, וועלן נקמה פון אייך פאָדערן;
זייער פאַרטרונקייט שטייגט אַריבער פון קאָפּ ביז די פּיס אָדערן.
היט זיך ווען זייער ווייטיק וועט דערגרייכן לעצטע מדרגה; —
צו שפּעט — די חרטה, דער טאָג: וואַרט ניט אויף דער לעצטער רגע! . . .

הערש שישלער — ערנסטער שפּאַס

הערש שישלער האָט מיט אַן אַכט־צען יאָר צוריק שיין ארויסגעגעבן אַ בוך הומאָרעסקעס. דער לייענער וועט געפינען די רעצענזיע איבער יענעם בוך אין פאָראויס, אָדער פון אחר דעם היינטיקן אַרטיקל. הגם, דער אַנדערער אַרטיקל איז געשריבן מיט פיל יאָרן צוריק, דרוקן מיר זי איבער — צו אַנאַ־לאָגירן מיטן צווייטן, דעם ייצטיקן בוך. אגב, דער היינטיקער בוך האָט גאָר אַנדערע מעלות, אַכציק הומאָרעסקעס. איך בין מסכים אויפן טיטל פון בוך: „ערנסטער שפּאַס" — ס'האָט די פעריפעריע פון אַ גרויסן הויף מיט שכונים, ניין, פון אַ ישוב: ער איז אַ בן־בית פון יעדער אגודה. איר געפינט דאָרט, וואָס איר וואָלט וועלן אליין לייענען. ס'איז ניטאָ אַ יחיד, וואָס ער האָט ניט באַטינטלט. ער שאַניוועט לגמרי קיינעם ניט! . . . די מעלה, וואָס די היינטיקע דערציילונגען פאַרמאָגן — זיי זיינען מיניאַטורן; ער לייגט אַוועק איינעם און קאַטיוועט אים אריין, אַז איר פילט איר האָט הנאה פון די מלכות וואָס ער שיט אריין — אחת־ואחת, וואָס ער גיט זיי. דאָס אַלץ אין אַ זייטל, אָדער אַ זייטל און אַ האַלב.

אַ הומאָריסט מוז זיין אַ חכם! הומאָר, דער וואָס שרייבט, לחלוטן, דאַרף האָבן אין אים, אין זיך — די בייגיקייט פון לעבן. און ענייִם מכל־צדדים צו זען, ניט פאַרלירן אַ בליק; אַ קורצע דערציילונג, איז אַ קונסט פאַר זיך אליין; ער האָט די אינטואיציע; ער קאָן מכוון־זיין.

הערש שישלער — זוכט; דעת, חכמה, משמעות. ער קאַריקאַטורט און זיין אימיטאַציע — די קרומע דרכים פון לעבן — אין קורצע שטריכן — דאָ און דאָרטן, זעט איר, כמעט, אַ פאָטאָגראַף פון דעם יחיד, וואָס ער וויל פאַר אייך פאַרשטעלן און תמיד, פלאַגמאַטיש, ברייננגט ער זיין דבר צו סיליגיזמוס. ס'איז ביי אים אַלץ לאָקאַניש און צום פונקט; מיט מוסר. ער איז אַ מנם — אַ מומחה אין דער מלאכה.

אַט וועל איך ציטירן עטלעכע פּאַראַגראַפן פון זיינס אַ דערציילונג. די דערציילונג פאַסט זיך צו צו איינעם פון אונדזער אַ גבי — אַ טומלער: פשוט אַ דיקטאַטאָר און אוזופּאַטאָר! און אַט ווי עס גייט:

„ער האַלט זיך פאַר אַ כלל־טוער, אַ געזעלשאַפטלעכן טומלער. אַ ספּאָד־ניק דרייער. אַ פּאַרטיי־מאַן, אַ פּאָליטיקער. ער האָט אויך די מעלה זיין אַ גו־טער קאָרטן שפּילער, אַ „רייסעס"־מאַן. און היות ער איז אַ פּעאיקער מענטש, איז ער געוואָרן אַ פירער, — ער פירט ליבעס און פאַרפירט יונגע ווייבלעך, צו דעם אַלעס איז יענער אַ טרעזשורער. ער קלייבט אויך טשאַריטי, אָבער מען קלייבט ניט פון אים קיין נחת. ער זאָגט דעות, קריטיקירט, בייזערט זיך און איז אַ גרויסער כעסן. דער צו איז ער אַ נערוועאישער און קרענקלעכער. די קראַנקהייט זיינע איז וואָס ער מאַכט אַנדערע קראַנק . . . ער איז אַ צוזאָ־גער, זאָגט צו דאָס טעלערל פון הימל, מען זאָל מטריח זיין און עס גיין נעמען. אַ וואָרט־האַלטער איז ער אַלעמאָל, ער האַלט עס, אויביק מיט זיך. ער איז אַ ליבהאָבער, וואָס אַנדערע האַסן. ער איז אויך אַן עקשן; זאָגט אַלע מאָל פאַרקערט, און זאָלן מענטשן קראַפּירן . . .

ער איז א בעל הבית פון הייזער. ביי אים מוז מען צאָלן פינקטלעך דירה־געלט. אויב ניט שיקט ער זיינע שכונים אין די הייזער . . . אז מען קומט צו אים פאר צדקה זאָגט ער: עס פּאַסט ניט צו זיין קיין שנאָרערס, ס׳איז בישט שיין צו קלייבן, און ער שיקט אוועק די קלייבער מיט גאָרנישט.

דער באַקאַנטער ייד שטופּט זיך אומעטום. ער האָט געזונטע עלנבויגנס, מאַכט ער מיט זיי אַ וועג. זיין ציינגל איז שאַרף ווי אַ שערערס גאָל־מעסער, זיין דיבור איז ווי פון אן אַקס. ער שלאָגט זיך אומעטום אַ וועג. ער איז פּעאיק דורכגעשלאָגן זיך . . . מען טרעט אים יעדער אָפּ, און אַז מען טרעט נישט אָפּ, טרעט ער יענעם אָפּ אַזוי, אַז דאָס טוט אים שטאַרק וויי . . .

אָט דאָס איז דער באַקאַנטער ייד, וועמען איך קען. ער איז אַ פיינער עקזעמפּלאַר, אַ מאָדנער ייד. איר מוזט אים אויך קענען, אויב נישט באַקאַנט זיך מיט אים. וואָס, ס׳מוז דען זיין פּונקט ער, עס פעלן נישט ברוך־השם ענלעכע צו אים; פאַראַן גענוג אַזעלכע טיפּן. זיי זיינען דאָ לרוב. אַיי זיינען זיי דאָ, אָט די פּאַסקודניאַקעס! . . . (זאָל דאָס פּ. לייענען און די שמענדריגאַצעס וואָס לעקן זיינע פּיס).

דאָס איז נישט די גאַנצע דערציילונג; ס׳איז נאָר פּאַראגראַפן און פראַג־מענטן. אָך, דער ייד האָט געדאַרפט וואוינען אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָלט ער געהאַט טעמעס אויפן פּוד, ווארום די פּאַסקודניאַקעס, ווי ער ענדיקט, — וואָלט ער דאָ גיהאַט מיט אַ ווערך! בעיקר, וואָס איך האָב געלייענט פון זיינע סאַ־טירעס, פּאַסן זייער פאר קאַליפאָרניע: דער הויפּט פאר לאָס אַנדזשעלעס, וואו יעדער שמירער האַלט זיך פאַר אַ שרייבער . . .

ה. שישלער וואָלט זיי באַמאָלן,—ער האָט די פען,—ער קאָן די מלאכה . . .

שאל ראַסקין — „אַן אויסגעטראַכטער אמת״

שאול ראַסקין אין זיין ראָמאַן „אַן אויסגעטראַכטער אמת״, זאָג אין זיין פאָררעדע „צו מיינע לייענער״: „וועט ארויסרופן אַ ווידערשטאַנד צו מיינע לייענער״ — מוז איך איינשטימען מיט אים.

הגם דאָס איז נישט קיין נייער פאָרם, סיר העברי האָגאַרט, דער ענגלישער נאָוועליסט האָט פילע ראָמאַנען געהאַט פון יענער וועלט מעשות . . . אגב אין דער יידישער ליטעראַטור — איז דאָס ניי.

אויך זאָגט דער מחבר, „אַז מען זאָל דאָס נישט אָנעמען פאַר אַן אויטאָביאָ־גראַפיע, אַן אָפענע, אָדער פאַרשטעלטע. ס׳איז עס ניט. ס׳איז אוטאָביאָגראַפיש, אָבער ס׳איז ניט קיין ביאָגראַפיע. אפשר איז עס, ווי דער מחבר זאָגט, אַז ס׳איז יאָ, אָדער ניט! און אפשר פילט מעןביים לייענען, אַז דער מחבר האָט געוואָלט באַשרייבן אַ ביאָגראַפישע געשיכטע, — נאָר ס׳איז נישט! ועל כולם האָט דער מחבר, ווי אַלע מאָליער, עפּעס געוואָלט, עפּעס ניי, עפּעס אַבסטראַקט, אַ פאַר־שטעלטע, מיט נייע אָריענטאַציע אונדז עפּעס־וואָס ברייגגען. ער, ווי אַ מאָליער, וויל ער עפּעס אריינברייגגען ווי מיטן בערשטל — וויל ער עפּעס אריינברייגגען מיטן פען אויך . . .

לייענדיק טיילן, האָב איך געפילט פענאָמענאַל ער מאָלט מיטן פען ווי מיטן בערשטל. און וויטער ברייגגט עס אריין אַצומישענעס: איר ווייסט נישט וואו און ווען, — איר ווערט צומישט: זינא, ליזאַ. איר ווערט צומישט! און

אַזאַ נישט אָביעקטיווען שרייבן דאַרף אוודאי שפּילן אַ ראָלע די נעמען; האָבן מער דעפיניציע. זינאַ, ליזאַ, האָט געדאַרפט איין נאָמען האָבן מער ווי צוויי זילבן. מען זאָל זיי קאָנען אונטערשיידן. למשל, ליזאַ און שולמית, אָדער לינאַ און ליזינקע. פילט מען אַז דאָ איז צוויי פאַרשידענע נעמען, פון צוויי פּערזאָנען. איך האָב גילייענט די צוויי נעמען, די פריער דערמאָנטע, און איך האָב זיך צעפּלאָנטערט, וואָס טוט זיך דאָ? ווער איז ווער?

און ווידער שמועסן, האָט דער מחבר געוואָלט דאָ אויפטאָן. צי ס׳האָט אים געלונגען פון אַזאַ אבסטראַקטן דרך, — ווייס איך ניט! אָט למשל: די אינזעכיסטן — עד־היום געפעלן מיר נישט! ס׳איז פאַלשע פּאָעזיע, אָדער קיין פּאָעזיע אין גאַנצן נישט; ס׳איז דברים־בטלים: איר קאָנט עס דרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיר אַרוף — און פאַרקערט; ס׳איז אַ מויל מיט פּוסטע רייד, אַזוי ווי די מאָדערנע מאַלערייען. דאָס וואָס אַ מאַלפּע קאָן אויך אויס־מאָלן . . . און ס׳האָבן זיך געפונען קונים פאַר די מאַלפּישע קונסט אויך. ווי איר זעט ס׳איז דאָ מבינים אויף מאַלפּישע קונסט . . . ווי איז צו די אינזיכישטישע פּאָעזיע און פּלאַסטישע קונסט!

איך בין נישט קעגן נייע עקספּערימענטן, — דאָס נישט! איך וויל שענערע, ליכטיקערע, קלאָרערע קונסט, נישט „מאָנקי־ביזנעס״, נישט מאַלפּישע . . . האָב אויך פיינט דזשעס מוזיק! . . . ווי עדי קענטער האָט געזאָגט: „זיי וועלן פאַרשווינדן״ — און איך זאָג: די אינזיכישטישע פּאָעזיע וועט אויך פאַר־שווינדן . . .

איך קאָן נישט דענעגירן, אַז שאול ראַסקין׳ס בוך איז נישט אינטערעסאַנט; ס׳איז דאָ וואָס ניי, נאָר אין פילע פאַלן ווערט מען פאַרפּלאָנטערט און דער נישט אינטעליגענטער לייענער וועט גאַנץ געוויס צוטומעלט ווערן לייענדיק דעם „אויס־געטראַכטן אמת״ . . .

דער בוך פאַרמאָגט אַ שלל מיט פילאָזאָפישע דע־פאַקטאָ. ס׳האָט אַ בעל־שכל געשריבן דעם בוך. ס׳האָט אַ פּאָעט געשריבן פּאָעזיע אין פּראָזע; שאול ראַסקין — אַ פּאָעט, אַ מאַליער, האָט ער אריינגעוועבטביידע דרכים אין די שורות מיט ליטאָפּאַניע, — מען קאָן זאָגן מעטאַפּראָזע.

איך מוז זיך מודה־זיין, אַז איך האָב געמוזט לייענען אַנדערע פּאַראַגראַפן צוויי מאָל; מען דאַרף זיין אַ מענומוניק צו לייענען פילע פּאַראַגראַפן און זיך גוט קאָנצענטרירן. די סענטענצע איז געווען נישט קלאָר פון די נאַאונקייט פון ענלעכע האַנדלונגען:

פיל מאָל הערט איר „ליאָן״ אַליין און אַמאָל „ליאָן קאַסטינעס״ ווען מען רעדט פון אַנדערע פּערזאָנען, און ס׳פאָדערט זיך אַסך קאָנצענטראַציע צו איינ־צוזאַמען די נערוון: אַזוי פיל ליבעס איינע און די זעלבע פון פילע צד׳ן. די מעשה מיט „קעיט״, איר הערט זי אין פערשידענע מאָמענטן: פון דאָ און דאָרטן פון דעם און יענעם: אָט איז אַ גלאַטער און אַ שיינער פּאַראַגראַף:

„ליזאַ? ס׳איז אַ וויטיק . . . כ׳וועל דיר דערציילן וועגן ליזאַ׳ן, אָבער נישט ייצט. קעיט זיצט דאָרט און וואַרט אויף דיר . . . זאָג מיר, ווייסט זינאַ וועגן קעיט?״

ס׳איז אַ מישמאַש פון ליבעס: ליזאַ האָט געפירט אַ ליבע, קעיט האָט אויך געפירט אַ ליבע: אַ ליבע מיט אַן אַנדערן; אַן אַנדערער, מיט לינאַן; ליזאַ מיט אַן אַנדערן, און ליאָן מיט אַן אַנדערער.

דאָס ריידן אַלע מתים: געשטאָרבן פון האַרץ קראַנקהייט; גע״הרגעט פון אַ טראַק . . .

בקצור, די מעשה אין כל—איז, לעאָן קאַסטינעס, אַן אַרטיסט, אַריינגייענדיק אַ צענטער צו אַ מנין איז דאָרטן געשטאָרבן פון האַרץ־שלאַג. די נשמה האָט געלייענט אין אַ צייטונג וועגן זיין טויט און ער גרייט זי צו דער לויה. יאָ, ער איז געווען ביי זיין אייגענער לויה. ער הערט זיין זון פיליפּ זאָגן נאָך אים קדיש; אַ בריוו איז אָנגעקומען פון אַן אַלטער באַקאַנטער, אַז זי קומט אים באַזוכן. זוכענדיק זיין אַדרעס און אַריבערגייענדיק די גאַס, ווערט זי דערהרגעט פון אַ קאַר, און זי איז שוין אויס בשר־ודם, נאָר ס׳גייט אַרום אַ נשמה. זי געפינט שוין זיין אַדרעס און זיי האָבן שוין אַ שמועס:

„דאָס זייט איר, מר. קאַסטינס? לעאָן? כ׳האָב געזוכט אייך, אייער . . . נישט געקענט געפינען . . . האָט מיר עפּעס געטראָפן . . . עפּעס איז מיר געשען . . . עפּעס, עפּעס, וואָס איך ווייס נישט וואָס . . . אַ פינסטערניש האָט מיך איינגעדעקט . . . איך דענק, אַז מען האָט מיך דערהרגעט . . . אַז איך בין טויט . . . אָבער איך בין דאָ! ווי אַזוי בין איך טויט? און וואָס איז דאָס אַלץ? און אָט זייט איר, לעאָן. אַ, לעאָן, ס׳איז דאָך אַזוי וואונדערלעך, אַזוי נישט באַגרייפלעך! אַזוי, אַזוי . . . ליאָן, דאָס זייט איר . . . עלטער, גרוי און ווייס, אַזוי אַנדערש! ניין, ניין, גאָר נישט אַזוי אַנדערש, דער זעלבער, מיין טייערער! . . .

דאָס רעדט די נשמה, קעיט. דער קערפּער ליגט ערגעץ אין אַ „מאָרג״ און אזוי גייט אַן צעווישן זיי אַ שמועס און אַזוי גייט אַן דער גאַנצער ראָמאַן מיט געשפּרעכן פון טויטע און פון אַלערליי ראָמאַנסן, פון פריינט און פריינדינעס, אַרטיסטן, און כל־ערליי שרייבער פּראָפעסאָרן. אָט רעדט ביי אים „אַ נאַקעטע נשמה״:

„אַ נאַקעטע נשמה״, האָט זשאַן ווייטער גערעדט, „איז אַ נשמה, וואָס קען נישט און וויל נישט באַהאַלטן מער אירע קאָמפּלעקסן, קאָנפליקטן, אַנגסטן, דורכפאַלן, מינדערווערטיקייטן און פאַרצווייפלונגען. אַ נשמה, וואָס נייטיקט זיך אין אַראָפּרעדן אירע ווייטיקן . . . די צעדריקטע פליגלען זאָלן זיך אויסגלייכן, סימבאָליש גערעדט . . . פאַרשטייט איר שוין, חשובע פּערזאָמעלטע, פון מיינע עטלעכע ווערטער דעם זין און די אַרבעט פון אונדזער קלוב . . . ס׳איז אָפּדעקן אונדזערע נשמות אַזוי צו זאָגן״. און ער איז אָפּגעטראָטן פון רעדנער פּלאַץ״.

ס׳קערט זיך דאָרט וועלטן אויף יענער וועלט: מען פאַרברייינגט און מען האָט פאַרגעניגן פון לעבן: ווי די גוטע יידן זאָגן: — דאָרטן איז דער אמת׳ער לעבן . . . דאָרטן איז די אמת׳ע וועלט . . .

דער ראָמאַן, נאָך מיין מיינונג, וואָס דער מחבר דערציילט פון יענער וועלט, איז באמת גימיינט, וואָס ס׳האָט געטראָפן אין עולם־הזה, — נאָר דער מחבר וויל פאַרדעקן, פאַרדרייען, ווי ער וואָלט אַלץ נישט וועלן אָפּן זאָגן . . . הגם, אין דעם פריער דערמאָנטן פאַראַגראַף אַז ס׳איז אויטאָביאָגראַפיש און ניט ביאָגראַפיש, אָבער צווישן די שורות דאַרף מען אליין קאָנען אינטערפּירן — וואו די באַשרייבונג פירט.

ס׳איז אַ האַרטער נוס דער ראָמאַן; נאָר אויב איר האָט צייט, מעגט איר לייענען דעם „אויסגעטראַכטן אמת״. אויב איר קאָנט נישט ארויסקריכן אין איין מאָל לייענען, לייענט נאָך אַמאָל. איך האַלט, אַז דער שרייבער נוצט אַן אַנטיטעזע בעשרייבונג.

וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן

פּאָעזיע האָט פילע אַטריבוטן, וואָס האָט, אַחוץ מאָסן און ריטם, — שטאַרקע באַוועגונג, מעטעפאָרישע, פאַרשטעלונג קראַפט, עמאָציע און אַנדערע טערמי־נען, און אַנדערע קלוגע חכמהדיקע איינפאַלן, וועלכע גיבן אויסדרוק־ליכט און מיט גראַם, זעטיקט דעם געזאַנג פון לשון.

ס'איז קיין מוז נישט גראַמען אין פּאָעזיע. די נאָבלסטע פּאָעטן פון זייער פאָלק האָבן געזען די ניט נייטיקייט פון גראַמען אין זייערע שורות: זייער געדאַנק, די אידיעלאָגע, איז געווען אַזוי הויך, דאָס די קלייבן פון ווערטער זאָל קלינגען אַזוי שיין, וואָס גראַמען קאָן ווירקן אויפן לייענער ווי זיי ווילן דאָס מיינען. נאָר פּאָעזיע, זייענדיק די קיניגן אין אייגן רעכט פון זילבן־צאָל אויף איר טראָן, פאַרדינט דאָס צירונג אין דער קרוין וואָס זי טראָגט — גראַמען.

אום כדאי צו ווירקן: פּאָעזיע מוז זיין פאַרשטענדלעך; עס מוז געשריבן ווערן אין דעם לשון פון זייער פאָלק. דער, וואָס רעדט צום האַרץ פון זיין פאָלק, איז דער אמתר פּאָעט. ס'איז נישטאָ אַ זאַך ווי שלעכטע פּאָעזיע, פאַר דער אור־זאַך וואָס עס פעלט; דער עיקר, דער פּאָעט דערגרייכט דעם וויטסטן פונקט פון פּאָעטישע גראַציע.

נאָ מיר אַנוויזן עטלעכע שורות צו אילוסטרירן צום פונקט. זאָגט בייראָן:

„זי טרעט אין שיינקייט, ווי די נאַכט
אין אַ וואָלקנלאָזן טייל פון אַן אויסגעשטערנט הימל
און אַלץ וואָס איז גוט, פון דונקל און קליין
באַגעגנט אין איר בליק, אין אירע אויגן־דרימל.“

פון גלייכער שיינקייט און פשוטקייט איז די ווערטער פון קיטס:

„אַ זאַך פון שיינקייט איז די פרייט פאַר תמיד;
זיין ליבלעכקייט פאַרמערט זיך, עס וועט קיינמאָל
אַוועק אין גאָרנישט: נאָר ס'וועט האַלטן
אַ הייזל געגוג פאַר אונדז און אַ שלאָף
פול מיט חלומותן און געזונט,
און אַ שטילן אָטעמען.“

אין לעצטן פאַרצייכנונג; די שיין מעלאָדישע שורות פון שעלי:

„די פאָנטאַנען מישן זיך מיטן טייך
און די טייכן מיטן ים,
די ווינטן אין הימל שטויסן זיך תמיד
מיט אַ זיסער באַוועגונג־טעם;
קיין זאַך אין דער וועלט איז איינציק;
אַלע זאַכן ביים געזעץ איז הייליק
אין איין גייסט באַגעגנט און מישט זיך:
וואָרום ניט איך מיט דיר מיין גליק?“

ווער וואָלט ניט געוועזן צופרידן — האָבן געשריבן ווי דער יונגער שעללי האָט געשריבן? ווער קאָן נישט זען די ריינקייט, די שיינקייט, די פשוטקייט, וואָס זעצט זיך איבער ביי זיך אליין אין אויסשפּרעכלעך די ערהאָבנקייט פון מענטשלעכע געפילן? אין די דאָזיקע שורות געפינען מיר פּראַכט פון פּאָעזיע. דער אַריסטאָקראַט פון זילבן־מאָס, צו וועלכער איז צוגערעכנט די רואיקע פּראַכט פון צוריקהאַלטונג.

דאָ איז פאַראַן פּאָעזיע אין וועלכער עמאָציע האָט די גאַנצע מאַכט, רירעוו־דיקייט, — אויפברויז! ווי דאַנטע טוט אויסשרייען:

„ס'איז ניטאָ קיין גרעסערע שמערץ,
ווי די ליידן צו דערמאָנען דעם גליק
וואָס האָט אונדז פאַרגעניגן געגעבן.“

אָדער די שרעקלעכע אָנקלאַגע פון געטע:

„ווער קיינמאָל אומעטיק וויינט ניט, עסט זיין ברויט;
ווער קיין מאָל, פאַרגיסט ניט טרערן אין אַ גוס־רעגן,
זיצט נאַכטליך פערדאגה'ט, שלאָפלאָז אויף זיין בעט,
ער דערקענט דיך ניט, יאָ, הימלשע מאַכט.“

פּאָעטן פון קלענערע וואָרט־סקולפּטורן, מעג, און אָפטער טאָן, שרייבן ליכטיקער, שיינענדיקער, נאָר זיינען זעלטן עמאָציגעל איינדרוקספול. נעמט, צום ביישפּיל, עדוואַרד מאַרקהיים, וואָס האָט געשריבן:

„אויב סע רירט אָן די האַרץ פון אַ פּאָעט,
די געטער און די צייטן וועלן דאָס וויסן לאָזן,
און איבער די ים'ען און די שטיין־בערג פון צייט
די ווינטן פון דער וועלט וועט עס צובלאָזן.“

דאָ איז ניטאָ קיין ספק, אַז די קלאַנגען פון די שורות דערגרייכן צו דער געהייבענער פאָרשטעלונג; נאָר זייער ווערט וואָלט געוועזן פיל גרעסער, וואָלטן זיי ניט געוועזן פּאַרמישט מיט עמאָציע; פערגלייכט זיי מיט די דאָזיקע שורות פון בייראָן'ס „טרערן“:

„ווען פריינטשאַפט אָדער ליבע
אונדזערע מיטגעפילן קלייבן זיך אַריין,
ווען אמת אין די בליקן זאָל דערשיינען,
די ליפּן מעגן באַטריגן
מיט אַ חן־גריבעלע, אָדער שמייכל,
נאָר די פּראָבע פון ליבע — אַ טרער.
יאָ, פריינט פון מיין האַרץ,
בעפאָר פון דיר איך נעם אָפּשייד,
די האָפענונג צו מיין האַרץ איז צו מיר נאָענטער,
מעגן מיר זיך טרעפן ווי מיר שיידן זיך מיט — אַ טרער.“

דאָ איז שיינקייט און פּשוטקייט, וואָס מאַכט פּאָעזיע גלייכאַרטיקייט. און ס'איז אמת גוט פאַר דאָס פאָלק, וואָס פּאָעזיע האָט אויסדריקלעך געטאָן פאַר דער מענטשהייט. אַלע נאַציאָנען האָבן זיך דערהייבן אין און קולטור האָבן אַנטוויקלט זייערע אייגענע ליטעראַטורן און זייערע אייגענע זינגערס.

דוד המלך איז געווען אַ זינגער, וועמעס פּאָעזיע האָט אויסגעהאַלטן מיט זיין גייסטיקע אויפהייבונג צו זיין טאָג.

האָמער, דער בלינדער פּאָעט, דעקלאַמירט זיינע עמאָציעס אין זיין „אילאַ־דאַ" און „אָדיסי".

האָריס, דער רוימער, זאָגט דאָרטן אין זיינע אָדעס. פּושקין, דער רוס, חלומט אין זיין „געפאַנגענער (פריזאָנער) פון די קאַקוסעס".

מינקעוויטש, דער נאָבעלער ליריקער־פּאָעט פון פוילן, וואָס פוילן האָט פּראָדוצירט, זינגט זיין גאָלדן ליר, אַקעגן זיין זילבער־טאָן פון לירישער שיינקייט.

געטע און היינע, זינגען פון פאַרפאָלגונגען מיט זייערע מעלאָדיען.

רעאובין דאריא, דער לעטן־אַמעריקאַנער זינגער בליצט אין זיין „סאַבלי־מינאַל־עקסעביציע" — אַ ירושה פון זיין פאָלק.

גאַבריאַלאַ מיסטראַל, די שטיליענערן קיניגן פון ליד, לייסט דאָס שיין און ריין, איידל באַאַרבעטונג פון זעלטענע און פראַכטפולן געשטאַלט.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן און פון נאָרט אַמעריקע דיינק איך פון עדגאַר עלן פּאָ און וואָלט וויטמאַן, — די צוויי ריזן זיינען די פעסטונג פון זילבן און ריטם . . .

וואָס בין איך?

איך בין: נאָך אַלץ, וואָס בין איך? — גאָר ניט!
קיינער העלפט ניט אָדער ווייסט:
מיינע פריינט פאַרלאָזן מיך, ווי דער געדאַנק פאַרלאָזט;
כ'בין אליין דער סוחר פון מיינע ווייטיקן.
זיי שטייען אויף און פאַרשווינדן ווי אַ פאַרשוואונדענער גאַסט;
און דאָך בין איך און לעב מיט שאָטנס פאַרשטייסענע.

אין די ליידיקייטן פון פעראַכטונג און טומל,
אין דעם לעבן'ס ים פון גייענדיקע טרוימען,
וואו דאָרטן איז אויך ניטאָ פערשטאַנד פון לעבן — אַזוי גייט;
נאָר די גרויסע ברוך־שיף פון מיין לעבנס פרייט
און די טייערסטע — וואָס איך ליב אַמערסטן, —
און מאָדנע — ניט גלייכער פרעמדער ווי די אַנדערע.

איך בייגק נאָך ערטער, וואו אַ מענטש האָט קיינמאָל געטראָטן;
אַ ווינקל, וואו אַ פרוי האָט קיינמאָל געשמייכלט אָדער געוויינט;
דאָרט צו וואַרטן אויף מיין באַשאַפער — גאָט!
און שלאָפן זיס, ווי איך בין געשלאָפן אין מיין קינדהייט:
נישט געדאגה'ט און נישט דאגה'נען וואו איך ליג;
די גראָז אונטן — און אויבן אַן אויסגעבויגטן הימל.

אנקלאַגע קעגן די מושלים פון לעקסיקאָן

איך ווייס, אַז פילע שרייבער און אפילע די וואָס טוען די מלאכה אין לעקסיקאָן, אויב זיי ווייסן דעם אמתן הות־דעת וואָס אַ לעקסיקאָן איז?!

אָט איז דער אמת׳ער הורה־לעקסיקאָן: מיר ריידן פון מחברים, וואָס גייען אריין אין לעקסיקאָן. דאָס האָב איך ארויסגעקראָגן פון סינאָנימען און אַנ־טאָנימען, און דאָס איז דער הוראה וואָס אַ לעקסיקאָן דאַרף זיין. ווער מוז פאַר־טרעטן אין לעקסיקאָן: 1—נישט געהערטע מחברים; 2—פאַרשטויסענע; 3—ניט באַרימטע; 4—אָן רוהם; 5—עניוות׳דיקע; 6—אומבאַקאַנטע, וכדומה.

איך האָב אויסגערעכנט באַשיידענע, נישט קיין שטופער; וויפיל פון די שרייבער, וואָס זיצן דאָרטן, ווייסן די הוראה פון לעקסיקאָן?

הייסט דאָס דער לעקסיקאָן דאַרף השתמש זיין, און באַקאַנען, און אימ־פאַנירן פאַר דער וועלט, וואָס די מחברים האָבן גישאַפן — זייער לעבנס באַ־שרייבונג. אָנגעבן ריכטיק זייער מלאכות־וכדומה. עס זאָל אימפּאַנירן ווער־טערלעך און דייטלעך, אַז עמיץ, אַ יחיד, וואָס וויל זיך מפרסם זיין מיטן מחבר — עפנט ער אויף דעם לעקסיקאָן און געפינט אויס, וואָס דער מחבר האָט געשאַפן: די נעמען פון די ביכער, די יאָרן, ווען אַרויסגעגעבן, וויפיל זייטן פאַרנעמען די ספרים, וואו געדרוקט; און דווקא טאָר מען ניט אדורכלאָזן די, וועלכע זיינען אָומבאַקאַנט, ווייל, די באַקאַנטע אַז מען פאַרפעלט, אָדער מען מאַכט א טעות אין אַ בוך, איז ניט אַזאַ גרויסע עולה, — אפשר יאָ אַן עולה? יעדער ווייסט, וואָס שלום אַש, אָדער שלום אליכם, פרץ, אָדער מענדעלע האָט גישאַפן; מען וועט וויסן אַז דער לעקסיקאָן האָט אַ טעות געטאָן, און נאָך אַזעלכע פון זייער גלייכן. דערום אין אַ לעקסיקאָן וועט בפירוש גיטייטשט אַז די נישט קריכער, די פאַרזעענע, פערשוויגטע, דאַרפן בפירוש אריין, און אַלץ, וואָס זיי האָבן גישאַפן, מוזן, זאָלן דערמאַנט ווערן. דאָס איז דער הות־דעת פון אַלגעמיינעם לעקסיקאָן.

אויב דער רעדאַקטאָר, אָדער רעדאַקטאָרן, זעען, אַז אַ יחיד גיט זיי שווער מלאכה, טאָרן זיי דאָך ניט ענדערן זיין ביאָגראַפיע און אַליין צולייגן, אָדער אַוועקנעמען פון אים יאָרן און בייטן מצב, מקום, וואו ער איז געבוירן — דאָס איז שבר. דער רעדאַקטאָר, אָדער רעדאַקטאָרן דאַרפן פאַרשטיין, אַז דאָס איז ניט „פיקציע", אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ מענטשנס לעבן, וועגן זיין שאַפן. ס׳איז ניט קאָלעקטאָנעען, וואָס איינעם מעג מען אַרויסוואַרפן, עלימינירן: דאָס איז דעגראַדאַציע אַפילו פאַר אַן אָנפאַנגער. ער דאַרף די טעכנישע זייט פאַרריכטן. נישט יעדער שרייבער איז מסגל זיין אייגן לעבן קלאָר באַשרייבן. אָט האָט סערוואַנטעס אויפגעשריבן אַזאַ גרויס ווערק, ווי „דאָן קיכאָט" און האָט נישט גיקאָנט אָנשרייבן עטלעכע זייטלעך פאַר אַ פאַררעדע. יאָ, מיר האָבן פילע גוטע, אמת גוטע מחברים, וואָס קאָנען אַ וואָרט נישט ריידן, שוין אָפגערעדט שרייבן וועגן זיך. זיי זיינען באַשיידן. כ׳מיין ניט ווי די חוצפהניקעס, וואָס באַקלאָגן זיך אַז מען האָט זיי ניט אריינגעשטעלט, אַז זיי זיינען גראָז־עסער, און עסן מענטשלעכע הערצער . . . ביי זיי איז דאָס ניט אַן אידעאַל, נאָר בעל־גאוה . . . אליין שאַפן זיי קאָם פאַר נעגל־וואסער . . . און מאָנען א ים! . . .

מיר ריידן ניט פון די ברואים .. . און אומעטום שטופן זיי זיך צום פראָנט . . . וועגן דעם נפש וועט אונדז אויסקומען צו שרייבן באזונדער.

א לעקסיקאָן מוז האָבן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר, אָדער רעדאַקטאָרן, מיט דעפיניציע, אַ מענעמוניק, ניט דעמענטירן: ניט איינעם געבן כבוד און דעם צווייטן פאַרשעמען.

מען זאָגט אין לעקסיקאָן, אַז איך בין געקומען אין די שטאַטן אין 1911, ווען איך בין געקומען אין 1910.

פון מיין צד, האָט מען געפעלשט און צומישט מיין ביאָגראַפיע און ביבלי־אָגראַפיע. איך האָב צוגעשיקט מיינע רעצענזיעס און קריטיקן — אחוץ מיינע יידישע — ארום אַ הונדערט פון ענגלישע און אלע גוטע! איך האָב צוגעשיקט אַן אויסשניט פון דער „באָסטאָן גלאָוב״, וועלכע ווערט פאַרעכנט אלס די צווייטע „ניו יאָרק טיימס״, אַז זיי האָבן אויסגעקליבן די צען בעסטע ביכער פון יענער צייט און איינער איז אריין מיין בוך: „ביאָנד היומען פּאוער״. אגב האָב איך זיי געבעטן מיר אָפּשיקן דעם אויסשניט און זיי האָבן דאָס נישט גע־טאָן! און פאַר די יידישע טוען זיי אַזאַ: „ארויסגעגעבן א רייע איינאַקטערס; וואָס, ווער? ווי הייסן די רייע איינאַקטערס? איך האָב ארויסגעגעבן איבער 30 איינאַקטערס. זיי דערמאָנען ניט, אַז מיינע זאַכן זיינען אויפגעפירט געוואָרן; זיי דערמאָנען צוויי ביכלעך לידער: מיינע ערשטע. פון מיינע 13 לידער ביכער דערמאָנען זיי; די ערשטע צווי, — „בלעטער פון מיין גאָרטן״, די אַנדערע צען איז — לאבוד . . . אויסגעמעקט פון דער וועלט; קיינער טאָר ווען זיי נישט וויסן! פון מיינע ראָמאַנען, דערציילונגען, האָבן זיי דערמאנט „קעגן שטראָם״: טרילאָגיע און א בוך „עסייען״; הערט און שטיינט! מיינע ראָמאַנען: „וואול־קאַנען אינזל״, „רוף אין זיך״, „איבער אונדזער קראַפט״, „געזאַמלטע שריפטן״, האָבן זיי אַדורכגעלאָזן. וואָרום זאָל די וועלט ניט וויסן? אין די דראַמען, ביכער, האָב איך די פאָלגענדע: „נייע וועלטן״, געזאַמלטע פיר איינאַקטערס, „כוח פון ליבע״, „פאַרלאָרענער זיג״, „אין די שטורעם טעג״, אַ דראַמע פון דער רעוואָלוציע „9 איינאַקטער״ איין באַנד; „12 איינאַקטער״ אין א צווייטן באַנד; „דריי טראַגעדיעס״ אין א דריטן באַנד. אין העברעאיש איז ביי זיי דערמאָנט געוואָרן איין בוך לידער: „עלים מגני״. די „אשר דרמות״ און „אי־געש״ איז ניט דערמאָנט געוואָרן. איז דאָס ניט די שינה פון נקמה? וועגן 12 ענגלישע ביכער מיינע איז נאָר געזאָגט געוואָרן: — אַ רייע ווערק אין ענגליש. ס׳איז ניט דערמאָנט געוואָרן, אַז איך האָב געקראָגן דעם „אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק טווען אַוואָרד״ מיט אַ גאָלדענעם מעדאל פאַר מיין בוך „פּאָעמס״. ס׳איז ניט דערמאָנט געוואָרן, אַז איך האָב אָוועקגעלייגט אַ „פאָנד״ פאַרן יידישן בוך אין מדינת ישראל. נו מיך זיך אומקערן און דערמאנען די ביכער לידער, וואָס זיי האָבן נישט דערמאנט: „קינדער לידער״ 1927, „זאנגען פון מיין פעלד״, „מיינע ערשטע טריט״, „פּאַבלען״, „אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער און ענגלישע פּאָעטן״ מיט קורצע ביאָגראַפיעס, „120 סאָנעטן״ און „דואַליזם״

מיינע ענגלישע ביכער, וואָס האָבן די שענסטע און בעסטע רעצענזיעס און קריטיקן איז נישט איינער דערמאָנט געוואָרן. און די, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן, האָבן זיי אריינגעשטעלט — עטלעכע ניט וויכטיקע רעצענזענטן, אחוץ **דעם** לעבעדיקן; ניגערן, קלמן מרמרן, מוקדוני און פילע אַנדערע, **האָבן**

זיי דורכגעלאָזן. ניגער, וויערניק, מרמר און מייקל גאָלד פלעגן זיך אָפּרופן אויף מיינע ענגלישע ביכער. אויך פאַר די יידישע; איז דאָס ניט רשעות; איז דאָס ניט בכוונה? — אני מאמין ס׳איז גיטאָן געוואָרן — נקמה! . . .

קוקט נאָר אָן: זאַנוויל דימאַנט, איינער פון די רעדל דרייער, האָט זיך פאַרנומען פיר זייטן, האָט זיך באַטינטלט, וואו ער האָט געשריבן און וואו ער איז געווען. אַפילו אין פראַנצויזיש זיך באַשריבן און אין ענגליש. אין יעדע דאַטע, פינקלעך אָן טעותן. אין גאַנצן ווערט דערמאַנט, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן דריי, פיר ביכער; יידישע — צוויי. ער האָט זיך אָפּגעדרוקט וואָס מען האָט געשריבן איבער אים. און וואו נאָר ער איז דערמאַנט געוואָרן, האָט ער זיך פאַרצייכנט. איך גלויב, מ׳האָט איבער מיר מער געשריבן ווי איבער אים און דאָך איז עס אַלץ דורכגעלאָזן! — וואָרום? — נקמה!? — געלט!? 14 יאָר גיב איך אַרויס אַ זשורנאַל און לגבי מיר האַלטן זיך אַלע זשורנאַליקלעך. ווען מיין זשורנאַל הערט אויף צו דערשיינען, — פערמאַכן אַלע זשורנאַליקלעך — די לאָדן . . . וואָס זוכט מען נאָך פון מיר? — די, וואָס גיבן וויניק, נעמען פאַר זיך פילע זמעניעס . . . מיר האָבן זיי דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס אויך, די אוזופּאַטאָרס, די כרשוטשעוויס. זיי טעראָרעזירן פשוט די געזעלשאַפט — די קאַרליקלעך האַלטן זיך פאַר ריזן! . . . זיי זיינען געוואָרן רעדאַקטאָרן דורך טעראָריזירן די פעריפּעריע פון שרייבער (וועגן זיי וועלן מיר שרייבן באַזונדער אין מיין בוך לאָס אַנדזשעלעס).

לאָמיר זיך אומקערן צום בראשית, צו די ערשטע. איך ווייס, אַז מען וועט דענעגירן, אַז ס׳איז ניט נקמה. דען וואָס איז דאָס? איך זאָג דאָס איז — דעפּראַוואַציע — קליין, מיאוס צו לעבן אין אַזאַ פעריפּעריע. איך בין דער דענונציאַטאָר! — מען קאָן מיך ניט פאַרטראָגן, ווייל איך בין נישט קיין קבצן, קיין בעטלער . . .

שרייבט צו מיר אַ יידישער קריטיקער: „דיימאַנדשטיין, מיר געפעלט אייער לידער; איך וועל זיך נעמען צו אייערע ביכער, נאָר איך וואַרט פאַר אייער ענטפער! . . .

נו, וואָס מיינט דאָס? — ניט געלט?! . . .

האָב איך געשריבן צו אַן אַנדער קריטיקער וועגן דעם עניון. און וואָס מיינט איר האָט מיין ידיד מיר געענטפערט? — „ער וועט ביי מיר אויך בעטן געלט! . . . וועט ער אויך וועגן מיר שרייבן . . .

איך וועל פרעגן די הערן, די מנהלים, צי דרייט זיך דאָרטן נישט אַרום איינער אַן עלבום? אַ גלאַטשטיין? וכדומה . . . וועלכע וואָלטן מיך וועלן זען אין תחריכים . . .

אגב איך וויל ניט קויפן, ווי אַנדערע טוען דאָס, איך שרייב וועגן אַ מחבר, ווען ער איז ווערט פאַר זיין מלאכה, פאַר זיין טאַלאַנט! אויב איך בין ווערט, אַז מען זאָל שרייבן איבער מיין שרייבן, און מען שרייבט נישט, זיינען זיי שאַרלאַטאַנעס, אויסוואורפן; הדל־אישים . . .

דאָ, אין טאַהאַנגאַ, האָבן אַלע צייטונגען, גויישע, געשריבן וועגן מיין 65־טן געבוירנטאָג. אַז איך האָב באַרימט געמאַכט טאַהאַנגאַ מיט מיינע „סאָנעטן” וועגן טאַהאַנגאַ־קלימאַט „טאַהאַנגאַ קליים”. און מען האָט גערעדט, געשריבן אַפילו פון מיין יידישן זשורנאַל „ליטעראַרישע העפטן”, וואָס איז צו־

שפּרייט אויף אַלע פיר ווינקלעך פון דער וועלט. „טהיס וויק סאַלוט טו טהי פּאָעט ענד אַרטיסט באַריס דיימאַנדשטיין״. אַזוי האָבן זיי געשריבן. הונדער־טער באַזוכער האָבן מיך באַזוכט יענע וואָך און טאַקע געקויפט מיינע ענגלישע ביכער אויך. דאָס האָט געטאָן די גוישע טאַהאַנגאַ און נישט די יידן.

אפילו אין טיאַטער לעקסיקאָן, וואָס איז געדרוקט אין 1928, האָב איך מער שטח געקראָגן; מיין ביבלאָ־ביאָגראַפיע איז געדרוקט געוועזן ווי איך האָב צוגעשיקט. דאַן האָב איך געהאַט קוים זעקס ביכער און יעצט 44 ביכער . . . און 10 יידישע און 10 ענגלישע באַארבעט איך, וואָס וועט אָנגעדרוקט ווערן אין די קומענדע צוויי יאָר, אויב איך וועל לעבן.

ווען אַזאַ לעקסיקאָן וואָלט געוועזן אין ענגליש, וואָלט איך דעם פערלאַגער אָנגעקלאָגט פאַר צודרייען מיין ביאָגראַפיע.

יאָ, ד״ר ראַבאַק האָט אַמאָל געשריבן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״: מייַנענדיק מיר האָט ער מיר געשריבן ,הגם נישט דערמאָנט מיין נאָמען: ער האָט געשריבן ווייל מען פערשווייגט מיר און דאָס וואָס ער האָט געשריבן: „אַז איך האָב מער אויפגעטאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, מער ווי די אַלע קריטיקער צוזאַמען, וואָס פאַרשווייגן מיר״ — אַ יישר־כוח אים.

זאָלן כאָטש אַנדערע חברים נישט באַעולה׳ט ווערן ווי מען האָט מיך באַ־גזלה׳ט . . . וועגן דעם טעכנישן זייט פון לעקסיקאָן וועל איך נאָך שרייבן.

לאָס אַנדזשעלעס, 1958

עקסטראַקט

אגב, האָבן וויניק מיט אָפּשאַץ דאָס געגומען,
מיט קינה, האָט מען דאָס גרינג — געגערט;
מיט שמוציק־פּים געטראָטן אויף די בלומען
פון מיין וועטער־גאָרטן, פון פיל געהערט . . .
די וועלט, דער מענטש, איז אַבזורדיק מיט קינה!
ווען איינער בייגט זיך נישט, פאַר בעטלער ברויט
און וואָס קלענער, איז דער איינער, טראָגט די גרעסטע שנאה — :
אָט די בעטלער ווינטשן דיר דעם טויט . . .
— די בעטלער רייסן, פּאַלעס, מיט וואָרט, מיט גזלה,
איך האָב געזען זיי, מיט זייער מעסער צונג:
עס שמעקט פון זייער בלומען־וואָרט — נבלה —
אייגן נוצן, איז נאָר זייער נוצן . . .
מען וואַרפט מיט פּראָזן, זיי ברענגען פאַלשן וואָרט.
דעם ערלעכן, פאַרשטופּט מען, מען פערלאַכט;
דיערוויל חוצפּה, פאַרנעמט דעם אויבן אָרט —
נאָר מיט זונען אויפגאַנג — מוז פאַרשווינדן — נאַכט . . .

דערציילונגען

בהיסח־הדעת

לייבל הערמאַן, אַמאָגער־הייכער יונגער־מענטש, פון אַיאָר דרייסיק, מיט אַ בלאַסן פנים, מיט גרויסע בלויע אויגן. זיין באָרד האָט אים געגעבן דעם אויסקוק, ווי ער וואָלט געווען אַ יאָר פינף און פערציק. ער האָט זיך געשלעפט פון דאָרף צו דאָרף. געמסחר׳ט מיט כלערליי־מינים סחורות און מכשירים: פענדלעך, גלאָזוואַרג, קעמעלעך, „דייפער־נאָדלען״, מאַזשן, קאַלאַנען, קנעפּלעך, איירינגען, קייטלעך — וכדומה.

לייבל איז געווען קליין געוויקסיק. ניט העכער ווי פון פינף פוס און דאָך איז ער געווען זייער אַבאַוועגלעכער.

ס׳איז געווען ערב־שבת, דער פראָסט איז געווען שטאַרק און עסענדיק. די זון האָט געהאַלטן אין אונטערגיין. ער האָט זיך איינגעטוליעט אין זיין פעלצל און זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען מנחה. ס׳איז שקיעת־החמה. ער האָט גע־דאַרפט אַדורכגיין דעם וואַלד צו דערגרייכן דעם צווייטן דאָרף, וואו ס׳האָט גע־וואוינט אַ קליין יידיש קהילה. די קהילה איז גאָר באַשטאַנען פון אַ צוויי מיניינים יידן. דער רב איז געווען דער מלמד, דער שוחט, דער חזן, דער בל־תפילה, דער בעל־קרא און דער בעל־תקעה. אין איין וואָרט — ער איז געווען דער קהל אליין . . .

די שטיבער זיינען מייסטן געווען פון קלעצער. די דעכער באַדעקט מיט שטרוי, אַנדערע זיינען געווען באַשמירט מיט ליים. די פאַדלאָגע אַן ערדענע. די קוימענס זיינען געווען הויך, ווי העלדזער, כדאי, חת־וחלילה, אַ פונק זאָל נישט אַראָפּפאַלן אויף דער שטרויענער דאַך און פאַראורזאַכן אַ שרפה, אַ פייער.

די מערסטע פון די יידן זיינען געווען בעל־מלאכות: שוסטער, שניידער, שטאָליאַרס. די אַנדערע — קרעמער: הענדלער איבער די דערפער, ווי לייבל הערמאַן.

די שול, ווי, להבדל, דער קלויסטער, האָבן געהאַט בלעכענע דעכער. די

שול האָט געהאַט אַ ווייבערשע שטיבל, ווי אַ באַזונדער שטוב אויף דער מאַנס־בילשער שול, אַביסל קלענער. דאָס איז געווען אויסוויניק. אגב פון אינעווייניק איז געווען ליידיק ביזן סאַמע דאַך, ביזן טופיט, מיט אַגרויסן בליצלאָמפּ, און אין מיטן, אין די פיר קאַנטן, קליינע בליצלאָמפּן — ביי די זייטן.

די ווייבערשע שול איז געווען אָפּגעצאַמט מיט אַגאַליאַרקע פון געטאַקטע שטאַכעטלעך און אויבן אַ ברעט, ווי אַ סטענדער, איינגעבויגן אַביסל, און צום ענד, אונטער ברעט, איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ לייסטל, אַז דער ספר זאָל נישט אַראָפּפאַלן. די שול, גראָדע, האָט געקאָנט אַריינגעמען נאָך אַפּאָר מיניינים מענטשן דאַווענער. אגב די זיצפּלעצער זיינען נישט ליידיק געשטאַנען: קינדערלעך, אָן עין־הרע, האָבן אַלע יידן געהאַט — פון זעקס ביז צוועלף, איעדער און יעדע משפחה האָט געגומען די קינדער אין שול: האָבן געמוזט גיין! גיין אין שול מיטן טאַטן, אָדער יום טובים, מיט מאַמען — די מיידלעך. דער עיקר: די ייִנגלעך, האָבן געמוזט גיין אין שול מיטן טאַטן. איז שוין פון ליידיקע זיצפּלעצער נישט געווען קיין דאגה: פּילע קינדערלעך, די קליינע, זיינען געזעסן אויפן טאַטענס קני.

פרייטיק, ערב־שבת, פלעגן די קראָמען זיך פאַרמאַכן אין דריי פערטל פון טאָג. אַזוי אויך די בעל־מלאכות.

מען פלעגט גיין אין מרחץ, זיך אַרומוואַשן. די מוטערס פלעגן אויסוואַשן די קינדערשע קעפּעלעך און די קליינע קינדערלעך פלעגן מאַכן געוואַלדן; נישט געוואָלט מען זאָל זיי אַרומוואַשן, זיי אויסרייניקן. די ייִנגלעך, די גרעסערע, פלעגן גיין מיטן פאָטער אין מרחץ אַריין.

קיין גרויסע פרנסה האָבן קיינער נישט געהאַט, אחוץ שלמה שישלער. שלמה שישלער האָט געהאַט די גרעסטע קראָם אין דאָרף. דאָרטן האָט מען געקענט קויפן — פון אַ טשוואָק ביז אַ מאַנטל. פון עסנזאַכן, וואָס די האַרץ האָט נאָר געקענט פערלאַנגען — אַפילו סערדינען און שאָקאָלאַדן; פון אַפּאָר שטיוועל, ביז אַ פוטערל. ער האָט צוגעשטעלט צום פריץ אַלע זאַכן: מכל־טוב צום עסן און מכל טוב צום קליידן זיך . . .

שלמה שישלער איז געווען אַ שטיק מענטש: הויך און פעט, מיט אַ קיילעך פעטן פנים, ווי אַ לבנה, און גערעדט האָט ער שאַרף, מיט אַ באַריטאָן שטימע. ער פלעגט קוקן מיט זייטיקע אויגן. ער פלעגט דרייען די אויגן, און זעלטן פלעגט ער דרייען די קאָפּ, סיידן, אַז עמיצער האָט אים גערופן. ער אַליין האָט גאָר נישט געאַרבעט. ער האָט געהאַט צען גויים, וואָס האָבן פאַר אים געאַרבעט. זיין ווייב איז געווען די קאַסירערן. רבקהלע, האָט זי געהייסן. אַ קליינינקע, ווי אַ קינד, קעגן דעם גרויסן שלמהן. נאָר זי האָט געוואוסט — געשעפט; מער געוואוסט פון מאַן. מען האָט געזאָגט, ווען ניט זי, וואָלט די געשעפטן נישט געווען אַזוי גרויס און הצלחהדיק. זי איז געווען אַ בלאָנדע, ווי אַ גוייִשע. נאָר די אויגן און דער שמייכל זיינען געווען יידישע. קלאָרע, בלויע אויגן. און ווען זי האָט גערעדט מיט אימיצן, האָט זי אים געקוקט גלייך אין די אויגן, פּונקט ווי זי וואָלט אים גיקאָנט.

רבקה׳לע האָט גיקענט פירן די ביכער נאָך בעסער ווי אַ בוכהאַלטער. זי איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין געשעפט ביי איר פאָטער, וואָס האָט אין שטאָט געפירט גרויסע מסחרים מיט האָלץ און קאָרן. האָט רבקה׳לע אַריינגעקוקט ווי זייער אמתער בוכהאַלטער שרייבט און פאַרשרייבט. און אַזוי האָט

זי זיך דערלערנט. און אין אייגענעם געשעפט האָט מען זי געהאַלטן פאַר אַ גאַנצער בוכהאַלטערן. און אַזוי, מיט דער הילף פון זיין ווייב, איז ער אַן עושר געוואָרן.

מען האָט געשמועסט, אַז שלמה שישלער האַלט אויס די גאַנצע קהלה: ער צאָלט דעם רב פאַר זיין אַ רבי, פאַר זיין אַ בעל־תפילה און פילע אַנדער׳ע מעשים. שלמה שישלער איז טאַקע געווען דער הויפּט־זאַגער: ער איז געזעסן אין מזרח וואַנט, צום רעכטן זייט פון רב. רבקה׳לע, אַז זי פלעגט קומען אין שול אַריין, פלעגן אַלע טראָגן איר אָקעגן דעם „גוט שבת, גוט יום־טוב, רבקה׳לע . . .״

און רבקה׳לע פלעגט ענטפערן מיט איר זיסער שטימעלע:

— „גוט מאָרגן, אָדער גוט שבת, אָדער גוט יום־טוב!״ און פלעגט אַלעמען אָנרופן ביי זייערע נעמען.

רבקה׳לע האָט זיך ניט געפּירט ווי איר מאַן: — ער האָט נאָר כבוד גע־זוכט! . . . האָט זי זיך דערוואוסט ביי וועמען אַ קינד איז חולה געוואָרן, אָדער אימיצער דאַרף האָבן אַ קינד, האָט זי גלייך אריינגעשיקט די נייטיקע פלעגע, וואָס זיי דאַרפן האָבן.

פּעטראָוו, דער פעלדשער פון דאָרף, האָט געוואוסט, אַז מען רופט אים צו אַ יידן, בעט ער ניט קיין באַצאָלט ביים יידן: ער גייט צו רבקה׳לען אין קראָם און קויפט זיך איין פאַר זיין באַצאָלט, זיין שכר.

רבקה׳לע האָט צוויי קינדערלעך: געבליבן פון זעקס. דאָס לעצטע קינד האָט מען ביי איר געמוזט נעמען דאָס קינד. מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַקושאָרן פון שטאָט. איר לעבן האָט מען געראַטעוועט, אגב, דאָס קינד האָט מען גענומען אַטויטן. און ניט נאָר דעם קינד אַטויטן, נאָר מען האָט איר אויסגעשניטן די אויער שטאָק אין די געבער מוטער אויך. און רבקה׳לע קאָן שוין מער קיין קינדער נישט האָבן — סטעריל . . .

די אַנדערע דריי קינדער זיינען געשטאָרבן אין איין וואָך, ווען אַ כאָליער׳ע האָט אויסגעבראָכן אין דאָרף.

רבקה׳לע האָט אַלעמען געהאָלפן, אַפילו די גוייִשע קינדער און פרויען. דערפאַר האָט זי פרנסה און הצלחה געהאַט; אַלע גויים זיינען צו איר געקומען איינקויפן, וואָס זיי האָבן געדאַרפט.

די הצלחה האָט געשלאָגן פון טיר און פון פענצטער. דער פריץ האָט וועגן איר צדקה געהערט, דאָס זי העלפט ניט בלויז די יידן, נאָר אויך די פויערים פון דאָרף. האָט ער, דער פריץ, אָנגעזאָגט. אַז מען זאָל אַלץ קויפן פאַרן הויף פון שלמה שישלער. און אַזוי האָט ער, שלמה, אַלץ אַריינגענומען אין געשעפט צו ליב דעם פריץ. אגב־כל: סיי גויים, סיי יידן, האָבן פון אים אַלץ געקויפט. וואָס מער ער האָט געגעבן, אַלץ אַ גרעסערער עושר איז ער געוואָרן . . .

* * *

לייבל הערמאַן האָט פאַרלאָרן זיין וועג אין דעם פינסטערן וואַלד. און דאָ האָבן זיך גענומען ווייזן שטערן. ער איז געוואָרן פאַרצווייפלט. ער האָט אַראָפּגענומען זיין פּאַק פון פּלייצע און זיך געשטעלט מקבל־שבת־זיין.

ער האָט געהערט אַהינטער אים טריט אָנקומען. עס האָט אים גענומען ציטערן הענט און פיס. פּלוצים האָט ער דערהערט, אַז אימיצער האָט גענומען האַקן אַ בוים אַהינטער אים. ער פילט, ער הערט, אַז ער האָט גענומען האַקן די בוים. פּשוט, הינטער זיין פּלייצע . . .

ער שטייט שמונה־עשרה, ער וויל ניט מפסיק־זיין. די פיס ציטערן, די האַרץ קלאַפּט! ער האָט געגומען איבערטראַכטן, גע׳מחשבה׳ט: צי האָט ער נישט באַגאַנגען אַ חטא, אַן עברה? צי האָט ער נישט אָפּגענאַרט אַ פּויער? ער האָט ווידער גע׳מוח׳ט, ווידער געטראַכט און ווידער געזוכט אין מחשבה אַלע מסחרים זיינע, וואָס ער האָט אַדורכגעטאָן דורכן וואָך. ער האָט זיך פאַר׳מוח׳ט: צי האָט ער נישט פאַר׳מסחרט די מעשענע קייטעלע — פאַר גאָלד, צו דער פּעטער פויערטע? . . . יאָ, ער האָט! ער האָט זיך די האַרץ גענומען אויפעסן: „גאָט, פאַרגיב מיר, דערפיר מיך צו מיין ווייב און קינדער. ברייננ מיר אין מיין היים צוריק. איך וועל דעם רווח אָפּגעבן פאַר צדקה. רבני־של־עולם, העלף מיר. די ווייב, אויך די קינדערלעך, וואַרטן דאָרטן פאַר מיר. זייערע הערצעלעך שרעקן זיך פאַר מיין לעבן. וויפיל טרערן מוז מיין ווייב, איצט דאָרט, פאַרגיסן. וויפיל ליידן ברייננט עס פאַר איר שוואַכן האַרץ!

ער האָט ווידער טרעט דערהערט טריט דערנענטערן זיך צו אים. די פיס האָבן אים זיך געבויגן פאַר פחד: אָט, אָט, פילט ער דעם אָטעם אויף זיך . . .

ער האָט אָפּגעלאָזן, אָפּגערוקט פון זיך דעם פּאַק מיט זיין סחורה און מיט די לעצטע כוחות איז ער געלאָפן „בעגאָם״! זיך געלאָזן לויפן אָן אַ ציל, אָן אַוואו געלאָפן: ער לויפט! ער לויפט דורך שניי און בלאָטע. אין מוח ברענט: דער אָטעם קורץ — ער לויפט! די ווייב, די קינדער — ווער וועט נעמען אַכט אויף זיי? יתומים מיינע! ברעקלעך! און דו, מיין ווייב — אַן אלמנה, אַ שוואַכע, מיט אַ קראַנקע האַרץ! ווער וועט אויף דיר השגחה נעמען?

פאַר די אויגן ווערט אים חושך. ער בלייבט שטיין פערמאַטערט, עס פעלט אים לופט: אָט, אָט, וועט ער אויסגיין, שטאַרבן! ער זאַמלט אַן כוח, ער ציט די לופט: אָ, גאָט, העלף מיר! ברייננ מיר צו מיין ווייב און קינדער: העלף מיר, רבני־של־עולם: — איך וועל יעדע פּרוטה אָפּגעבן אויף צדקה, וואָס איך האָב פון פויערטע רווח געהאַט. אוי, גאָט! איך וועל מער קיינמאָל, קיינעם ניט נאַרן, ניט פאַלשן. איך שווער דיר ביי מיין לעבן: קיינעם, קיינעם נישט אָפּנאַרן; נישט קיין גויים, נישט קיין יידן! דיינע עשרת־הדברות וועל איך אָפּהיטן צום אות. צום אות! . . .

ער האָט פּלוצים זיך רואיק דערפילט; דער עיקרשט, די מאַטערדיקע קני איז אים גרינג געוואָרן.

— אָ, גאָט, מיינע קני, מיינע קני, זיינען מיר געקומען צו זיך. איך בין געקומען צו זיך. איך בין נישט מיד! . . . מיין אָטעם רואיק, די האַרץ איז רואיק . . . אַ נס, אַ נס! . . . גאָט האָט צוגעהערט מיין תפילה! . . . ער האָט די אויגן געעפנט, און ער זעט זיך שטיין לעבן זיין שטוב . . .

דורך די שפּאַלטן פון די לאָדן, שיינען די ברענענדע ליכט אין די אויס־געשייערטע, אויסגעפּוצטע לייכטער. די חלה, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסער סאַרוועטקע. טעלער און לעפל אויסגעלייגט אויף דעם ווייס באַדעקטן טיש. די שטולן, צוגעשטעלט נאָענט צום טיש. די קינדערלעך דרייען זיך אַרום. די ווייב שטייט אַ פערדאַגה׳טע, ברעכט די הענט . . .

פּלוצים הערט ער אַ שטימע הינטער זיך — אין רושיס:

— לייבושקאַ, האָסט פאַרלאָרן דיין פּאַק סחורה. אָט האָסטו עס, לייבושקאַ. איך האָב דאָס דיר געבראַכט. נאַ דיר, מיין פריינט! . . .

לייבל האָט זיך אומגעקערט און דערזען דעם פויער מיט זיין פּאַק סחורה און אָן אַ וואָרט איז דער פויער אַוועק . . .

דער רב האָט לייבלן געזאָגט: — דאָס איז געווען אליהו־הנביא . . . ער האָט אייך געטריבן צום לויפן גיכער אַהיים — לכבוד שבת קודש . . .

דער הענדלער, לייבל, דער שווערער פּאַרזאָרגער פאַר זיין משפּחה, איז אויפגעריכט געוואָרן. שלמה שישלער האָט אים אַנגעשטעלט אין זיין געשעפט, און קהלה האָט באַקומען דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר אים. אפילו דער רב האָט געקוקט אויף אים מיט סתר־פאַרבאָרגענע עניים! דער רב האָט געטראַכט, אַז לייבל איז אַ קדושה מענטש, אַ צדיק, ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט, ווי די אַנדערע יידן, אַז אַ לעבן צו מאַכן איז שווער פאַר אים, אַז די חיונה קומט אים אָן מיט בלוט . . .

לייבל האָט זיך געוואָלגערט אַלע יאָרן אין די דערפער, געשלאָפן אין דרך, אין וועג, און פיל מאָל אין סכנת־נפשות געשלאָפן אין וואַלד, אין פעלד. אַזוי אַ גאַנצע וואָך; נאָר פאַר שבת פלעגט ער קומען אַ היים צו ווייב און קינדער. שבת איז ביי אים געווען דער הייליקסטער טאָג אין זיין לעבן . . . ער האָט געהונגערט די גאַנצע וואָך, געגעסן טרוקן ברויט מיט וואַסער; אַמאָל אַ ציבעלע מיט ברויט און פאַרטרונקען מיט וואַסער. נאָר שבת־קודש האָט ער געהאַט פיש, אַ שטיקל; עוף, אַ שטיקל, מיט קאָמפּאָט, און אַביסל מאַשקע אויך. און ווין פאַר קידוש . . . דערפאַר האָט דער רב פיל מאָל גע׳מוח׳ט: — איז דער ייד . . . אפשר . . . אפשר . . . ? — ער האָט געהאַט מורא אויסצורידן דאָס לעצטע וואָרט, וואָס ער דיינקט: אַז לייבל איז — אַ למד־ובניק! . . . אין כלל, האָט דער רב געהאַלטן, אַז לייבל איז ניט אַ כלל מענטש: אָט זעט ער בפירוש, אַז אליהו־הנביא האָט זיך צו אים מגלה געווען: „איז דאָס נישט אומגעווייגלעך צו אַזאַ מדרגה זוכה זיין! ? . . .״

שלמה שישלער האָט פאַר אים אויך דרך ארץ באַקומען, הגם, לייבל האָט אים גערופן ר״ב שלמה און תמיד זיך אַבויגעטאָן פאַר אים, פאַר יעדער קלייניקייט!

ס׳איז אַלץ געווען באַשערט, אַז שלמה זאָל רייכער ווערן: אָט איז מען געקומען אַנקוקן לייבלען, מענטשן פון דער גרויסער שטאָט. אַפילו רבנים פון אַנדערע מרחקים, גרויסע שטעט, זיינען געקומען צו האָבן אַ שמועס מיט לייבלען. אין איין קורצער צייט האָט זיך אַבויגעטאָן אַפּאָר צענדליק שטיבער. מען האָט שוין געשמועסט, אַז מען וועט מוזן בויען אַ נייע שול. מען האָט שוין צוגעקליבן אַ נאָמען פאַרן בית־מדרש: — „בית מדרש הגדול״. מען האָט אויסגעשניטן גאַסן מיט יידישע נעמען. די „לייבל״־גאַס וועט הייסן וואו די שול וועט שטיין. לייבלען אליין האָט דאָס ווייניק געקימערט, אים האָט פיל מאָל צער־געטאָן, וואָס מען צעפויקט דאָס נס, מכל־העולם, איבער גאָר דער וועלט. ער האָט פיל מאָל זיך אָפּגעזאָגט צו האָבן אַ שמועס מיט אַ רב. ער פלעגט זאָגן:

— איך האָב שוין עטלעכע רביים דערציילט, וואָס סע האָט געטראָפן מיט מיר! וואָרום ווידער ס׳פרעגן קשיות?

שלמה שישלער האָט אים איינמאָל איינגעלאַדן אין אורחות צו אים. אויך

זיין ווייב און קינדער זאָל ער ברייגנען צו אים. לייבל, פאַרשעמט, האָט אים געזאָגט:

— וואָרום הייסט איר מיר ברייגנען מיינע קינדער? זיי וועלן פאַרשמוצן אייערע קאַרפּעטן, צוברעכן עפּעס חלילה, אַ טייערע גלאָזוואַרג; צוקראַצן די שיינע מעבל. מיינע קינדער זיינען צו אַזאַ שטוב ניט געוויינט, ר"ב שלמה!

— וואָס אַרט עס אייך, ר"ב לייבל, — האָט רבקה׳לע זיך אַריינגעמישט:

— מיר ווילן איר זאָלט אונדזערע אורחים זיין. אפשר וועט איר מיט אונדז, נאָך אַמאָל, זיין אין שכונות?! איר ווייסט, אַז מיר האָבן אַ גרויסן הויף. אייערע קינדער קאָנען זיך שפּילן מיט אונדזערע קינדערלעך. איר ווייסט דאָך, ר"ב לייבל, אַז מיר האָבן צוויי קינדערלעך!

— יאָ, מאַדאַם, רבקה׳לע, איך ווייס! אַט טאַקע דערפאַר האָב איך מורא, אַז זיי זאָלן מיט אייערע קינדער זיך נישט צעשלאָגן; מיינע קינדער שלאָגן זיך צווישן זיך.

— אַלע קינדער שלאָגן זיך צווישן זיך, — האָט רבקה׳לע געענטפערט: — זיי שלאָגן זיך און שפּילן זיך ווייטער. אַזוי זיינען קינדער; דערפאַר זיינען זיי קינדער.

לייבל, נעבעך, האָט זיי נישט געקענט אָפּזאָגן. ווי זאָגט מען אָפּ דעם בעל־הבית? האָט ער גענומען ווייב און קינדער אין אַ שבת און זיך געלאָזן צו זיין בעל־הבית.

רבקה׳לע האָט זיי אויפגענומען, און זיך אַפילו צעקושט מיט לייבל׳ס ווייב. לייבל׳ס ווייב איז געווען אויסגעצערט, פּשוט היילע ביינער. אַ מאָגער פּנים, מיט איינגעפאַלענע באַקן, נאָר גרויסע, יידישע אויגן האָט זי פאַרמאָגט. זי האָט זיך פאַרשעמט, דאָס די רייכע, שיינע רבקה׳לע, האָט זיך מיט איר צעקושט.

די טישן זיינען געווען געגרייט מכל־טוב. די דינסט־מיידלעך האָבן גע־טראָגן נאָך און נאָך . . . דער זילבערנער סאַמאָוואַר האָט געשלאָגן מיט פּאַרע. לאה, לייבל׳ס ווייב, האָט זיך געפילט פאַרלאָרן אין דעם גרויסן עס־צימער, וואָס איז געווען פול מיט טאַשערקעס, ביי די ווענט, מיט זילבערנע כּולים. אַלץ איז געווען אונטער גלאָז. די ווייכע קאַרפּעטן האָבן געטויט די קלאַנגען פון די שטיוול טריט מיט פאַדקאָוועס אויף די קאַרקעס. זי האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן פון דעם לוקסוס, וואָס האָט זיך צושפּרייט פאַר אירע עניים. זי האָט זיך געפילט פאַרלאָרן. די קינדערלעך, דווקא, האָבן זיך אויפגעלעבט! מען האָט זיך צעלייגט אויפן ווייכן קאַרפּעט, אַרומגעלאָפן, זיך געקוליעט, געקוויטשעט, געשריען, ווי ווילדע . . . די מוטער האָט זיך ביי זיי געבעטן זיי זאָלן נישט שטיפן:

— איר זייט, קינדער, אין אַ פרעמדער שטוב. שטיפט נישט, ס׳איז נישט שיין! . . .

— זאָל אייך נישט אַרן, — האָט רבקה׳לע זיך אַריינגעמישט. איך האָב ליב צו הערן ווען קינדער שטיפן, לאַכן, אַפילו ווען זיי צעשלאָגן זיך און וויינען; ביי מיר, קינדערשע געשרייען איז ווי כּלי־זמר וואָלטן אַ קאַפּעלע געשפּילט. זי האָט צוגערופן די קינדערלעך, זיי געגעבן טאָרט און אייער קיכלעך און זיי געזאָגט: ווער עס וועט וועלן נאָך, זאָל גלייך בעטן פאַר נאָך, און זיך נישט שעמען! איר זייט כּמעט אין אייער אייגן שטוב! . . .

די קינדערלעך, אָן צוואַרטן, האָבן גלייך אויסגעשטרעקט די הענטלעך

פאַר נאָך. הגם, אַנדערע האָבן נאָך ניט פאַרענדיקט, וואָס זיי האָבן נאָך ניט אויפגעגעסן.

ר״ב שלמה, לעת־עתה, האָט אַרומגעפירט לייבלען, וויזן אים אַלע צימערן. יעדער חדר איז געווען די גרויס, ווי לייבל׳ס גאַנצע שטוב.

לייבל איז נאָכגעגאַנגען זיין באַלעבאָס און זיך געחידושט, באַוואונדערט, וואָס פיר מענטשן פאַרלעבן. ער האָט געטראַכט:

— דאָ קאָן דאָך לעבן אַפּאַר צענדליק מענטשן, און ס׳זאָל אַלץ נאָך זיין געַרוים . . . רייכע, גבירים! — האָט ער געטראַכט, — אָט דאָס הייסט לעבן! . . . נאָר פאַר מיר, וואָלט עס געווען אַ קאָפּפאַרדרייעניש! . . . ווי קומט עס צו קבצנים? . . . אַ קבצן קאָן נישט לעבן אין אַ עושר׳ס וועלט . . . איך וואָלט צוטומלט געוואָרן פון אַזאַ לעבן . . . זאָלן די עשירים, די רייכע, דאָס האָבן: איזהו עשיר השמח בחלקו: אני שמח בחלקי! אַבי איך האָב עסן און טרינקען און אַ בגד פאַר זיך, פאַר ווייב און קינדער, בין איך אַן עושר!

— נו, וואָס זאָגט איר, ר״ב לייבל? געפעלט אייך די שטוב, ר״ב לייב? אַ שיינע שטוב, ר״ב לייבל? . . .

— וואָס פרעגט איר מיר קשיות? איר פרעגט מיר צי די שטוב איז אַ שיינע? איך דיינק ס׳איז צו שיין! וואָס דאַרף מען אַזאַ גרויסע שטוב פאַר פיר מענטשן, ר״ב שלמה? . . . זאָגט!? . . .

דאָ האָט מען דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד.

— וואָס איז געשען? איז לייבל אַריינגעלאָפן, וואו ס׳האָט זיך געהערט דאָס געשריי.

זיין עלטערער זון, אַיאָר נייַן, האָט זיך צוגעשאַרט צו ר״ב שלמה׳ס אינגל און האָט אים אויסגעריסן די זילבערנע קנעפּלעך פון זיין גאַרניטל . . . ר״ב שלמה׳ס יינגל איז געווען פון זעלבן עלטער, האָט ער געמאַכט געוואַלדן . . .

רבקה׳לע איז אַריין אום אויסצופאַרשן וואָס ס׳האָט דאָרט פּאַסירט, איז זי צו צו איר יינגל און אַ קוש אים געטאָן.

— יעקב׳ל, — האָט זי צו אים געזאָגט, — ווען דו וואָלסט געווען אַ חכם, אַ קלוגער יינגל, וואָלסטו אים גאָר געשוינקען פאַר אַ מתנה דיין גאַרניטל. דו האָסט דאָך אַסך, מיין קינד. גיב אים, און איך וועל דיר קויפן פונקט אַזאַ, אַ נייעם, וועט אירביידע האָבן די זעלבע גאַרניטלעך . . .

יעקב האָט געשריען: ער וויל נאָר דעם גאַרניטל, נישט קיין אַנדערן . . .

לאה האָט זיך געבראָכן די הענט, און טרערן האָט געקאַפּעט פון אירע גרויסע אויגן:

— אַזאַ בושה, — האָט זי זיך צעקלאָגט: — איך האָב דיר געזאָגט, לייבל, אַז די קינדער וועלן אונדז אָנטאָן צרות און חרפה דאָ; אַז די קינדער זאָלן מיר לאָזן אין דער היים.

רבקה׳לע איז צוגעשפרונגען צו לאהן און האָט זי צוגעדריקט צו זיך, און זי באַדעקט מיט קושן:

— זאָל אייך ניט אַרן, אַ האָר ניט, מאַדאַם לאה, אַ האָר ניט. מאָרגן, מירצע־השם: ווי הייסט אייער יינגל?

דער יינגל האָט זיך אַרויסגערוקט:

— בערעלע, בערל, הייס איך. נאַט אייך די קנעפּלעך. — און האָט איר דערלאַנגט די זילבערנע קנעפּלעך.

— מאָרגן, בערעלע, וועל איך דיר געבן אַזאַ גאָרניטערל. ביזט צופרידן, בערל? — האָט זי געפרעגט.

דער זון האָט דערהערט, אַז די מוטער וועט אים געבן אַ נייעם גאָרניטערל ווי זיינעם, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איך וועל אים געבן מיינעם, מוטער. — און האָט תיכף אויסגעטאָן דעם זשעקעטל און דערלאַנגט דאָס דער מוטער.

— ביזט אַ פיין ייִנגעלע, מיין קינד. גאָט זאָל דיר געבן געזונט און כח, אַז דו זאָלסט אויסוואַקסן און זאָלסט אַלע מאָל געבן, וועט גאָט דיר אויך געבן.

— און האָט זיך געווענדעט צו בערעלען: — אַנו, בערעלע, מעסט אים אָן, וועט ער פּאַסן פאַר דיר? דו קוקסט אויס די זעלבע גרויס ווי יעקב׳ל.

בערעלע האָט אים אָנגעפּאַסט און ס׳האָט גוט געפּאַסט, ווי געווען פאַר אים געמאַכט.

— טראָג געזונטערהייט, — האָט געזאָגט רבקה׳לע, און אים אַ קוש געטאָן:

— איצט וועסטו האָבן אַ חבר, — האָט זי זיך געווענדעט צו איר זון. ביידע אין די זעלבע גאָרניטלעך. ווי אַ צווילינג, וועט מען מיינען, אַז איר זיינט!

זי האָט געהייסן דער דינסט מען זאָל אַריינברענגען עסן. זי האָט געהייסן אַלעמען זיך צוזעצן אַרום דעם גרויסן דעמבענעם טיש, מיט דעמבענע גע־וואַקסטע שטולן, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי געפּאַלירטע.

— לאה, איר זעצט זיך לעבן מיר, — האָט רבקה׳לע געזאָגט.

— איך מוז זיצן לעבן די קינדער, זיי קאָנען נאָך איבערקערן דעם טיש מיט אַלעס מיט אָן אַנדערן, — האָט לאה געענטפערט.

— האָט נישט מורא, לאה. איר ווייסט גאָר וואָס, לאה, זאָלן מיר זיך נישט אירצן, און גלייך זאָג איך אייך דו! דו הערסט, לאה, עס זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ. ס׳איז גענוג דינסטן דאָ פאַר אויפצוקלייבן, אויסצורייניקן. איך האָב דריי דינסטן, וואָס רייניקן די שטוב. טאָ עס זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ, דו הערסט, לאה? . . .

— גוט האָסטו געטאָן מיין ווייב, — האָט געזאָגט ר״ב שלמה, — וואָס דו הייסט זיך דוצן מיט לאהן. איך וועל דיר אויך נאָכטאָן: — לייבל, דו זאָלסט מיר אויך זאָגן דו! . . . דו הערסט, לייבל? . . . מער וויל איך ניט הערן, אַז איך בין ר״ב שלמה שישלער צו דיר! שלמה — דאָס גאָר! שלמה, גיב מיר; שלמה, קום עסן; שלמה, איך דאַרף אַ פאַר עקסטרע פינפערלעך! דו הערסט, לייבל?

אין הויז איז געוואָרן — ששון־ושמחה!

די קינדער האָבן איבערקערט די שטוב, צוגאָסן אויפן טיש די סופּ. צו־בראָכן אַ פּאַר טעלער, זיך איינגעשמירט, און רבקה׳לע האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון אַלעס — נחת געהאַט . . . נאָר לאה האָט זיך אָפּגעגעסן איר חולה האַרץ. ס׳איז געווען אַ בושה דאָס אַלץ צו צוזען. דאָס זעלבע איז געווען מיט לייבלען. ער האָט געזאָגט:

— לאה׳לע האָט מיר געבעטן, אַז מיר זאָלן נישט נעמען די קינדער, מחמת זיי וועלן איבערקערן די שטוב און מאַכן פון אַלץ אַ תל דאָ. ס׳איז מיר אַ בושה, וואָס זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן.

— זיי דאַרפן זיך צוגעוווינען צו זייער שטוב. מיר ווערן בקרוב שכנים. איך האָב דיר געזאָגט, לאה׳לע, פריער, אַז מיר וועלן ווערן שכונים! . . . זיי

וויסן, לאה׳לע: איך גיב דיר די שטוב פאַר אַ מתנה, און דיינע קינדערלעך וועלן האָבן וואו צו שפּילן זיך!

— און איך, לייבל, וועל דיך מאַכן פאַר אַ שטיקל שותף אין מיין געשעפט! דו הערסט, לייבל, פאַר אַ שותף . . .האָט שלמה איבערגעזאָגט.

לאה׳לע איז געפאַלן אין חלשות. ווען זי איז געקומען צוזיך, איז זי געפאַלן אויף רבקה׳לעס האַלדז און ביטער געוויינט:

— ווער וועט קענען אַרומגיין אַרום אַזאַ אימעניע? . . . האָט לאה שוין געשמייכלט מיט טרערן.

— ס׳איז דאָ גענוג גויים, זיי וועלן אויפפּאַסן און רייניקן און קאָכן אויך. שוין צייט פאַר דיין צער זאָלסטו אַביסל נחת האָבן . . .

— איצט, — זאָגט שלמה שישלער, — וועלן מיר גיין אָנקוקן אונדזער נייעם שטוב, און ווען מירן האָבן פאַרטיק די שטוב, וועלן מיר זיך אַהין אַריבער־קלייבן און איר וועט אין אונדזער שטוב דאָ, אַהער, זיך אריינקלייבן. און אייערע זעקס קינדערלעך וועלן זיך מחיה־זיין אויף די ווייכע קאַרפּעטן. גוט, אַ? זייער גוט! . . .

— האָב איך דיר נישט געזאָגט, אז מירן נאָך שכונים זיין? — האָט רבקה׳לע געזאָגט צו לאהן.

— דאָס איז אַ נס מין־השמים, — האָט לייבל געזאָגט, — ס׳שווינדלט מיר אַזש אין קאָפּ! . . .

— אליהו הנביא, האָט דיר געהאָלפן טראָגן דיין פּאַק מיט דיינע שמאַטעס, און איך האָב דיר די שמאַטעס אויסגעביטן פאַר רו און זאַט . . . האָט שלמה שישלער געזאָגט. — ישועת, יהוה כהרף עין! . . . דו האָסט גענוג געהאָט צער, האָט גאָט דיך באַלוינט . . . דאָס איז ניט מיינע — ס׳איז דיינע, דיינע, לייבל . . . גאָט וויל אַזוי, לייבל! . . . עד שיבוא אליהו!

וואָלט וויטמאַן

(איבערזעצט פון מיין ענגלישן בוך לידער)

וואָלט וויטמאַן, דיינע ווערטער זיינען ניט וואַקס וואָס שמעלצן;
דיינע לידער זיינען ווי גלעקער, וואָס רופן צו דער וואַכן:
האָסט געזייט זאָמען פון פרייהייט אין די הערצער פון די פּאַרלאָזענע,
די פּראַצער, אונטערדריקטע, האָסט הויך זיך דערהויבן.
דיין בייטש שרעקלאַז — שמייסט — די איינגהאַרציקע וועלט
שטייסט אליין, אויבן, אַ בראַוזער, ווי אַ מעכטיקער אָדלער
שטייסט שרעקלאַז, דיין פלאַג הויך צושפּרייט,
אַ זייער פון פרייהייט־זאָמען, וואָס די געגנער רופן געזעצלאָז.
ביזט אַ מעכטיקער אָדלער אונטער גאָט׳ס הימל צווישן פּאָעטן.
דו טראָגסט געווים דיינע ווערטער אויף זאַנפטע פליגלען
די שטעכ־פּערסמטע־קריטיק האָט דיך נישט גערירט. אַלע ווייסן.
אָן אָדלער! אין זיין שטאָלץ, אַ נאַכטיגאַל, וואָס זינגט . . .
איך זינג צו דיר, וויטמאַן, דו צווילינג צום פּאַרנאַסאַס־באַרג —
ביזט צווישן די גרעסטע פון ליבע און פרייהייט צו געפינען.

מצא אשה, מצא טוב

שלמקע איז געווען אַיאָר צען. האָט שוין געקאָנט ניט נאָר חומש און תנך, נאָר איז טיף שוין פאַרקראָכן אין העכערע ספרים: שולחן־ערוך און משניות, — אַפילו אַ בלעטל גמרא געקאָנט אויף אויסווייניק.

ווען שלמקע פלעגט גיין אין גאַס, האָט זיך זיין דינער גוף׳ל געוויקט זיך גלייך און שטייף. און די הענט האָט ער געביטן, ווי ער האָט געביטן די פיס, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף אַלע פיר; ווי דאָס וואָלט באַשטעטיקט, אַז מיר שטאַמען פון מאַלפעס.

ער, שלמה׳קע, איז געווען גאַנץ געוויקסיק. ווען נישט זיין דין גופעלע, וואָלט מען געקאָנט דיינקען, אַז ער איז אַיאָר צוועלף־דרייצן. ער האָט זיך געהאַלטן זייער צוויבער רייין. ער האָט זיך נישט געשפּילט ווי אַנדערע קינדער. ווען די אַנדערע פלעגן זיך שפּילן אין פערדלעך, אָדער אין באַהעלטעניש, פלעגט אים אהאָר נישט אָרן: צייטנווייז פלעגט ער אַ שמייכל טאָן, אַרויס־קוועטשן, ווען ס׳האָט אַ קאָמישקייט באַצייכנט.

דער קליינער שלמה׳קע האָט געקענט לייענען די תורה, און ווען ער האָט קריאת־התורה געווען, פלעגן אַלע פון אים נחות האָבן פון זיין טראָפּ, פון זיין התלהבות.

דער טאַטע פלעגט שטיין ביים זייט און געשלונגען חדוה־פריידיקע טרערן. ער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט שלמה׳קען, אַז ער איז אַן אומגעווייניטלעך יינגל־קינד. אַז ער איז אַ גאון . . . ער האָט זיך באַנומען מיט אים ווי מיט אַ חבר: פלעגט אָפּט מיט אים עוצות האַלטן. ער פלעגט, למשל, צו אים זאָגן אַזוי:

— ווי דיינקסטו, שלמה׳קע, מיין זון, איז טוב אַזאַ מחשבה, אַ מיין קינד? און אכרית־דבר פלעגט ער זאָגן; איך דיינק דיין שכל איז פיל בעסער פון דעם פּאָליצמייסטערס. ווי קומט צו אַן „אָרל" האָבן אַזאַ יידישן שכל? אַזאַ יידישן ראש, ווי דיינער . . .

פאַרקערט, די מוטער האָט געמאַכט פון אים אַ גאַנצן צימעס, אַ גאַנצן יחות.

— ער האָט דעם זיידנס מוח. מיין זיידע, ע״ה, מיין זיידע, איר קאָנט, איר קאָנט דאָך אים, רבי בער, דער רויטער, ע״ה. ער האָט דאָך אריינגעלעבט ביז צוויי און נײַנציק יאָר. געווען אַ האַלבן־יאָר־הונדערט ביי אונדז אין מצב; געווען אַ תלמיד־חכם־בדור. מען פלעגט צו אים פאָרן ווי צום רעציצער רבין: געווען אַ גאון! ער איז געווען אַ גרויסער בעל־תפלה. וואָס איז ער ניט געווען? ער איז געווען, וואָס איר ווילט נאָר אליין! ווען ער פלעגט לייענען די תורה, פלעגט זיין אַזוי שטיל, אַז אַ שפּילקע האָט מען געקענט הערן פאַלן. על־כן איז ער געווען אַזאַ לאַנגע צייט רב אין איין ישוב!

און די ווייבער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ — איינשטימינק. איין פרוי האָט געזאָגט:

— ווי דער עלטער־זיידע, אַזוי דער אוראייניקל, — ס׳איז ירושה . . .

— געזונט זאָל ער נאָר זיין און לעבן אַזוי לאַנג, ווי דער זיידע האָט געלעבט, — האָט די מוטער געזאָגט. איר שוואַרץ־חן׳עוודיק פּנים פלעגט אויפ־בליען. זי איז געווען אַזוי דונקל, ווי אַ ציגיינערן, מיט שוואַרצע גרויסע ליכטיקע

אויגן. ווען זי פלעגט גיין, איז זי געווען אַזוי בייגיק ווי אַ מיידל, אַ בתולה, פּשוט, הויך און צאַרט און אימער איז אַ זיסער שמייכעל געלעגן אויף אירע שמאַלציקע ליפּן. אַן אָריענטאַלישע יידישע פרוי, מיט א לייגגליך פּנים.

* * *

ווען שלמה׳קע איז בר־מצוה געוואָרן, זיינען געקומען אין בית־המדרש הגדול אַ האַלבע שטאָט: טאַטעס, מאַמעס מיט קינדער.

אין דעם מדו״ש־הגדול איז געווען צוויי אריינגאַנגען: איינער אויף אייזערנע טרעפּ, וואָס איז געווען אינעווייניק פון הויף, וואָס האָט געפירט צו דער ווייבערשער שטיבל, אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע שיין אויסגעדרייטע פּאַרענטשן פון די זייטן ווענטלעך, כדאי מען זאָל ניט אַרונטערפאַלן. דער מאַנצבלישער אריינגאַנג איז געווען פון גאַס אריינגאַנג. ביים אריינגאַנג איז געשטאַנען צוויי מארמולנע זיילן, ווייסע, געאָדערט מיט שוואַרצע און בלויליכע אָדערן; אויך פון דעם זעלבן מאַרמול זיינען געווען די רוחובתדיקע ברייטע טרעפּן. די טירן זיינען געווען בראָנזענע. הויך און ברייט. צוויי מאַסיווע, שווערע טירן. אין מיטן פון די טירן זיינען געווען אויסגעגראַווירט אין זילבער, צוויי מגן־דוד׳ן. אויך די הענטלעך זיינען געווען פון ריינעם זילבער.

אינעווייניק האָט אונטערגעשפּאַרט דריי זיילן אין זייט, און דריי זיילן אין צווייטן זייט, דאָס הייסט, פון רעכטס און פון לינקס. אין מעריב זייט איז נאָר געווען אין מיטן איין זייל. אגב די צוויי זיילן, איינער פון רעכטס, און איינער פון לינקס האָט געשאַפן דעם אויסדרוק, אַז אין אַלע דריי זייטן זיינען צו דריי זיילן. אָבער די זיילן פון אינעווייניק, זיינען נישט געווען פון מארמול שטיין, נאָר פון פּשוטע גלאַנציקע ציגל. אויף די זיילן האָט געשולטעט זיך די ווייבערשע אויבער־שטיבל. אַרום איז געווען מעשענע פּאַרענטשן, אויסגעבויגענע שטאַכעטלעך מיט מגן־דוד׳לעך און אַנדערע אָרנאַמענטן. די פּאַרענטשן פון דער בימע איז אויך געווען אויסגעדרייט פון מעשענע מגן־דוד׳לעך, פּונקט ווי די פּאַרענטשן פון דער ווייבערשער שול זיינען געווען אויסגעדרייט. אַרויף צו דער בימע, האָט געפירט דריי מאַרמולנע טרעפּלעך אויך מיט מעשענע פּאַרענטשלעך פון די זייטן. איבער דער בינע איז געהאַנגען ווי אַ שירעם אַ גרויסער הייגג־לייכטער מיט אסך רערן ארומגעהאַנגען מיט שווינדל־גלעזעלעך. ווען די ליכט האָבן געברענט, האָט עס געבליצט מיט אַלערליי פארבן און שטאַרק פאַרליכטיקט די שול, וואו דער בעל־קורא האָט געלייענט די תורה.

פון מזרח זייט, פון די זייטן, זיינען געשטאַנען צוויי זייל־לייכטער פון געפּלאָכטענעם זילבער און אונטן דער פּעדעסטאַל פון מעש און זיי זיינען תמיד געשטאַנען וואַקסענע ליכט.

דער ארון־קודש איז געווען הויך און ברייט, רוחובותדיק. אין סאַמע אויבן זיינען געווען צוויי אָדלערס באַגילטע מיט זהב־טהור. דער פּרוחות איז געווען פון ווייסן זיידענעם סאַמעט, אויסגעוועפּט מיט גאָלד־פאָדים. לייבן פון ביידע זייטן און אַנדערע באַצירונגען. דער ארון־קודש איז געמאַכט געווען פון נוסן און מאַהאָגאָניע האָלצן און אויסגעשניצט און אויסגעזעצט מיט פארשידענע שטיקלעך האָלצן, וואָס מען רופט עס „אינקרוסטאַציע״, אָדער מאָזאַאיק.

ווען מען האָט שלמה׳קען אויפגערופן צו מפטיר, האָט ער איבערגעצייגן דעם זייד־וואָלענעם טלית איבער זיין קאָפּ, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ זיידענער יאַרמולקע און האָט געמאַכט די ברכה, האָבן אַלע אין שול גי־

ענטפערט מיט אַ הילך: — אמן! . . . און ווען ער האָט געגומען קראַת־התורה, איז אין שול אַזוי שטיל געוואָרן, אַז מע האָט גיקענט אים הערן אָטעמען. די מוטער זיינע איז געזעסן מיט די הענט אויף אירע אויגן, כדאי זי זאָל אים הערן און ניט אויספלאַצן פון טענוג אין א געוויין — אין טרערן . . .

דער פאָטער, אַ מאַסיווער מאַן פון אַיאָר פינף־און־פערציק, מיט אַ היבש בערדל, וואָס האָט זיך שוין דורכגעוואָרפן מיט זילבערנע האָר, איז געשטאַנען ביים זייט פון זיין זון, דעם בעל־בר־מצוה בחור און בעל־קריאָ, האָט אויך געהאַלטן פערמאַכט זיינע עניים און זיין לאַנגליך נאָז, האָט זיך נאָך מער ארונ־טער געבויגן. זיין הויכער שטערן האָט אַרומגעגלאַנצט, ווי ער וואָלט געשוויצט. ער איז געווען פארטיפט אין מחשבות, גע׳מוח׳ט פון זיינע אַלע אַנדערע קינדער, די עלטערע: איינער, ברוך, איז אין שווייצאַריע, לערנט זיך פאַר אַ רופאָ, ווייל אין רוסלאַנד איז שווער אריינצוקומען א יידן אין אַן אוניווערסיטעט. וואָלט ער אַן עושר געווען, וואָלט קיין דאגה ניט געווען, — וואָלט ער אים אפשר גיקאָנט אריינשטופּן . . . אָבער איך בין אַ קליין סחר׳ל, וואו זשע נעמט מען? און ס׳ווילט זיך האָבן א שיינע מלאכה, א שיינע פּרנסה פאַר א קינד. גוטע קעפּלעך האָבן מיינע קינדער. דער צווייטער זון, יעקוב׳ל, איז אין סיביר פאַרשיקט. ער האָט געוואָלט דערשיסן דעם גובערנאַטאָר פאַר ווען דורכפירן אַ פּאָגראָם, — אַ רעוואָלוציאָנער! צווי טעכטער, אַ צווילינג; ברוי־ליאַנטענע שיינע טעכטער, האָבן געמוזט חתונה האָבן מיט בעל־מלאכות, פּשוטע בעל־מלאכות. הגם זיי לעבן נישט שלעכט; מען קאָן זאָגן בכבוד. די מענער האָבן זייערע אייגענע ווערקשטאַטן, — מאַכן אַ שיין לעבן, זאָלן זיי געזונט און שטאַרק זיין. אָבער מיין מיזיניקל איז אַ גאון. ער וועט דאָך זיין א רב, אפשר א באַרימטער רבי־בדור . . . ווי זיין זיידע, זיין עלטער זיידע איז געווען . . .

אַ שטורמדיקער אויפבראויז — אָמן! — האָט אים געבראַכט צו זיך פון זיינע מחשבותן, פון זיין טראַכטן. ער האָט גיעפנט די אויגן: דער זון האָט שוין אָפּגעזאָגט די לעצטע ברכה און ער האָט גאָר נישט גיהערט זיין לייענען די תורה און ניט די צווייטע, די לעצטע ברכה פון דער עליה, אויך ניט געהערט.

די מוטער האָט יאָ גיהערט. הגם מיט פאַרמאַכטע אויגן, זי האָט אַלץ גיהערט. און ווען פון כלל קהל, האָט זיך דערהערט דער אָמן, האָט אַ שטראָם טרערן זיך אַ דורכגעזייט דורך אירע פינגער . . . און ווען די ווייבער האָבן איר אָפּגעגעבן מזל־טוב, האָט זי אראָפּגענומען די הענט פון פּנים צו ענטפערן:

— מיט מזל זאָלט איר לעבן!

— וויינט, וויינט, — האָט איר אַ פרוי געזאָגט, — ס׳איז דאָך שמחה־טרערן, גליקלעכע טרערן: איר האָט אַזאַ גאון אַ קינד . . . ווען מען האָט אַזאַ זון! . . ווען ווערט געבוירן אַזאַ קינד? געבענטשט איז דער מאַמעס בויך, וואָס האָט געבראַכט אַזאַ קינד אויף דער וועלט . . .

דער פאָטער האָט גע׳כעס׳ט אויף זיך.

וואָרום בין איך אריינגעפאַרן אין די מחשבותן? וואָרום, גאָטעניו, האָסט מיך באַשטראָפט, אַז איך זאָל פון מיין טייערן קינד נישט הערן זיין בר־מצוה ברכה? זיין גאָלדן וואָרט! . . . נישט געהערט די הפטורה לייענען.

ער האָט זיך אָפּגעווישן אַ טרער און גיענטפערט אויף די מזל־טוב וואונטשן פון קהל . . .

אהיים גייענדיק, איז דער רב מיט אַ מהדר־מעט, געקומען צו רב חיים׳ען

פאַר לעקאַך און בראַנפן. די גרויסע שטוב, דאָס הייסט, איין גרויסן צימער איז געווען, וואָס מען האָט גערופן דער זאַל. ס׳איז טאַקע געווען אַ גראַמער חדר. ס׳איז דאָרטן געהאַנגען דעם ווילנער גאון׳ס בילד; דר. הערצל׳ס בילד, וואָס מען האָט ערשט אויפגעהאַנגען מיט אַ וואָך צוריק, וואָס מען האָט אײַנגע־מסחר׳ט בעת אַ מסיבה אין בית־מדרש לפני־ציוניצם. אין זאַל איז געשטאַנען אַ גרויסער מאַהאָגינער בופעט, וואָס האָט כמעט דערגרייכט דעם סופיט. דער אונטערשטער טייל איז געווען אַביסל ברייטער פון אויבערשטן טייל. אונטן האָט ער געהאַט צוויי געשניצטע טירן און איבער די טירן איז געווען דריי שופלאָדן. די זייטיקע שיפלאָדן זיינען געווען צוויי קלענערע און אין מיטן, דער גרעסערער, איז געווען האַלב רונדיק און אויסגעזעצט מיט קאָלירטע האַלצערנע טאַשמעס, ווי דער קאָלנער פון אַן אויסגענייטע רוסישע העמדל, „רובאַשקע״. דער אויבערשטער טייל האָט געהאַט פיר טירן: צוויי שמאָלע טירן פון די זייטן אין גאַנץ בעזונדערע ווענטלעך מיט דינינקע פאָלעצעס. די מיטלסטע טירן זיינען געווען אויסגעשניצט ווי די אונטערשטע טירן, נאָר מיט אַנדערע אוזאָרן און מיט דיקערע פאָלעצעס. דאָרטן זיינען געשטאַנען שווערע קעשיר און אַנדערע שווערע פלעשער מיט וויין און אַנדערע וואַרעניעס און אײַנגעמאַכצן, וואָס מען פלעגט אָנגרייטן פאַר יום־טובים, פאַר פסח — אַלץ מיט חשיבות. די זייטיקע שמאָלע טירן זיינען געווען אײַנגעפאַסט מיט געשליפענע גלעזער און מען האָט אַלץ געזען, וואָס אינעווייניק שטייט דאָרטן. דאָרטן זיינען געשטאַנען די פסח׳דיקע געשליפענע ארבע־כוסות און אַנדערע פסח׳דיקע פלעשער און כּולים.

די שטולן און דער גרויסער טיש איז געווען פון יאַשינאָוון־געוויגסט האָלץ. רב חיים, דער פאָטער, האָט געזאָגט, אַז די שטאַרקסטע האָלץ פאַר שטולן איז יאַשינאָווע האָלץ, און אַז די שטולן זיינען יאַשינאָווע, דאַרף שוין אויך דער טיש זיין פון זעלבן האָלץ. איז דער טיש אויך געווען פון יאַשינאָווע האָלץ.

רב חיים איז געווען אַ מבין אויף האָלץ, ווייל ער האָט אַמאָל גע׳מסחר׳ט מיט וואַלד און ער ווייס וואָס האָלץ באַטייט. און רב חיים פלעגט מיט שטאָלץ ריידן פון זיין זאַל און די מעבל.

דער עולם, ווי זיי זיינען אריין, האָבן זיך געלאָזן אין אַ ריידל, ווען דער שפּירט איז אריין אין קאָפּ . . . מען האָט גערעדט, אַז מען גייט נאָר אריין פאַר לעקעך מיט בראַנפן, נאָר מען האָט זיך גענומען צום טשאָלענט און נאָכן טשאָלענט, מיט פולע בייכער, מיט אַ טומל און ראש, האָט מען זיך געוואָרפן אויפן פאָדלאָגע ביז מנחה־קטנה האָט מען געדאַרפט גיין, אין שול, דאַווענען. דער עולם איז אַוועק אין שול האַלב אויסגעניכטערטע.

* * *

שלמה׳קען האָט מען גענומען ריידן שידוכים. פילע שדחנים האָבן זיך גענומען צו דער מלאכה. עס איז אַוועק באַלד פיר יאָר און מען האָט פאַר שלמה׳קען נישט געקאַנט צוקלויבן אַ כלה. קודם־כל, האָט מען געזוכט פון די פני, פון רבנים, פון עשירים, שיינה בתולות. נאָר שלמה׳קען איז דאָס נישט געלעגן אין זיין לינקע פאה. הגם שלמה׳קע האָט גענומען פילן — אַ פערלאנג . . . שוין זיבעצן יאָר . . . בן שמונה־עשרה־לחופה, האָט ער גי־לערנט. דער רב האָט מיט אים אריינגעטענה׳ט, אַז ער מוז זיך פערקנסן — ער מוז זיך אויסדערוויילן אַ כלה, אַ זווג.

אין בית־מדרש, שבת, ווען ער פלעגט גיין דאַווענען, פלעגן שטיין מיידלעך

ביים אריינגאַנג, כדאי זיין אויג זאָל פאַלן אויף איינער. שלמה׳קע פלעגט פער־ביי גיין די אַלע שיינע בתולות און נישט איינע האָט זיין לב באַרירט. עס איז געקומען צום לעצטן חודש, אַז ער דאַרף ווערן אכצן יאָר — און ס׳קערט זיך וועלטן. דער ראש־ישיבה איז געווען אויסער זיך. ער האָט איינגע׳טענה׳ט מיט שלמה׳קען:

—איך האָב, — האָט ער געזאָגט, — צו אַכצן יאָר געהאַט שוין צוויי קינדער און אַ דריטע אויפן דרך. וואָס טראַכסטו! וועגן דעם? אַ ייד מוז חתונה האָבן צו אַכצן יאָר: בן שמנה־עשרי־לחופה . . . שלמה׳קע, דו זינ־דיקסט; דו באַגייסט אַ חטא: ווערסט האָבן שלעכטע חלומות . . . פון שלעכטע חלומות ווערן געבאָרן נישט־גוטע — שדים ווערן געבוירן . . . דו הערסט, שלמה׳קע? . . .

איין מאָל, ערב שבת, האָט דער בעל ראָש־ישיבה׳ס אַן אייניקל, אריינ־געלאָפן צום זיידן, אים אָנצוזאָגן, אַז איר מוטער, זיין טאָכטער, האָט געבוירן א זכר, א ייִנגל, עד־כן האָט איר מוטער געבאָרן זיבן מיידלעך. דערפאַר איז זי דאָס געלאָפן גלייך אָנזאָגן דעם זיידן פון די נייס פון דעם גליק . . .

דער ראָש־ישיבה האָט געהייסן זיין אייניקל, אַז זי זאָל זיך צוזעצן און ער וועט ארויסגיין קויפן אַ פלעשל משקה מיט לעקעך לכבוד דעם נייעם מאַנצביל, מכבד־זיין זיינע תלמידים.

די בתולה, זיין אייניקל, איז געווען אַ יפת־תואר, אַן איידעלינקע, פון א יאָר זעכצן. אגב פיל שענערע האָט ער פון פריער שוין געזען: שיינע און רייכע . . . שלמה׳קע האָט געוואָרפן אַן אויג אויף איר. עס האָט אים אָצופּ־געטאָן אין זיינע ענים און פערגאַנגען טיף אין לב אריין. און דער שטילער שלמה׳קע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט זי געפרעגט:

— ווי הייסט איר?

— יהודית, — האָט זי פאַרשעמט, רויט ווערנדיק, גיענטפערט און אַראָפּ־געלאָזן איר פּעך שוואַרצן קאָפּ.

— ווי אַלט זייט איר?

זי האָט אויפגעהויבן איר שיינעם קאָפּ, די באַקן האָבן געשרפט און די גרויסע, שוואַרצע־קאַרשן־אויגן האָבן אים אדורכגענומען און זי האָט ווידער אַרונטערגעלאָזט דאָס שוואַרץ־ראָש און שטיל אַרויסגעשטאַמלט:

— זעכצן יאָר, אַביסל אַריבער זעכצן . . .

שלמה׳קע איז געשטאַנען אַ מינוט און געקוקט איר אין די אויגן. האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און איז אַוועק לערנען. נאָר יעדע רגע האָט ער געוואָרפן אַ בליק אין איר זייט, אויף דער פאַר־שעמטער בתולה, וואָס האָט גע׳שרפט ווי פייער פון אירע באַקן . . .

דער ראָש־ישיבה האָט אריינגעבראַכט אַ פלעשל משקה מיט אַ שטיק לע־קעך און געהייסן די תלמידים פערמאַכן די גמרות און אָנגעגאָסן קעלעשקעס מיט משקה און טאַקע מיטן רויטן קוויטל און געגעבן יעדן אַ פּענעצל לעקעך, זיי געהייסן מאַכן אַ ברכה און געמאַכט לחיים . . .

נאָך אלעמען, ווען יהודית איז אַוועק, האָט שלמה׳קע, תכף, ניט וואַרטנדיק, זיך געווענדעט צום ראש־ישיבה און געזאָגט:

— רבי, איך וויל אייער אייניקל פאַר א ווייב! . . .

דער ראש־ישיבה האָט זיך צוגעזעצט ער זאָל נישט אומפאַלן פון א האַרץ־קלאַפּ. ער האָט אָפּגעכאַפּט זיין אָטעם און אריינגענומען זיין לאַנגע באָרד אין זיינע ביידע הענט, אין ביידע גרויסע ידיים און זיין אונטערשטע ליפּ האָט ער צוגעדריקט מיט זיינע אויבערשטע ציין און געקוקט אויף שלמה׳קען.

— וואָס ? — האָט ער ארויסגעשטאַמעלט, און ווידער געקוקט ווי פאַר־שטיינערט אויף שלמה׳קען : — האָסט דאָך געזען שענערע פון איר — און ווידער אויף אים געקוקט : — מה טיבו של עובר זה ? . . . זי האָט דאָך נישט אַ קאָפּקע ביי איר נשמה . . . נישטאָ קיין נדן ! און זי איז דאָך ניט אַזאַ יפת־תואר אויך ! . . .

— שקר החן והבל היופי . . . רבי, ווי ס׳ווייזט אויס, ווילט איר מיר נישט פאַר אַן אייניקל . . . אַ, רבי ! ? . . .

דער ראש־ישיבה איז געזעסן אַ צוגעשמיטער, ער האָט זיך ניט גיקענט אַריענטירן : אהבה מקלקלת את השורה . . . הער נאָר שלמה׳קע, איז דאָס דעפיניטיוו ? נו, אויב דיר איז ליב, איז מיר ניחא ! האָסט געשמועסט מיט איר, שלמה׳קע ?

— יאָ, רבי, געשמועסט !

דער ראַש־ישיבה האָט ווידער זיך פאַר׳מחשבה׳עט, מיט די אויגן ארונ־טער. פון צייט צו צייט, האָט ער געקנייטשט מיט די פלייצעס, און זיך אַשטעל־געטאָן און אַרויסגעז׳דבר׳ט צו די תלמידים :

— איר הערט תלמידים, וואָס שלמה׳קע וויל ? ער וויל זיך משדך־זיין מיט מיר דורך מיין אייניקל, יהודית, אַן אָרעם מיידל, הגם ער קאָן קריגן עשירות און די שענסטע מיט פילע אלפים מזומן . . . מסתמא איז אזוי באַשערט : גאָט וויל אזוי. נו, דארף מען גיין דורפירן דעם שידוך. נו, ס׳איז דאָך אַן עניון . . . נו, תלמידים,זאָל שלמה׳קע מיך ממלא־מקום־זיין און ווערן אייער ראש־ישיבה . . . איר ווייסט, ער איז ראוי . . . אין מיין־העדר, אָפּוועזנקייט. איך מוז גיין ווערן א שדכן . . . פאר שלמה׳קען. אַ זווג . . . גאָט פאָרט צוזאמען . . . דערפאַר איז זי מיר געקומען אַנזאָגן . . . און שלמה׳קע זאָל זיך אין איר פארליבן . . .

— גייט, גייט, רבי, — האָבן עטלעכע תלמידים זיך אָפּגערופן, — גייט, מיט מזל אייער דרך . . .

— גאָט׳ס שליחות ! האָט געדאַרפט געבאָרן ווערן א זכר, א יינגל צו מיין טאָכטער, וואָס האָט זיבן בתולות, איינע נאָך איינע, ווי טרעפּ און זאָרג פאר די עלטערן. ווער ווייס גאָט׳ס דרכים . . . נו, האָט אייך א גוטן טאָג ! און איך וועל גיין טאָן מיין שליחות — און איז אַוועק.

פאר א קורצע צייט איז געוועזן אַ שטילקייט. מען האָט געקוקט איינער אויפן צווייטן. דערנאָך האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די תלמידים, א גוטער חבר פון שלמה׳קען :

— האָסט זי ליב, שלמה׳קע ? ווי פילט מען, אַז מען פאַרליבט זיך ?

— איש של בישר בעיניו יעשה, און וואָס איז ליבע ? — אַטראַקציע . . .

— אָבער זי איז אַזוי אָרעם, און דו קאָנסט קריגן די רייכסטע און שענסטע, — האָט א צווייטער געזאָגט.

— מצא אשה מצה טוב, — האָט שלמה׳קע גיענטפערט.

— נו, — זאָגן די תלמידים צו שלמה׳קען, — ילמדנו־רבנו . . .

לייבל דער אַרענדאַטאָר

פּראָלאָג

נאָך אַ לאַנגן, אויסגעמאַטערטן לעבן, נאָך טיפע זאָרגן פון די יונגע יאָרן, וואָס דער מאָגן איז תמיד ליידיק געווען, — ניט זאַט אָנגעפילט, האָט לוי שומאַכער זיך דערשלאָגן צו ווערן אַ מלמד ביי אַ רייכן אַרענדאַטאָר, נישט ווייט פון וואַרשע. אַ פאַרפּויערטער ייד איז דאָס געווען, — געלעבט ווי אַ פּויער, נאָר אַ ייד! . . . געהיט שבת און יום־טובים: געהאַלטן אַ כשר הויז און גיקענט דאַווענען פון סדור, אָדער מחזור. ער האָט, אגב, געוואָלט זיינע קינדער זאָלן קאָנען, האָט ער אָנגעשטעלט אַ מלמד פאַר זיינע דריי זין: זאָלן זיי קאָנען אויסוויייניק דאַווענען; ניט נאָר דאַווענען, — זיי זאָלן אויך קאָנען חומש, תנך, און נאָך מער, אַפילו גמרה:

— „וואָס, איך האָב קיין געלט ניט? אַדאַנק גאָט, איך קאָן זיך דער־לויבן, גאָט האָט מיר געהאָלפן, אַפילו מיינע מיידלעך וויל איך זאָלן קאָנען, ווי די שטאָטישע בעליבתישע קינדער, — קאָנען לייענען און שרייבן.“

און יידן האָבן זיך גענומען מערן אין דעם מצב. און אַ נייע קהלה איז אויפגעקומען.

צי דער בעל־גוף קאַזעמירסקי האָט דאָס געטאָן מיט אַ כיוון, אָדער ניט, נאָר געוואוסט האָט מען, אַז קאַזעמירסקי איז קיין גרויסער אוהב־ישראל ניט געווען. די אימעניע איז געווען גאָר אַ היבשע. אַ גרויסע: אַ גרויסער וואַלד פון צענדליקער טויזנטער ביימער, אַסך פּי, מיט עופות, מכל־מינים און תבואה, סעדער פון כל־ערליי פּרות.

דער פּאַן קאַזימירסקי איז געווען איינער פון די רייכסטע שלאַכטעס: הונדערטער פערד, פערד פאַר יאַכט, הינט פאַר יאַכט געבראַכט פון אַנדערע מקומות, גוט געלערנטע פאַר דער קונסט צו קענען גיין אויף יאַכט.

קאַזימירסקי איז געווען הויך און ברייט, און אימער פלעגט ער גלעטן זיינע גרויסע וואָנצעס, און ווען ער פלעגט ווערן אין כעס, פלעגט זיין דיקע, ברייטע מאָרדע זיך טרייסלען און זיינע קליינע, גרויע אויגן פלעגן זיך פאַר־מאַכן. די באַקן־בערד האָבן זיך געצייגן ביז די וואָנצעס. ער האָט נאָר געגאָלט די מאָרדע.

— היי, לייבושקאָ, — האָט דער בעל־גוף, קאַזימירסקי, זיך איינמאָל געווענדט צום יידישן אַרענדאַטאָר:

— וואָרום האָלסטו ניט פון דיין שבת? .

— ענטשולדיקט, פּאַניע קאַזימירסקי, איר גיט מיר ניט די אָפשרות צו האַלטן שבת. תמיד קומט איר נאָר שבת צו טאָן די מסחרים מיט מיר.

— וואָרום זאָגסטו דאָס מיר ניט? וואָרום שטעלסטו זיך ניט אָקעגן? — האָט קאַזימירסקי, ווי מיט חוזק פון זייט געקוקט אויף אים און געדרייט די וואָנצעס, וואַרטנדיק, וואָס דער צוטומלטער אַרענדאַטאָר וועט אים ענטפערן . . .

לייבל, דער אַרענדאַטאָר, איז געבליבן שטיין אַ ווייַלע. זיין שטאַרקער גוף, וואָס האָט כמעט אויסגעקוקט ווי דעם בעל־גוף׳ס קאַזימירסקיס, — נאָר ער האָט געהאַט אַ געלע באָרד מיט פעטע ליפּן, אַ בויגלעכן נאָז און אַפילו גע־טראָגן אַ טלית־קטן . . . אויף זיין גרויסן שטערן פלעגן זיך לייגן דיקע קנייטשן, ווען ער פלעגט עפּעס דאַרפן גיך איבערטראַכטן.

— נו, וואָס שווייגסטו, לייבושקע? — האָט איבערגעפרעגט דער בעל־גוף.

— פאַניע, האָט לייבל זיך אָנגענומען מיט מוט און אזאָגגעטאָן:

— פאַניע, איר וואָלט מיט מיר ניט געמסחרט.

פאַניע קאַזימירסקי האָט נישט איין ארענדאטאָר אָפּגעזאָגט, און אפילו ארויסגעיאָגט פאַר וועלן אָפּריכטן שבתים.

— און אַ לעבן דאַרף מען מאַכן, — האָט ער געזאָגט און אויף אים געקוקט מיט פאַרשענדע אויגן.

— וואָס זוכט ער? דער . . . האָט ער ביי זיך געטראַכט . . . וויל ער פון אים פּטור ווערן, אָדער וויל ער פון אים חוזק מאַכן?

ס'האָט אים שטאַרק ווי געטאָן צו קוקן אויף דעם בעל־גוף, ווי יענער, פאַרביסן, וויל זיך מיט אים פאַרטשעפּען, ווייזן זיין אַוטאָריטעט, אַז ער איז באַלעבאָס. עס האָט אים שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ.

— נו, גוט, — האָט קאַזימירסקי צו אים געזאָגט: — דו ביזט דער ערשטער, וואָס האָט געוואָגט מיר צו זאָגן דאָס אין פּנים אריין, — מיין אַוטאָ־ריטעט . . . נו, גוט! איך וועל דיר באַפרייען פון שבת־מסחרים, נאָר איין טאָג אין יאָר מוזסטו טאָן מסחר מיט מיר פאַר דעם . . .

לייבל האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט געוואוסט, אַז דער בעל־גוף זוכט אויף אים אַ שווער וואָג אַרויפלעגן פאַר דער טובה, וואָס ער וויל אים טאָן מיט דער לחפשי, באַפרייען פון שבת מסחר. ער האָט אינסטינקטיוו דער־פילט, אַז דער דונער וועט קומען מיט אַ שטערקלעכן קראַך און האָט זיך אָפּגערופן:

—וואָס אַזיינס פאַרלאַנגט דער פּאַן? . . .

— נאָר איין טאָג פאַר אַלע שבתים, — האָט דער בעל־גוף שיין גע־שטאַמעלט . . . אים ווייזט אויס, איז אויך געווען שווער אַביסל די בקשה . . . ס'האָט אים געציטערט די אונטערשטע ליפּ . . . אים האָט פאַר אַ רגע דער לשון ניט געדינט. נאָר ווען ער האָט געזען ווי דער אַרענדאַטאָר קוקט אויף אים, האָט ער זיך אָנגענומען מיט פערסמטן כוח און ארויסגעשאָסן מיט אַ האַרטע פאַרביסענע שטימע:

— יאָ, איין טאָג: יום־כיפּור, נאָר איין טאָג! — ס'איז אים, ווייזט אויס, געוואָרן גרינגער, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט . . . ער איז געוואָרן מיט פּקודה.

קאַזימירסקי, הגם אַ פאַרביסענער שונא־ישראל, האָט יום־כיפּור, פריער, אַלע יידן פון מלאכה, אָדער מסחר, זיי באַפרייט, — די פריעריקע אַרענדאַטאָרן.

לייבל איז געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט. אים האָט זיך גאָר אַזאַ זאַך נישט גע'חלומ'ט. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן. פאַר אים איז יום־כיפּור פון אַלע יאָרן — דער הייליקסטער טאָג פון זיין לעבן: אַלע ארענ־דאַטאָרן האָבן יום־כיפּור נישט געמסחר'ט; געגאַנגען אין שול . . . דער צונג איז אים אָפּגענומען געוואָרן. ער האָט געשטאַמעלט מיט די ליפּן און קיין וואָרט איז ביי אים ניט ארויס. ער איז געשטאַנען אַנטוישט. ער האָט אַזאַ דונערקלאַפּ נישט דערוואַרטעט. ס'איז אים נישט גוט געוואָרן און דער גרויסער מאַסיווער גוף האָט זיך אַרונטערגעלאָזן צום באָדן מיט אויסגעגלאָנצטע אויגן . . . ער האָט גע'חלושט . . .

דער בעל־גוף האָט אַ ווײַלע אויף אים געקוקט און ס'האָט אים גענומען ציטערן די פעטע מאָרדע און עס האָט אים גענומען ציטערן, טרייסלען, ווי ער וואָלט קדחת באַקומען און האָט קוים ארויסגעמורמלט:

— שלעפּט אַרויס די נבלה פון הויז, גלייך אויפן אָרט, גלייך טוט עס — און באַפעלן מען זאָל אים אריינברייגגען אַ פלעשל וואָדקאַ.

די משרשים האָבן ארויסגעשלעפּט לייבלען פון צימער. דער בעל־גוף, קאַזימירסקי, האָט געגומען זיך אָנגיסן אַ גלאָז וואָדקאַ און פלוצים גענומען טרינקען פון פלעשעל; געטרונקען אָן אַ אָפּשטעל ביזן לעצטן טראָפּן, אויס־געזופּט אין איין אָטעם.

ער האָט זיך אריינגעוואָרפן אין אַ ווייכן פאָטער־שטול און גענומען רייבן זיין פעטע נאָרדע און מיטן פויסט האָט ער זיך אָזעצגעטאָן אויף דער לאַדאָנע פון דער רעכטער האַנט, אַזש פון ווייטאג האָט ער זיך אויפגעשטעלט מיט אַן — אַי!

— „פּשאַק־רעוו, זשידזשי!" — און גענומען אומשפּאַנען איבערן חדר הין און צוריק; זיך אָפּגעשטעלט לעבן שרייב־טיש. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַן ראַנד פון שרייבטיש, ווי ער וואָלט געזעסן אויפן ראַנד פון שרייבטיש.

— וואו איז דער „זשידזשי"? — האָט ער געפרעגט דעם משרת, וואָס האָט איר געטאָן מיט אים?

— ארויסגעשלעפּט, — האָט געענטפערט דער משרת.

— אין דרויסן?

— אין דרויסן!

— אָט אַזוי איז גוט, — האָט ער אויסגעטרונקען די וואָדקאַ פון גלאָז, וואָס ער האָט פריער ניט פול אָנגעפילט און געטרונקען פון פלעשל.

— ברייגג עפּעס אריין וואָס צו־צובייסן, — האָט ער געזאָגט צום משרת.

דער משרת איז אַרויס, גאָרנישט זאָגנדיק.

דער בעל־גוף האָט גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק. אין מוח האָט געברענט זיין טרפה׳נע בלוט. ער האָט זיך ווידער אַמאָל אָפּגעשטעלט לעבן שרייבטיש און עפּעס גענומען זוכן . . .

דער משרת האָט אריינגעבראַכט א יונגן חזר׳ל, ערשט אָפּגעבראָטן און דעם זילבער־טאַץ אַוועקגעשטעלט נעבן דעם בעל־גוף. אַרום אין טאַץ איז געווען זויער קרויט און אַנדערע גרינצייג. עס האָט די זויערקרויט פאַרשמעקט דעם חדר.

— איר האָט דעם „זשידזשי" נישט געשלאָגן, אַ? — האָט דער בעל־גוף פלוצים געפרעגט.

— חלילה! ניין, פּאַניע, — האָט דער משרת גיענטפערט, — מיר האָבן אים ארויפגעוואָרפן אויף א הורבע שניי.

— האָט ער שווער גיאָטעמט? אפשר האָט ער די פּאָפּלעקציע געקראָגן? גיי, זע צו ער אָטעמט?

לייבל איז געקומען צו זיך און האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אַהיים.

דער משרת איז אריינגעלאָפן פאַרסאָפּעט און דערשראָקן:

— אָ, פּאַניע קאַזימירסקי, — האָט ער זיך געקניט, — ער איז נישטאָ דאָרט; נישטאָ לייבושקאַ.

— נישטאָ? וואָס הייסט נישטאָ? וואו איז ער?

— מסתמא אַוועק אהיים.

— מסתמא, האָסט רעכט! וואָס זשע וועט ער ליגן אויפן שניי אין אַזאַ פראָסט? — און זיך געווענדעט צום משרת:

— זאָג מיר, יאָסעף, — בין איך טאַקע אַזאַ אכזר?

— ניעט, פאַניע, איר זייט זייער אַ גוטער מענטש, גאָר אַ גוטער . . . נאָר . . . און איז געבליבן שווייגן.

— נאָר וואָס, יאָסעף? זאָג! איך באַפעל דיר זאָגן! האָט אַזעצגעטאָן אָן טיש. איך האָב דיר געפרעגט, טאָ ענטפער!

— אָט דאָס איז . . . האָט דער דינער גענומען שטאַמלען.

— רעד, הער אויף שטאַמלען! קאָנסט שוין נישט רעדן? מעגסט זאָגן וואָס די פילסט און איך וועל די גאָר נישט טאָן. כ׳ווייס, אַז איך בין נישט כלו־טוב . . .

— נו, יאָ, דאָס וואָס איך וויל זאָגן, איר פאַרשטייט? . . . אַזוי זייט איר נישט קיין שלעכטער. גאָר נישט קיין שלעכטער. יאָ, נאָר, נאָר איר האַלט נישט איין דעם כעס. ענטשולדיקט .. . דאָס גאָר, פאַניע. איר ווערט גיך אין כעס. דאָס גאָר . . .

— הע, — האָט ער אַרויסגעמורמלט און פאַרביסן מיט אַ פאָלקעלע פון חזר׳ל און פאַרביסן מיטן זויער קרויט, און געזאָגט צום משרת:

— ברייננ אריין אַ פלעשל ווייז און ברייננ אריין נאָך א גלאָז, אַ גלאָז ווי מיינע, דו הערסט?

— אָט גלייך, פאַניע, ווי איר הייסט — און איז אַרויס.

דער חזר׳ל איז געווען ניט גרעסער ווי אַ גרויסער עוף, ווי אַ קאַטשקע, און עס האָט גוט געשמעקט, גוט געפּרעגלט מיט געווירצן. ער האָט מיט צוויי פינגער אָפּגעריסן אַ פאָלקעלע און אגרויסן ביס געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער איז צו פרידן; ער איז מסכים מיטן טעם, אַז עס שמעקט גוט, און ער האָט אָפּגעלעקט פון די פינגער די פעטס.

דער משרת האָט אריינגעבראַכט אַ פלעשל גוטן אַלטן ווייז או עס אָפגיעפנט און אָנגעגאָסן אַ גלאָז פאַרן בעל־גוף און געוואָלט אַוועקשטעלן דאָס פלעשל.

— גיס אָן, גיס אָן דאָס צווייטע גלאָז, — האָט דער בעל־גוף געזאָגט. — גיס אָן פאַר דיר אויך.

דער משרת האָט מיט התפעלות אים אָנגעקוקט, האָט אָנגעפילט די צווייטע גלאָז און געוואַרט.

— נו, נו, נעם די גלאָז, — האָט דער בעל־גוף אים געזאָגט, — נו, „נאַ זדאַראָוויע״ — און מיט איין אָטעם דאָס אריינגעגאָסן אין האַלדז אַריין.

דער משרת האָט מיט חניפה אויך געזאָגט:

— „נאַ זדאַראָוויע״, — און האָט עס אויסגעטרונקען און זיך אָפּגעווישט מיטן אַרבל דאָס מויל.

דער בעל־גוף האָט אָפּגעבראָכן אים אַ פאָלקעלע און דאָס געגעבן דעם משרת.

— נאַ, יאָסעף, פאַרבייס!

דער משרת האָט ווידער תניפה׳דיק גענומען די פאָלקעלע און אים געזאָגט:

— „זשענקאָיע, פאַניע״, אַ דאַנק, מיין הער, און אריינגעשטופּט דאָס גאַנצע פאָלקעלע אין מויל אריין און, האַלטנדיק דאָס ביינדעלע מיט צוויי פינגער און דאָס ביינדל אַרויסגעצייגן פון צעווישן די ציינער און די גאַנצע פאָלקע אַראָפּגעשלינגען, ווי ס׳וואָלט געווען איין ביסן.

— זעץ זיך, יאָסעף . . . זאָג מיר, האָב איך ניט ישר׳דיק געהאַנדלט קעגן דעם אַרענדאַטאָר, לייבל? זאָג, האָב נישט מורא; כ׳וועל דיר נישט באַשטראָפן, אויב ס׳וועט מיר אַפילו נישט געפעלן, וואָס דו וועסט מיר זאָגן. אָט האָסטו

געזאָגט, אַז איך בין אַ כעסן, האָט איך עפּעס געזאָגט? צי עפּעס געטאָן? מיר געפעלט דיין ענטפער: איך בין אַ כעסן! יאָ, איך בין. און ווען איך בין אין כעס, טו איך אָפּ פילע חטאים, אַלע רשעות . . .

— זעסט דאָס פאַניע, אַז מען באַהערשט ניט דעם כעס, טוט מען אָפּ די ווילדסטע מעשים. לייבושקע פירט דאָך אייערע געשעפטן, מסחרים, און ער איז אַ וואוילער „טשעלאָוועק", האָט אַ גוטע „סערצע". איר ווייסט דאָך, פאַניע, איך האָב דאָך אייך אויפגעהאָדעוועט אויף מיינע הענט, ווען איר זייט קליין געווען. איר זייט דאָך ווי מיין אייגן קינד . . . איך ליב אייך, ווי איר וואָלט געווען מיין קינד!

— איך ווייס דאָס, יאָסעף. גיב מיר אַן עוצה, וואָס טוט מען מיט לייבושקען. מחילה בעטן אים איז ווי צו מביש־זיין זיך פאַר אים: איך ווייס, כ'האָב אים באַ'עוולה'ט, דאָך קאָן איך אים נישט מחילה בעטן.

פאַניע, האָט געזאָגט דער משרת, — גיב איבער דעם ענין צו מיר. איך בין קרוב מיט אים. פילע מאָל האָט זיין ווייב מיר מקבוד געווען מיט אַ שטיקל געפילטע פיש און צימעס, און פרייטיק בייטאָג גיט זי מיר מאַן־פלאָדן, און פסח גיט ער מיר מצה און וויין . . . ער איז אַ גוטער, ערליכער ייד! ער איז זייער געטריי צום פאַן. ער איז, אין איין וואָרט, — אַ גוטער מענטש.

— ווי וועסטו דאָס טאָן, יאָסעף, אַז איך זאָל אים נישט דאַרפן בעטן מחילה?

— ווי אַזוי איז דאָס אַלץ אַרויסגעקומען? זאָגט מיר, פאַניע.

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך לאָז אים ניט האַלטן זיין שבת. הגם, כ'האָב זיך געריצט מיט אים. ס'האָט זיך מיר פאַרוואָלט אַ רייצטאָן מיט אים. כ'ווייס, ער איז דער טרייסטער אַרענדאַטאָר, וואָס כ'האָב ווען אַמאָל געהאַט. ס'האָט זיך געוואָלט אַרייצטאָן, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל אים לאָזן האַלטן זיין „סובאָטאָ" (שבת), נאָר ער דאַרף פאַר דעם אָפּאַרבעטן מיט איין טאָג פאַר די שבתים.

— וואָס איז דער טאָג, פאַן? איז דאָס ניט דער הייליקסטער יום־כיפור־טאָג? — איז דאָס, פאַן??

— יאָ, יאָסעף. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס וועט אים טרעפן אין האַרץ אריין. ווייסטו, יאָסעף, דריי אַראַנדאַטאָרן, יידישע, האָבן מיך פאַרלאָזן, ווייל איך האָב מיט זיי געשפּילט ווי מיט אים . . .

— איך וואָלט אייך גע'עוצה'ט, פאַר די ווי, וואָס איר האָט אים פאַרשאַפן, און די בושה, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן, זאָלט איר אים משלום זיין, מכבוד זיין מיט דער מתנה, וואָס זאָל אים משמח־זיין, דערפרייען זיין צעבראָכן לב. און ער וועט אייך בלב מחפר־זיין מיט ברכות און פאַרערונג . . .

— וואָס מיינסטו מיט דעם, יאָסעף?

— גיב אים, פאַניע, זיין שבת, זאָל ער האַלטן זיין שבת: ער איז דאָך אַ ייד, אַ גוטער, ערלעכער ייד. הייס מיר אים אָנזאָגן די בשורה. ער וועט דאָך קושן דיינע הענט . . . זאָל איך גיין, פאַן, אָנזאָגן אים די טייערע בשורה? . . .

— יאָסעף, דו ביזט אַ מליץ־יושר, יאָסעף; דו האָסט אַ גוטע „סערצע" (האַרץ), דו מוזט אָפּשטאַמען פון „זשידעס" (יידן).

— ניעט, פאַניע. איך געדיינק נאָך מיין עלטער זיידע איז געווען אַ משרות ביי דעם גלך פון אונדזער דאָרף, און דערנאָך איז ער געקומען דינען צו אייער זיידן. אויב איך וואָלט געשטאַמט פון יידן, וואָלט איך אַ בעסערן קאָפּ געהאַט, קלוגער געווען: ווי אַ יידישע קאָפּ! . . .

— נו, יאָסעף, נעם נאָך אַ גלאָז וויין. דערפריי דיין גוטע האַרץ. איך זאָג אַלץ, אַז דו מוזט אָפּשטאַמען פון יידן . . . יאָ, דו ביזט דאָך מיין נאָענסטער פריינד צו מיר מער ווי אַלע מיינע משרתים. דו ביזט דאָך צו מיר ווי אַ פאָטער, אַ טאַטע.

— איר זייט דאָך מיין קינד, פאַן! ווען איר פילט ניט גוט, פיל איך אויך נישט גוט; ווען איר פילט שמחה אין האַרץ, פיל איך שמחה אין האַרץ.

— נו, גוט. טו ווי דו ווילסט, ווי דיין לב־פילט מיטן אַרענדאַטאָר און בעט אים ער זאָל מיר מחל־זיין, אַפילו פאַר די אנדערע יידישע אַרענדאַטאָרס, וואָס איך האָב זיי עגמת־נפש פאַרשאַפט . . . דו טו דאָס ווי דו פאַרשטייסט . . . איך גלויב נאָך אַלץ, אַז אין דיר פליסט יידישע, זשידאָווסקי בלוט! דו האָסט אַ יידיש האַרץ, יאָסעף, טאַטעלע מיינער . . . כאָלט איך אויך האָבן אַ יידיש האַרץ, און אַ יידיש־קאָפּ . . .

יאָסעף איז צוגעגאַנגען צום בעל־גוף און אים איבערגע׳צלמ׳ט און זיך אויך איבער׳געצלמ׳ט און אים אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— איך גיי דיין שליחות טאָן. און גאָט זאָל דיר מצליח זיין אין אַלע דיינע דרכים: יעזוס איז דאָך אויך געווען אַ ייד. און זייער גאָט איז דאָך אונדזער גאָט. זייט געבענטשט, מיין קינד, און זאָל מיין שליחות דורכגיין בשלום . . .

ער איז גיך אַרויס מיט אַ פריילעך האַרץ, און מיט גרינגע טריט . . .

און פון דאַן און ווייטער, איז דער בעל־גוף געוואָרן אַ שטענדיקער אורחביים אַרענדאַטאָר: פרייטיק צו־נאַכט, געקומען עסן געפילטע פיש און עסן פלוימען־קאַרטאָפל צימעס; אָמאָל מערן־צימעס, און פרייטיק בייטאָג פלעגט ער קומען עסן מאָן־פלאָדן. פסח פלעגט ער עסן מצה און קניידלעך און האָניג־כרעמזלעך. שבועות, פוטער פלעצלעך מיט ציקאָריע, מיט געבריטע מילך. און אַפילו טשאָלענט פלעגט ער קומען עסן. ער האָט ליב געהאַט אַלע יום־טובים מאַכלים. די פסח׳דיקע מאכלים האָט ער מערסטן ליב געהאַט: די כרעמזלעך, די קניידלעך און די פסח׳דיקע ראָסל מיט מצה און פאַרפלדיקע קוגל, אָדער לאַט־קעס, און דעם ריח פון הינער־שמאַלץ.

ער האָט זיך גענומען אַקטועל באַטייליקן אין יידישע ענינים: האָט פאַר־ריכט די אַלטע שול און זי אָפּגעפאַרבט און געמאַכט אַ נייעם גרינעם דאַך. האָט די תלמוד־תורה פאַרזאָרגט מיט נייע ספרים, נייע ביינקלעך. דעם הקדש אויס־געשטאַטעט, מיט נייע בעטן און מער מעדיצינישע מכשירים. פאַרשענערט אַלע יידישע אינסטיטוציעס און געזען, אַז אַלע יידן זאָלן אָפּהיטן שבת און יום־טובים. און ער אליין פלעגט ליב האָבן יום־נוראים צו קומען אין שול און הערן דעם חזן, און געגעבן פיל צדקה לטובות קהל־ישראל. דער שנאה־ישראל, קאַזימירסקי, איז געוואָרן אַן אוהב־ישראל.

און לייבל, דער אַרענדאַטאָר, האָט געפירט זיינע געשעפטן און איז אַן אושר געוואָרן, זיך געפירט יידיש און צדקה געגעבן מיט פולן האַרץ.

און לייבל איז רייך געוואָרן און האָט אריינגענומען דעם וואַנדערער יידן, לוי שומאַכער, פאַר אַ רבי צו זיינע קינדער . . . און אַזוי האָט זיך אָפּגעלעבט לייבל ווי אַ נגיד, ווי אַן עושר לעבט. און ווען מען האָט געדאַרפט אביסל צדקה, איז מען געקומען צום אַרענדאַטאָר און דער אַרענדאַטאָר האָט געגעבן מיטן פולן האַנט. ער פלעגט זאָגן:

— גאָט האָט מיר געגעבן, און וויפיל איך זאָל נישט געבן, קריג איך כפל־כפלים . . .

וואו ס'איז דאָ ווילן

(קאָנקורס דערציילונג, 1931)

געוואוסט האָט זלאַטקין, אַז דאָס, וואָס ער האָט זיך איצט אונטערגענומען איז שווער, זייער שווער. אָבער אַ פּאַרביסנקייט האָט אים געשטופּט: ער מוז, ער מוז! ער וועט ווייזן דער יוניאָן, אַז ס'איז ניטאָ קיין שווערקייט דאָרט, וואו ס'איז דאָ ווילן.

זלאַטקין איז אַ פּאַריער, אַ גוטער בעל מלאכה, נאָר די באָסעס גלייכן אים ניט. זיינע הענט ווילן זיי דוקא האָבן, נאָר זיין מויל קענען זיי ניט פאַרטראָגען . .

ביי די אַרבעטער איז זלאַטקין געווען גאָר גאָר אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט. ער, זלאַטקין, האָט זיך קיינמאָל ניט געקימערט פאַר זיך, נאָר פאַר כלל: די אַרבעטער.

גייענדיק איינמאָל אַזוי איבער דעם פּאַריער־דיסטריקט, האָט אים חבר'טע ליובא אַ רוף געטאָן:

— חבר זלאַטקין, חבר זלאַטקין, קומט נאָר אַהער. ס'דאָ אַרבעט פאַר אייך. איר זייט דער איינציגער, וואָס עס קאָן דאָס דורכפירן.

אַפילו זלאַטקין וועט דאָ וויניג קענען אויפטאָן, — האָט אַ חבר פון די דערבייאיגע זיך אָפּגערופן.

— ער קאָן, — האָט ליובאַ שאַרף געענטפערט.

ער וועט ניט! האָט דער צווייטער יוניאָן־מאַן געזאָגט.

ליובא איז ניט קיין הויכע, אַ רירעוודיגע. איר פּנים איז פיר־עקנדיג. זי האָט אַ פאַרריסן נעזל און גרויסע שוואַרצע אויגן.

— מיר וועלן זען, — האָט זי געזאָגט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו זלאַטקינ'ען, אירע ווייסע קליינע ציינדלעך האָבן גערייצט. זי איז צו צו זלאַטקינ'ען, אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם.

— קומט, ציינט זיי, דעם „באָנטש", אַז פאַר אייך איז ניטאָ קיין ניט־קענען!

זלאַטקין, אַ הויכער, ברייטפּלייציגער יונג פון אַ יאָר דרייסיג, האָט זיך אָוועקגעלאָזט מיט ליובאַ'ן איבער זיבעטער עוועניו. זיין בלאָנדער קאָפּ האָט זיך העכער פון אַלעמען אַרויסגעזעצן. זיינע בלויע אויגן האָבן אויף אַלעמען געקוקט. ליובא האָט אים אַלץ געהאַלטן אונטערן אָרעם און מיט אים איינגעטענה'ט:

— חבר זלאַטקין, איר מוזט מיר ווייזן, אונז ווייזן, אַז איר זייט אַ שלאָגער. ס'איז ביי אונז אין די רייען, דאָ געגנוג טרוסן, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און סאַבאָטאַזשניקער. ווייסט, חבר זלאַטקין, איך האַלט פון אייך זייער שטאַרק. — ליובא האָט ליבלעך געשמייכלט.

זלאַטקין איז געבליבן שטיין.

— ליובא, אייער שמייכל דערשטיקט מיך.

—די באָסעס זאָלן דערשטיקט ווערן. מיר זאָלן גיין מיט פאַרריסענע קעפּ, — האָט זי האַרצלעך ווידער געלאַכט, — ווייסט איר גאָר וואָס? מיר וועלן ביידע טאָן די אַרבעט.

— גוט, איינשטימינג. ער האָט אריינגענומען איר קליין הענטל אין זיין גרויסער האַנט און פון אויבן האָט ער נאָך צוגעלייגט זיין צווייטע האַנט: — אָפּגעמאַכט, יאָ, ליובא?

— די געשיכטע איז אָט וואָס, — האָט זי אָנגעפאַנגען, — דער גאַנצער שאָפּ באַשטייט פון טקעבס, אָנגעפּאַרענע, אַראָפּגעבראַכטע פון אַנדערע שטעט, דער באָס קען אייך ניט, — ווייטער ווייסט איר דאָ, וואָס צו טאָן?

דער זעקס־פוסיגער זלאַטקין האָט געקוקט אויף ליובאַ׳ן אַרונטער, און די קליינע ליובא האָט געקוקט אַרויף־צו דעם גרויסן זלאַטקינ׳ען.

— פאַרשטאַנען, „ביג באָי״? — האָט זי אים געפרעגט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ.

— לאָזט שוין אַמאָל אָפּ מיין האַנט, — האָט זי זיך געבעטן, — איך וועל דאָך באַלד ווערן מיט אַ האַנט קירצער, אויב איר וועט זי האַלטן אַביסל לענגער.

זי האָט מיט געוואָלט, דאָך אַלץ לאַכענדיג, איר האַנט אַרויסגעשלעפּט פון זיינע צוויי אייזערנע לאַדאָניעס.

— ס׳אַרא הענט, אייזנס! — האָט זי געטרייסלט איר קליין הענטל, — זעט ווי רויט מיין האַנט איז. — זי האָט אַ דריק געטאָן זיין מוסקל: — דער־לאַנגט דאָרט, נישקאָשע. אַזאַ האַנט, אַז עס לייגט זיך אַוועק, וועט קיין גראָז נישט וואַקסן . . . נו, געגאַנגען, „ביג באָי״, — האָט ווי באַפעלן ליובא.

— פּאַרטנערס! — האָט ער געזאָגט.

— פּאַרטנערס! — האָט זי געענטפערט.

גלייך דעם זעלבן טאָג האָט זלאַטקין זיך געשטעלט אַרבעטן אין שינ־דער׳ס פּאַר־שאָפּ. דער שאָפּ איז געווען אַ טונקעלער, אַ טוכלער, די ווינדזשעס קלאָגעדיגע. מר. שינדער האָט אים פאַרשפּראָכן, אַז נעסטע וואָך וועט ער אים געבן אַ רעיז . . .

זלאַטקין, ווי געוויינלעך, האָט גלייך געוואונען דעם באָס פאַר זיין גוטער אַרבעט. דער פאָרמאַן האָט געלאָזט וויסן, אַז מיט דעם מאַן וועט ער קענען די בעסערע אַרבעט דורכשטופּן.

און גלייך האָט דער באָס מיטן פאָרמאַן מיט אים זיך אַדורכגערעדט: — ס׳וועט זיין „אָקעי״.

— אָ־קעי, — האָט זלאַטקין איבערגעזאָגט, ביי זיך האָט ער געטראַכט: ס׳וועט דיר זיין פינסטער און ווי.

אהיים האָט מען געפירט די סקעבס דורך אַ הינטער־טיר. אריינגעפּאַקט זיי אין אַ גרויסן אויטאָמאָביל, האָט מען זיי אָפּגעפירט אַ פינף־צען בלאָק. פון דאָרט פלעגן זיי נעמען די קאַר אָדער דעם סאָבוויי.

מיט צוויי האָט זלאַטקין גענומען פירן אַ שמועס:

— וואו גייט איר? — האָט ער אָנגעפאַנגען, — כ׳מיין וועלכע וועג? — איר נעמט די קאַר אָדער די סאָבוויי?

— מיר לעבן צוזאַמען, — האָט איינער פון זיי געענטפערט, אַ הויכער, מיט אַ געפּלאַטשיקער נאָז און אַ שניט אויף זיין רעכטער באַק. — מיר זיינען נישט קיין היגע: פון שיקאַגאָ. אַפילו קיין פאַריערס ניט, — האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ רעווען ווי אַן אָקס. זיינע שוואַרצע געקרימטע ציין האָבן אַרויס־געשטשירעט און די אויגן האָבן כמעט זיך ווי פאַרמאַכט.

זלאַטקין האָט געוואָלט מיט די גאָרילעס מער זיך דורכריידן, זען, ווי ווייט זיי זיינען פאַרדאָרבן, האָט ער מיטגעלאַכט מיט זיי:

— און איר אויך ניט קיין פאַריער? — האָט ער געפרעגט דעם צווייטן.

— שור סעי נאָט! — האָט יענער געענטפערט. ער האָט באַלד דער־

ציילט, אַז ער איז אַן איטאַליענער, געווען אַמאָל אַ פּרייז־פייטער. אַ פּאָר חברה אין שיקאַגאָ האָבן אים אַרויסגעגעבן. אַ טויִרד דעגרי האָט פון אים אַ תל געמאַכט, אָבער ער האָפט נאָך זיי אַמאָל צו באַצאָלן. פאַר כעס האָט ער זיין פּנים אויסגעקרימט און זיינע טונקעלע לאַנגע באַקן האָבן זיך געריוטלט. ער האָט געשטשירעט מיט די ציין: — די סאַנס אָף ביטשעס, נאָר אַ ביסל גע־זינטער ווערן, אַ פּאָר דאָלאַר אָנקלייבן.

— יו סי, — האָט ער פאַרגעזעצט. — איך קריג נישקאָשע דאָ, ביי איצ־טיגער סלעק, כ׳ווייס ניט ווי לאַנג ס׳וועט אָנהאַלטן. טו גאָר נישט. עס גוט, טרינק גוט, איט׳ס אָל רייט; דהי באָס איז עי גוד סאָקער, געט פּיפּטי באָקס עי דעי, נאָט סאָ בעד, הע? . . .

— האָט גאָר ניט מורה פאַר די סטרייקערס? מען זאָגט: זיי גיבן קלעפּ.

— מיינסט די יוניאָן־לייט? איך שטופּ זיך ניט, וואו מען דאַרף ניט. כ׳מיין וואו מען קען קריגן אַ קלאַפּ, פאַרשטאַנען?

— דאָס איז פיין, — ענטפערט זלאַטקין, — אַזוי איז דער וועג צו טאָן. שטופּ זיך ניט, שלאָג ניט יענעם, וועסטו אַליין ניט קריגן געשלאָגן.

— דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך מורא פאַר די סטרייקערס, דערהויפּט פאַר די מיידלעך, זיי רייסן דיר די אויגן אויס.

— איך דיינק, ס׳איז צו געפערלעך, — האָט זלאַטקין אָנגעפאַנגען, — דאָך, זיי פייטן דאָך פאַר אַ שטיקל ברויט . . . — דו דיינקסט, אַז אַ סקעב איז אַזוי פייגלדיג? הינטיש לעבן . . .

— ס׳איז אמת, — האָט דער איטאַליענער זיך פאַרטראַכט: — ביז ייצט האָב איך אַ גרינגן דאָלאַר געמאַכט: פופציג, הונדערט אַ טאָג, אין אַ האַלבן טאָג . . .

— איך דיינק, די יונאָנס טוען עפּעס דאָך פאַר די אַרבעטער, וואָס דיינקסטו?

— האָט זלאַטקין געזאָגט.

— זיי זיינען טויגעניכטסטן, — האָט זיך דער גרויסער גענגסטער אריינ־געמישט, — לויזיגע יוניאָניסטן.

דער שמועס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. דער שמועס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. דער שמועס איז ניט געווען פאַרענדיגט ניט אין איין טאָג און ניט אין צוויי. מ׳האָט געדאַרפט גיין אין סאַלון טרינקען אַ גלאָז ביר, מ׳האָט געדאַרפט זיין אַ „גוד באָי". זלאַטקין האָט זיך באַרימט מיט זיין פיזישער קראַפט — און האָט אויסגענומען ביי די חברה ביז ער האָט ענדלעך געקענט אַרויסקומען מיטן ריכטיגן וואָרט, אַז מען טאָר ניט זיין קיין סקעבס. דערביי האָט זלאַטקין דערציילט דער חברה, אַז דער באָס פאַרהאַנדלט מיט די אַרבעטער.

— איר פאַרשטייט דאָך, האָט זלאַטקין געזאָגט, — אַז לאַנג וועט ער אונז ניט האַלטן.

ס׳איז אַריבער נאָך אַ פּאָר טעג און זלאַטקין האָט זיך ווידער געווענדט צו די סקעבס.

—איך האָב אַ פּלאַן, — האָט ער געזאָגט, — די באָסעס ווילן סעטלען מיט די אַרבעטער. זיי ווילן אונז לאָזן אָן ברויט. מיין פּלאַן איז, אַז מיר זאָלן שטיין אויף דער וואַך. אויב זיי גייען סעטלען מיט די סטרייקערס, מוזן מיר זיי אַ שפּיצל אָפּטאָן. דאָס טאָר קיינער ניט וויסן חוץ אונז דרייען.

— שור, שור טאָר קיינער ניט וויסן, — האָבן זיי ביידע גלייך געזאָגט.

— ער האָט מיר צוגעזאָגט אַ גאַנצן יאָר ווײדזשעס, — האָט דער גרויסער גענגסטער געזאָגט.

— מיר זעקס חדשים, — האָט דער איטאַליענער געברומט.

—מאָרגן וועלן זיי פאַרהאַנדלען, — האָט זלאַטקין געזאָגט, — איך וועל אײַך לאָזן וויסן, ווען זיי וועלן קומען.

— און וואָס דאַרפן מיר טאָן? — האָבן די גענגסטערס געפרעגט.

זלאַטקין האָט זיך צוגערוקט צו זיי און זיי עפּעס אַרײַנגערוימט.

— ליוו איט טאָ אָס, מירן שוין פיקסן, מיר׳ן שוין טאָן וואָס מ׳דאַרף.

— אָבער שטיל, קײנער חוץ אונז דרײַען. וואָרט ניט מער, פאַרשטאַנען?

— אָ־קעי, פּעל. יו אַר עי סמאַרט גאַי; וואָט עי העד יו גאָט? וואָט עי העד!...

— מאָרגן אין צײַט. גוד באַי, פּעלס, — האָט זלאַטקין זיי געגעבן די האַנט.

ווען זיי זײַנען אַוועק, האָט זלאַטקין באַשפּיגן די האַנט און זי גוט אָפּגע־ווישט מיטן נאָז־טיכל. אין זיך האָט ער אויסגעברומט: „רעטס״.

געקומען איז זלאַטקין צו ליובאַ׳ן אַ גליקלעכער.

— איך האָב אַ פּלאַן, — האָט ער צו איר געזאָגט, — איצט דאַרפט איר ליובאַ, שפּילן אײַער ראָל.

— וואָס, למשל? לאָמיר הערן.

— איר זאָלט קומען צו מר. שינדער פאַר אַ דזשאָב, נעמט מיט אַ חברטע, נאָר אַ גוטע. פאַרלאַנגט גרויסע ווײדזשעס, דינגט זיך אויף אַ קול. די גענגס־טערס וועל איך זאָגן, אַז דאָס זײַט איר געקומען פאַרהאַנדלען פון דער יוניאָן, פאַרשטאַנען?

— אַ מאַזיק אַ יונג, — האָט אים ליובאַ אַ קניפּ געטאָן אין באַק.

געקומען זײַנען די גענגסטערס, ווי געוויינלעך, פריער פאַר אַלעמען. ווען זלאַטקין איז אַרײַן, האָבן זיי אים באַגריסט מיט די אויגן. ער האָט זיי אויך באַגריסט מיט אַ וואונק. יעדער איז געגאַנגען צו זײַן אַרבעט.

דער פאָרמאַן איז אַרומגעלאָפן איבערן שאַפּ. די גענגסטערס האָבן זיך הײַנט ניט געשטופּט צום פענסטער, ווי זיי פלעגן דאָס שטענדיק טאָן. דער איטאַליענער האָט געריכערט איין סיגאַרעטל נאָך אַ צווייטן. זײַנע דאַרע הענט ווײַנען געווען אין קאָנטראַסט מיט די הענט פונעם צווייטן גענגסטער: יענער שווער, לאַנגזאַם; דער איטאַליענער — נערוועז, רירעוודיג. זײַנע שוואַרצע אויגן זײַנען אַרומגעלאָפן ווי אויף שנירעלעך.

זלאַטקין איז דורכגעגאַנגען זען, צו די באָסעס זײַנען שוין אַרײַנגעקומען. פון ווײַטן האָט ער דערזען ליובאַן מיט דער חבר׳טע.

— אָט קומען זיי, — האָט זלאַטקין געוואונקען צו די גענגסטערס, — האָט איר אַלעס, עי, פּעלס?

— אָ־קעי, — האָט דער איטאַליענער געוואונקען און איז נערוועז אַוועק אויף גיך. זײַנע פיס זײַנען געווען אַזוי אויסגעקרימט, אַז אַ קינד האָט געקענט זיך דורכשטופּן צווישן זיי. עס האָט לאַנג ניט גענומען, ווי עס האָט זיך דער־הערט אַ געטומל פון אָפיס: סטרייקס, סקעבס, גרויסע ווײדזשעס, גענגסטערס.

זלאַטקין האָט געזען, ווי די גענגסטערס האָבן זיך געלאָזן צו די פאַרטיגע מאַנטלען. ביי יעדער מאַשין איז שוין שאָדן געטאָן געוואָרן. דאָ באַגאָסן, דאָרט צעשניטן די וואָרע.

— גוד באָיס, — האָט זלאַטקין גערעדט מיט די ליפּן, — ווהאַט עי דזשאַב!

— יו סעד איט, — האָט דער איטאַליענער אַ זאָג געטאָן, דורכגייענדיק פאַרביי זלאַטקינ׳ען — הי גאַט איט רייט! . . .

אַרום עלף דעם זייגער האָט דער פאָרמאַן אויסגעפונען, אַז די פּאַר איז באַגאַסן. טויזנטער דאָלארס האָט באַטראָפן דער שאָדן, און די אָרדערס האָט מען ניט געקענט צושטעלן.

פּאָליציי איז אָנגעקומען. דעטעקטיווס האָבן געניששטערט. די געגנסטערס האָבן אויך כלומר׳שט געשריען, געדרייט זיך לעבן דער פּאָליציי און געוואונקען צו זלאַטקינ׳ען מיט אַ שמייכל . . . מ׳האָט זלאַטקינ׳ען אויך גענומען אויף אַ פאַרהער. דער איטאַליענער געגנסטער איז אים געקומען צו הילף:

— אָ, האָט ער געזאָגט, — הי איז אָ־קעי, ליוו הים אַלאָן, — ער איז אַן אונזעריקער.

יענעם טאָג האָט דער שאָפּ ניט געאַרבעט. די באָסעס זיינען אַרומגעגעגאַנגען ווי פאַריקטע. עטלעכע אַרבעטער האָט מען אַרעסטירט, דאָך האָט מען זיי גלייך אַרויסגעלאָזט. אַ פּאָר פון די סקעבס האָט מען אויך אַרעסטירט און דעטעקטיווס האָבן זיי געמאַטערט. צווישן די סקעבס איז די אומצופרידנקייט געוואַקסן.

זלאַטקין איז געבליבן אַרבעטן אין שאָפּ, כדי צו וויסן וואָס ווייטער צו טאָן. אַהיים איז זלאַטקין געגאַנגען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, זיין אַרבעט איז געווען מער דערפאָלגרייך, ווי ער האָט דערוואַרטעט, און ער האָט צו זיך גערעדט:

— וואו ס׳איז דאָ ווילן, — דאָרט איז זיג . . .

אין עטלעכע טעג איז דער סטרייק געוואונען געוואָרן.

האַלוצינאַציע

כ׳בין אין מיידאַנעק ניט געווען, נאָר קנאָכן־ביימער יאָ געזען.
דורך פאָטאָגראַפעס, סינאַמאָ־בילדער; געזען רציחה־ווילדער פון ווילדער . . .
קברים פון הונדערטער, טויזנטער, קנאָכן און אַשעס
צו באַמיסטיקן מיט אַש־קנאָכן פאַר געראָטענע פאַשעס . . .

כ׳בין אין טרעבלינקע ניט געווען; ס׳איז אויך דאָרטן פונקט אַזוי געשען:
קברים, קברים, אַש און ביינער, מיינע ליפּן פרעגן, — ס׳ענטוועדט קיינער!
ס׳וואַנדערט בליקן אויף אַלע זייטן, — אַזוי איז אונדזער גורל פון אַלע צייטן . . .

כ׳בין אין אַשווינצע ניט געווען; ס׳דוכט כ׳האָב מיין מאַמע דאָרטן געזען.
אירע אויגן דורכן אַש האָבן געשיינט; כ׳דערמאָן זיך פונקט ווי היינט.
זע איך מיין משפחה, ברענט — און טרערן רינען, בריען
און איך ברעך מיר מיינע הענט.

דעפּרעסיע (1930)

באַרנעט האָט זיך צעקריגט מיט זיין לענדלאָרד. ערשט איצט האָט ער באַגריפן וואָס ס'מיינט אַ לענדלאָרד און וואָס ס'מיינט אַ טענענט, — וואָס קען ניט צאָלן קיין רענט אין צייט.

די צייט, די שלעכטע צייט, איז דער בעסטער לערער. באַרנעט האָט זיך שטענדיק אָנגענומען פאַר זיין לענדלאָרד. ער, באַרנעט, האָט געאַרבעט אין אַ באַנק און האָט גוט פאַרדינט; האָט נאָך פון זייט געמאַכט אַ שיינע פּאָר טאָ־לער; פלעגט קריגן אַ „טיפּ" ווען שערס וועלן אַרויפגיין. ער האָט געמאַכט אַ שיינעם לעבן — ניט ווי קיין אַרבעטער . . .

באַרנעט האָט געלעבט רייך; זיין ווייב און די קינדער איז אַלעס דערגאַנ־גען — נאָך מער ווי דערגאַנגען: געהאַט אַ דינסט אין הויז, אַ קאַר פאַר זיך, אַ קאַר פאַר דער ווייב, געלעבט אין זעקס שיינע צימערן, גרויסע צימערן, מיט אַ הויכן רענט; אַריבער הונדערט און פופציק. קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז ער אַרבעט אין אַ באַנק. מ'האָט געגלייבט אַז ער אַליין איז אַ שותּף, אַ באַנקיר . . .

דער קראַך אין וואָל סטריט האָט אים האַלב אָוועקגעלייגט; אַ גרויסן פאַר־מעגן האָט ער פאַרלוירן. נאָר אַזוי ווי ער האָט געוואוסט דורך דער באַנק, אַז שערס וועלן נאָך מערער פאַלן, האָט ער אין דער גיך די שערס אויסגעפאַרקויפט, דאָס הייסט, די סטאָקס וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אָבער אַ געמבלער קאָן זיך ניט איינהאַלטן פון געמבלען, האָט ער אַזוי ביסלעכווייז זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַרלוירן. ער האָט שוין פון זיין עבודה געדאַרפט מאַכן אַ לעבן, דאָס הייסט פון זיין געהאַלט.

מיט דער צייט האָט מען געזען, אַז די באַרנעט פאַמיליע האָט פאַרלוירן איר גלאַנץ: די דינסט האָט מען אָפּגעזאָגט; דער שיינער אויטאָמאָביל, וואָס די מיסעס באַרנעט האָט מיט אַזאַ שטאָלץ, יעדן טאָג, געבלאָזן מיט אַבו, הא הו, אַז אַלע זאָלן הערן און זען — איז אויך פאַרשוואונדן . . . מען האָט זי שוין געזען גאַנץ געוויינטלעך אַרויסגיין מיט די קינדער אין גאַס. אַן טאַראַראַם . . . אָן אַ־בו! האַ־הו! זי זאָגט שוין אויך „העלאָו" ווען זי באַגעגנט איינע פון די רייכערע טענענטס.

איין מאָל אין אַן אָוונט האָט באַרנעט שטיל פאַרטרויט זיין ווייב, אַז מען וועט מוזן אויפגעבן די זעקס צימערן און זוכן ביליקערע צימערן, ווייל מאַכן עפּעס אַן א זייט, אין וואָל סטריט, איז ניטאָ קיין האָפענונג; ס'פאַלט יעדן טאָג די סטאָקס און מיט וואָס צו ספּעקולירן האָט ער אויך ניט . . .

דער לענדלאָרד, אַ כיטרער יידל, וויסנדיק אַז אַ שכן וועט אים, איצט, שווער זיין צו געפינען פאַר אַזוינע געהויבענע צימערן, האָט ער באַרנעטן געלאָזן פאַר אַ הונדערטער. געטאָן האָט ער עס כּדי ס'זאָל ניט רייסן די אויגן די אַנדערע שכנים, אַז שלעכטע צייטן קומען אָן . . .

האָט מיסעס באַרנעט איינגעשטימט. מען וועט שפּאָרן, מען וועט אָנהאַלטן די צימערן.

דעם צווייטן און גרעסטן קלאַפּ האָט באַרנעט געקראָגן ווען די באַנק, וואו ער האָט געאַרבעט, האָט באַנקראָטירט! סע האָט זיך זיין ערשטע וואונד נאָך ניט פאַרהיילט און א צווייטע, ביזן ביין, ביזן האַרץ, האָט זיך צעעפנט . . .

די ערשטע עטלעכע חדשים האָט באַרנעט דאָך געאַרבעט. מען האָט גע־האָפט, אפשר וועט די באַנק זיך דאָך עפענען. נאָר דער קריזיס און די קאָנקו־רענץ פון די גרעסטע באַנקען, האָבן צו דעם ניט דערלאָזט. פשוט: פאַר די גרעסערע באַנקען זיינען דאָ געשטאַנען גרויסע רווחים. ווי געוויינטלעך, אויף

דעם חשבון פון די דעפּאָזיטאָרס און קבצנים . . .

ווען די באַנק האָט באַנקראָטירט, האָט זיך באַרנעט באַנוצט מיט פיר צי־מערן פאַר זעכציק דאָלער, וואָס זיינען פון פריער אויך געווען הונדערט און צען א חודש. נאָר דער לענדלאָרד איז גוט געווען צו אים — אַזוי האָט באַרנעט געדענקט . . . איז אַוועק אַזוי די עטלעכע חדשים און די באַנק האָט זיך ניט געעפנט, ביז ער האָט געקראָגן דעם לעצטן נאָטיץ, מיטן לעצטן טשעק! . . .

באַרנעט האָט שוין זיין קאַר אויך פאַרקויפט. די עטלעכע דאָלאַר, וואָס ס'איז אים פאַרבליבן האָט מען געשפּאָלטן אין סענטן, מען האָט שוין „געמופט" אויפן „טאָפּ־פלאָר" אין דריי צימערלעך. און דער לענדלאָרד האָט זיך שוין אויפ־געהערט צו שפּיגלען מיט דער באַרנעט־פאַמיליע . . .

באַרנעט איז טאָג־טעגלעך אַרומגעגאַנגען זוכן אַ שטעלע. ער האָט, אמת, געהאַט אַ נאָמען אין די באַנק־הייזער, נאָר וואָס איז איצט אַ נאָמען? ווען יעדן טאָג ווערן אַרויסגעוואָרפן טויזנטער אַרבעטער פון די אָפּיסעס און באַנקען. ווען יעדע באַנק שטרענגט זיך אָן צו האַלטן זייערע אַנגעשטעלטע; זיי שניידן זייערע געהאַלטן, זיי דריקן די אַרבעטער, — אָבער, ס'האָט דאָך געהייסן, אַז זיי שטרענגען זיך אָן אָנצוהאַלטן די הענט.

באַרנעט, דער ספּאָרט, וואָס האָט זיך געפּוצט יעדן טאָג אין אַ אַנדערן אָנצוג, גייט שוין אַרום מיט ניט־אויסגעפּרעסטע הויזן, די שיך גלאַנצן שוין ניט מער, דאָס קיילעכדיקע בייכל איז ווייט אַרונטער, די גאָלדענע ברילן ליגן שוין ניט גלאַט אויף דער נאָז, אויפן פעטן פּנים . . .

פריער האָט באַרנעט צו קיינעם ניט געזאָגט קיין גוט־מאָרגן אָדער „הע־לאָו!" ער האָט זיך געפילט העכער פון אַלעמען. ייצט זאָגט ער שוין „הע־לאָו!" יעצט זאָגט ער שוין גוט־מאָרגן! . . . ער בייגט איין דעם קאָפּ, ווען ער באַגריסט. ער שעמט זיך; אַ געבראָכענער שטאָלץ. אַ געפאַלענער גביר איז ערגער ווי אַן אָרימאַן. גנבעט זיך דורך, קוקט אויפן הימל כלומערשט, ווי ער וואָלט געקוקט אויפן וועטער. שוין באַלד אַ יאָר, אַז די באַנק האָט זיך פאַרמאַכט און קיין שטעלע נאָך אַלץ ניט געפונען.

מיסעס באַרנעט לויפט שוין אַרום כ'וויס וואו ווייט איינצוקויפן. זי קויפט דאָס ביליגסטע און דינגט די נשמה אַרויס; זי וואַשט שוין אַליין וועש. זי איז פיל אַראָפּגעפאַרן, איר הויכער בוזעם איז פיל פלאַטשיקער געוואָרן און, זייט מוחל, דער גראָבער טייל האָט „שייפּ" באַקומען. מיט איין וואָרט: אָרימער און איידעלער; איידעלער אין כאַראַקטער און איידעלער אין אויסזען . . .

פאַר זיך האָט באַרנעט גאָרניט געטראַכט: אויך צולעצט ניט פאַר זיין פרוי, אָבער די קינדערלעך — אַך! — פלעגט ער זיפצן, ווען ער פלעגט קוקן אויף זיי, אויף די דינינקע פּנימלעך . . . ער האָט פיל מאָל איבערגעטראַכט: ס'איז עפּעס ניט גלאַט מיט אַזאַ וועלט. אָט ביסטו רייך, אָט ליגסטו טיף אין דער ערד. עפּעס איז דאָ אַ „קרעק", אַ בראָך, אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט . . .

ער דערמאָנט זיך, אַז אַ מאָל איז ער געווען אַ שטיקל סאָציאַליסט. וואָרט פאַרן סאָציאַליזם — דערוויל שטאַרב פון הונגער? ער דערמאָנט זיך אָן דער אַלטער היים, ווען ער איז געווען אין יוגנט־פאַראיין, אין יוגנט־בונד. און שפּעטער, ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן אונז אויפן וועג קיין סיביר איז ער אַנטלאָפן.

שוין צוואַנציק יאָר דאָ. נאָך פאַר דער מלחמה איז ער דאָ געקומען. אָט זעט ער זיך אין „איווניגנ סקול", אין „איווניגנ האַי", ער קען אַ גוטן ענגליש, קען גוט רוסיש, פּויליש, יידיש. ער איז אָנגעקומען אין אַ באַנק אַלס איבערזעצער

פון שפּראַכן און אַזוי איז ער געשטיגן. פּאַר אַ קליינער צייט האָט ער זיך דאָ אַרומגעדרייט אַרום די סאָציאַליסטן. אַפילו געלאָפן פאַר אַן אַלדערמען. האָט ער חתונה געהאַט כדי ניט צוגיין אין מלחמה. געוואָרן אַ בעל־הביתל, געוואָרן פעטער, רייכער און געלעבט רייך!

יעצט האָט ער אָבער אַנדערש געטראַכט: אַזאַ וועלט טויג ניט; אַפילו משה גאָרדין, נאָך אין דעפּרעשאָן פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג קריגט 350 דאָלער אַ וואָך. ווען ער קריגט איצט 35 דאָלער אַ וואָך, וואָלט ער דאָך געקענט צאָלן זיין רענט, עסן אַ זאַטן מאָלצייט. ער וויל שוין ניט קיין קאַרס, קיין רייכע צימערן, קיין דינסטן, קיין דימענטן. לעבן אַן אַרבעטער לעבן. ניט גרויס און ניט פאַלן קליין. און ער פאַרטראַכט זיך.

— מיסטער באַרנעט, — הערט ער עמיצער רופט אים.

ער קוקט זיך צום רוף — און ער בלייבט שטיין. זיין לענדלאָרט איז צו אים צוגעגאַנגען.

— מיסטער באַרנעט, — רופט זיך אָפּ זיין לענדלאָרד, — מיסטער באַרנעט, איר מוזט מיר געבן רענט. ס׳איז שוין דריי חדשים אַוועק. היינט גייט שוין אויפן פערטן חודש, כ׳מוז האָבן די רענט! —

— אָבער מיסטער שטיינהאַרץ, — איך וואוין שוין ביי אייך צען יאָר און —

— יעס, יעס, — האָט דער לענדלאָרד אים ניט געלאָזן רײדן, — כ׳וויס, כ׳וויס וואָס איר ווילט זאָגן, — אָבער אָן רענט קענט איר ביי מיר ניט וואוינען. כ׳פאַרליר ביי אייך אַזוי אויך גענוג. די רומס גיב איך אייך בחצי חנם. איך פאַרליר דאָך אין אייך. —

— דאָך — האָט באַרנעט געוואָלט עפּעס זאָגן.

— וואָס טויגן די דיבורים, איך דאַרף די רענט! אָן רענט האַלט איך אייך ניט און צופיל איינוואוינען וועל איך אייך ניט לאָזן, — איר הערט? ניט לאָזן!

— האָט דער לענדלאָרד געשריען אין מיטן גאַס.

—שווייגט, — האָט באַרנעט פאַרקריצט מיט די ציין, — אין מיטן גאַס מאָנט איר ביי מיר רענט? וואָס בין איך אַ גנב? —

— איך קען אייך קיינמאָל ניט טרעפן אין הויז. און וואָס שטייט אייך ניט אָן אַז איך מאָן אייך אין גאַס? איז וואָס? —

— גייט גלייך אַוועק, — האָט באַרנעט געביילט אַ קולאַק, — טראָגט זיך אָפּ, אָדער איך פאַרפאַר אייך, אַז איר וועט די ליכטיקע וועלט ניט דערזען.

דערזעענדיק דעם קולאַק, האָט מיסטער שטיינהאַרץ זיך גיך אָפּגערוקט. אָבער פון וויטן האָט ער נאָך געברומט:

— איך וועל אייך אַרויסוואַרפן אין גאַס, איר הערט? אין גאַס! —

גייענדיק אַזוי פון דער וויטער וועסט, ביז הונדערט־פינף־און צוואַנציקסטע גאַס, לעבן פּאַבליק־סקול, האָט ער דערזען אַ גרויסן לייך פון פאַרשידענע מענטשן: שוואַרצע, ווייסע, אָפּגעריסענע. אַנדערע נאָך שיין געקליידעטע. די ריי ציט זיך פאַר איבער אַ בלאָק, דער טרעטואַר איז פול מיט מענטשן, פאַר־דאגהטע פּענימער, פילע פאַרשטעלן זיך. שעמען זיך צו קוקן די פאַרבייגייער אין די אויגן.

באַרנעט פרעגט ביי איינעם:

— וואָס איז דאָ אַזוינס? וואָס שטייען די מענטשן דאָ? —

— „האָום־רעליף־ביוראָ" — האָט אים דער מאַן געענטפערט.

— גיט מען? — פרעגט באַרנעט.

— ווער ס׳מאַנט, דער קריגט! — ווער ס׳בעטלט קריגט אַ פייג! — האָט מיט שפיזן אין די אויגן געענטפערט דער מאַן.

— כ׳פאַרשטיי! — האָט באַרנעט פאַרביסן זיין אונטערשטע ליפּ.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט, געקוקט אויף דער לייַן, ווי זי ווערט גרעסער, זי פאַרגייט שוין אין דער עוועניו ... ער פילט אַ ניטגוטקייט ... דאָס האַרץ קלאַפּט ...

— וואָס טוט ער? —

— ניין! ניין! ניין! ...

נאָר די פיס גייען קעגן זיין ווילן ...

באַרנעט האָט זיך אַריינגעשטעלט אין לייַן ...

פילע שעהען איז באַרנעט געשטאַנען אין לייַן פון דער האָם־רעליף־ביורראָ. זיינע מידע פיס האָבן שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן. ער איז געשטאַנען אויף איין פוס. ער פלעגט זיי בייטן אַלע ווײַלע און זיין גוף אָנגעשפּאַרט אָן דער אייזערנער פאַרענטש, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום סקול.

וואָס האָט זיין מוח ניט איבערגעמוחט: אָט וועט ער באַלד קריגן עטלעכע דאָלער; אפשר אַ טשעק פאַר רענט אויך? מען זאָגט דאָך, אַז מען גיט!

עס לויפט פאַר די אויגן זיינע גוטע צייטן, — אַך צייטן! ער האָט געלעבט אין גרויסן פּאַטאָס. אָט שטייט פאַר אים זיין שיינע ווײַב, מיט די צוויי געראָטענע קינדערלעך. גערעדט האָט ער כמעט גאָרניט מיט די מענטשן אַרום אים, ער ווייס ניט פאַר וואָס ער רעדט ניט מיט זיי. ער פילט, אַז אָט די אַלע וואָס שטייען דאָ אין לייַן, זיינען, דאַכט זיך זיינע נאָענטע קרובים: טאַקע אַלע. אָט דאָרט, דער גרויסער, שוואַרצער יונג, וואָס שטייט גאַנץ ווייט פון אים, אָט קען ער אים זען פון ווייטן, אויך די דיקע אירישע פרוי, וואָס שטייט די דריטע פון אים, אויך די דאַרע, קליינע, איטאַליענערן, וואָס שטייט פאַר אים — זיינען אים באַקאַנט: נאָענט באַקאַנטע ... די פאַר שעה, וואָס ער שטייט דאָ, פילט ער, אַז יעדער דאָ אין לייַן שטאַמען ווי פון איין משפחה ... עס עקזיסטירט פאַר אים ניט, איצט, ראַסע, נאַציע, אָדער קאָליר: אַלע גלייכע: נו געוויס גלייכע, — אַלע שטייען דאָ פאַרן זעלביקן צוועק! ...

די צייט ציט זיך ווי אַן אייביקייט פאַר אים, וועט גאָר זיין נעקסט ניט קומען? דער זייגער איז שוין באַלד צוועלף, די זון באַקט אָן רחמנות. אָט וואָס אים מאַטערט: ער איז קיין מאָל אַזוי דאַרשטיק ניט געווען. ער פילט אַ ניט גוטקייט, דאָך, ער שטייט, ער טרייסט זיך מיט דעם, — וואָס איז ער בעסער ווי די אַנדערע, ווי די אַלע? ... אַלע שטייען זיי דאָך. אים האָט געערגערט פאַר דער פעטער אירישער פרוי, ער האָט געזען ווי זי ווישט פון זיך טייכן שווייס. אירע פעטע פיס מיט די צעדרייטע שיך, שטייען ניט אויף איין אָרט, נאָך ערגער ווי זיינע. די איטאַליענערקע פאַר אים, האָט געהאַלטן אין איין תפילה טאָן, האָט געהאַלטן אין איין קושן אַ צלמל, וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר האַלדז אויף אַ שוואַרצן שנור קאָרעלן.

הינטער אים האָט באַרנעט דערהערט אַ האַרטע שטימע:

— „העל! הא לאָנג וויל דהעי האָלד אָס הער, אין סאָטש עי האָט דעי? וואָט דהעי דו דהעי טהינק, טהאָס סאָן אָף די דאָגס? אָר ווי קעטל, אָר וואָט?"

באַרנעט האָט זיך אַ קער געטאָן צום מאַן, וואָס האָט גערעדט. פאַר אים איז געשטאַנען אַ הויכער, רויטער אירישמאַן, מיט פייערדיקע אויגן, בלאָע ווי

דער הימל, וואָס האָבן גערעדט צו אים מער ווי געקוקט.

— יו׳ר רייט! — האָט באַרנעט געזאָגט.

— פוש, — האָט דער מאַן געזאָגט, — פוש טהעם אָל, — וואָס דיינקען זיי דאָרט די פולע מאָגנס?

עס האָט לאַנג ניט גענומען, מען האָט זיך גענומען שטופּן, איינער דעם צווייטן. עס האָט אַביסל געהאָלפן: אָט איז באַרנעט שוין ביים אריינגאַנג.

דאָ האָט זיך באַוויזן אַ פּאָליסמאַן און גענומען מאַכן געוואַלדן אויף דעם איירישמאַן:

— ווידער מאַכסטו טראָבל? איך וועל דיר פון ריי ארויסוואַרפן, — האָט ער געברומט.

— יו טריי ען דו איט, — יו׳ל געט והאַט איט קאָמינג טו יו. יו בעטער בריינג אָס וואָטער. מיר שטאַרבן פאַר אַ טרונק, — האָט ער געזאָגט.

— וואָסער, וואָסער, גיט אונדז וואָסער, — האָבן אַלע געשריען.

— שאַט־אַפּ! — האָט דער פּאָליסמאַן געשריען.

— גיב אונדז וואָסער, האָבן די פרויען געשריען און געבעטן.

— אָלרייט! אָלרייט! — האָט דער פּאָליסמאַן געברומט, מ׳וועט אייך געבן וואָסער.

אַ מאַן האָט אַרויסגעבראַכט אַן עמער מיט וואָסער און יעדן געגעבן אַ גלאָז.

דער עולם האָט זיך מחיה געווען.

דער איירישמאַן איז דאָ גוט באַקאַנט, אַלע קענען אים. ער לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאַשע; ער איז שוין אַפילו געווען אַרעסטירט פאַר צוריק־שלאָגן אַ פּאָליסמאַן. זיי קענען אים און ער לאַכט זיי אין פּנים אריין. ער באַשטייט אויף זיין רעכט, אַזוי זאָגט ער: אַרבעט אָדער רעליעף . . . ער הייסט דזשים.

דזשים האָט אויסגעפונען דורך דעם מאַן, אַז מען גיט נאָר איינעם פון פינף, מען מאַטערט מיט פראַגן, ווי די געלט וואָלט געווען זייערס.

האָסט פאַר מיר עטלעכע קאָנטאַקטן? — האָט דזשים געפרעגט.

דער וואָסער־טרעגער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

באַרנעט האָט געקוקט אויף דזשימען מיט וואונדער און רעספּעקט: ווי ער ענטפערט דעם פּאָליסמאַן; וואָסער האָט מען געבראַכט אויף זיין פאַרלאַנג; זיין וואָרט איז דער וואָרט פון אַלעמען.

מען קען דיך שוין דאָ — האָט באַרנעט געזאָגט.

— וואָס דען! אַז דו בייגסט איין די קאָפּ, קריגסטו געשלאָגן, און גוט אויך, שטעלסט זיך קעגן, האָט מען דרך־ארץ פאַר דיר . . .

— לאַנג אָן אַרבעט? — פרעגט אים באַרנעט.

— איבער דריי יאָר.

— פאַרהייראַט? האָסטו קינדער?

— אַ ווייב מיט זעקס קינדער.

— מיט זעקס קינדער?

— יאָ, מיט זעקס קינדער, שקלאַפן פאַר די באָסעס, — האָט דזשים געזאָגט.

— ווי אַלט זיינען זיי? העלפן זיי עפּעס?

— די יונגסטע דריי, די עלטסטע צוועלף.

— דריי יאָר עסן מיר דאָס לעבן פון זיך, אָבער איצט בין איך געקומען

צום פאַרשטאַנד, אַ דאַנק דעם ארבעטלאָז קאָנסול „וואָרק אָר רעליף“.

— ביסט אַ סאָציאַליסט? — קוקט אים אָן באַרנעט.

— פאַר אַ סאָציאַליסט האָבן זיי בויצע — זאָגט דזשים.

— אַבי מען זאָגט, זיי האַסן די סאָציאַליסטן.

— געוויס האַסן זיי, אָבער זיי גיבן. אָן אַ טשעק גיי איך ניט אַוועק, און ווען מיר גייען מיט וועלכע זיי ענטזאָגן, קריגן מיר פאַר זיי, — זאָגט שטאָלץ דזשים.

באַרנעט האָט אים אָנגעקוקט, ביי זיך האָט ער געטראַכט: מאַכט! ווי ער איז מקנא אָט דעם מענטשן, ווי וואָלט ער זיך צו אים צוגעדריקט, און זוכן שוץ ביי אים. וואָס וועט זיין, אַז מען וועט אים ענטזאָגן? אין הויז איז דאַכט זיך, קיין פעני ניטאָ. ווער ווייס צי די קינדער האָבן היינט געגעסן? אָך ווען איך ברענג אַהיים עטלעכע דאָלער. אָט שטייט פאַר אים ווידער זיין שטאָלצע פרוי מיט זיינע שיינע קינדערלעך, ווי ער האָט זיי ליב, ווי דין זיי זיינען געוואָרן. ער האָט די האַנט איבערגעפירט איבער זיין פאַרשוויצטן שטערן. ער האָט זיך אַ דריק געטאָן די שלייפן, ער זאָל אַ ווייטיק דערפילן, כדי די געדאַנקען זאָלן פאַרשווינדן.

— מיר זיינען שוין אינווייניק — האָט דזשים צו אים אַ זאָג געטאָן.

— יאָ. — האָט באַרנעט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ דרימל. אָט איז זיין „נעקסט“, עס שלאָגט אים דאָס האַרץ.

מען פרעגט אים:

— ווי לאַנג אָן אַרבעט?

— אַ יאָר.

— ביי וואָס ער אַרבעט?

— געאַרבעט אין אַ באַנק.

— זיין נאָמען און אַדרעס.

— דאָרט און דאָרט.

— סאָרי מיסטער, יו אַר אין די ראָנג פּלייס, איר דאַרפט גיין אין יענעם „דיסטריקט“, אין יענעם „האָב רעליף־ביוראָ“.

— אָבער מיס: מיינע קינדער האָבן קיין ברויט ניט!

— „סאָרי מיסטער“ — און רופט אויס: „נעקסט“.

באַרנעטן זיינען די פיס ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן, ער האָט געפילט, אַז אָט, אָט וועט ער אַוועקפאַלן. ער האָט זיך צוגעשאַרט צום באַנק און ווי פאַרחלשט איז ער געבליבן זיצן. ער האָט געפילט ווי ער וואָלט אַלעס אין זיין לעבן פאַרלאָרן אַצינד. אָט, אָט וועט ער עפּעס אָפּטאָן. דער מוח האָט משוגה געאַרבעט. ער פילט, עס ווילט זיך אים שרייען, — מאַנען, מאַנען מיט די נעגל, ווי אַ לייב פאַרצוקט, צו ברענגען זיינע קינדער. אַ חיה דערנערט אירע קינדער, און ער, ער זיצט דאָ דערשלאָגן. די הענט ביילן זיך, ער וויל עפּעס טאָן. פאַר די אויגן זעט ער נאָר שאָטנס פון מענטשן, ער שטעלט זיך אויף.

— „העי, פעלער!“ — הערט ער און ווי אימיצער האָט אַרויפגעלייגט אַ

האָט אויף אים. ער האָט אין זיך אַ ציטער געטאָן. פאַר אים איז געשטאַנען דזשים.

—קום מיט מיר, האָט דזשים געזאָגט און אים גענומען אונטערן אָרעם.

— ניין! — איך מוז וואָס קריגן, אַפילו מיט געוואַלד — האָט באַרנעט געברומט.

— „נאָ, באָי! יו אַר אין די ראָנג פּלייס". דאַרפסט זיך ווענדן אין דיין דיסטריקט, קום מיט מיר — האָט דזשים געזאָגט.

— וואו?

— קום.

דזשים האָט באַרנעטן אַרויפגענומען צו זיך אין הויז, הויך אויפן פינפטן עטאַזש, דאָרטן האָט דזשים געוואוינט אין דריי צימערלעך מיט ווייב און זעקס קינדערלעך.

— נעלי! — האָט דזשים גערופן זיין ווייב.

— „היער אַר עם, דזשים דיער" — האָט זי געענטפערט.

— „קאָם היער פאָר אַ ווייל, נעלי."

זי איז אַריין אין קיך, די קיך איז געווען דער דיינינג־רום, דער אויפנעם־צימער, די אַנדערע צווי זיינען געווען שלאָף־צימערן, וואָס איז נאָר באַשטאַנען פון בעטלעך. נעלי איז געווען אַ בלאָנד און אַ שלאַנקע.

— האָסט עפּעס געלט, נעלי? — קעש מיין איך. — האָט געפרעגט דזשים.

נעלי האָט פאַרדעכטיקט געקוקט אויף באַרנעטן און אַ ווײַלע געשוויגן. דזשים האָט איר דערלאַנגט דעם טשעק, וואָס ער האָט נאָר וואָס געקראָגן. דערזעענדיק דעם טשעק איז זי רעדעוודיק געוואָרן.

— פינף דאָלער, דזשים דיער.

— „לעט מי געט טרי באָקס" — דריי דאָלער, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אים דערלאַנגט די דריי דאָלער.

— קום — האָט דזשים געזאָגט צו באַרנעטן.

אויף די טרעפּ האָט ער אים געגעבן דריי דאלאר און גענומען זיין אַדרעס.

— ער זאָל וואַרטן פאַר אים, ער וועט מיט אים גיין דאָרטן, אין זיין דיסטריקט רעליף ביוראָ.

ביים אַוועקגיין האָט באַרנעט געדריקט דזשימס האַנט, אָבער זאָגן וואָס, האָט ער ניט געקאָנט. ער איז אַזוי געווען גערירט פון אַזאַ האַנדלונג, דאָס אין וואָרט וואָלט אים אויסגעפּלאַצט אין טרערן.

די גענייטע אויג פון דזשים, האָט עס באַמערקט און זיך אָפּגערופן:

— „אָל סי יו וועהיטאין אַן אור — אַ קעי?" . . .

— באַרנעט, מיט פאַרשצעמעט ליפּן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ . . .

ווען דזשים איז געקומען צו באַרנעטן האָט ער אים געטראָפן שטייענדיק ביים אַריינגאַנג פון הויז.

באַרנעט האָט ניט געוואָלט זיין ווייב זאָל וויסן, אַז ער גייט בעטן „האָם־רעליף". ער האָט אַפילו ניט געזאָגט זיין ווייב, וואָס ס'האָט מיט אים געטראָפן.

— אַז ער איז געשטאַנען גאַנצע זעקס שטונדן אין „ליין" און האָט גאָרניט געקראָגן.

— דאַנק צו דיין האַרציקייט, — האָט ער זיך געווענדט צו דזשימין, — האָבן מיר ערשט היינט „סאַפּער" געגעסן פאַר די דריי מאָלצייטן היינט. —

עס איז ווירקליך אין הויז גאָר ניט געווען, אַבסאָלוט — לגמרי גאָר ניט!

— גאָר ניט?! — האָט דזשים ווי צו זיך גערעדט פערטראַכטערהייט.

— די קינדערלעך זיינען געלעגן אַנגעטאָן אין די בעטלעך, מיט פער־קלעמטע פּנימלעך. — און מיין ווייב איז געזעסן אַ פערוויינטע, אַ פער־דעגה׳טע — ווי די וועלט וואָלט פאַר איר אונטערגעגאַנגען. ווען איך בין אריין אין הויז, האָט זי אויף מיר אַ קוק געטאָן און די אויגן וואָלטן געפרעגט:

— צי האָסטו וואָס געבראַכט? — זי איז געווען ניט זיכער: — טאָג איין, טאָג אויס, האָב איך גאָר ניט געבראַכט.

— די קינדערלעך האָבן אויף מיר אויך געקוקט, געקוקט מיט פערגלע־זערטע אויגעלעך, — זיי האָבן גאָר ניט געוואָגט זיך אויפצוהויבן; אַז מען ליגט, האָט מיר געזאָגט מיין עלטערע טעכטערל, ווילט זיך ניט צו שטאַרק עסן . . . ווען איך האָב דערלאַנגט מיין ווייב די דריי דאָלער — און, און, — האָט באַרנעט מער ניט געקענט ריידן, ער האָט אָפּגעקערט זיין פערשעמט פּנים און מיט זיין נאָזטיכל האָט ער אַדורכגעפירט איבער זיינע אויגן.

פאַר דזשימין איז דאָס געווען אַן אָפּקומעניש, ער האָט געפילט, אַז ער אליין וועט צוזאַמענברעכן. ביי זיך האָט ער געטראַכט: — ווי שווער ס׳איז אַ געפאַלענעם אַדורכצוטראָגן! — דאָס, וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט אין מיין ביטער־צייט. — אָבער ניט ווי ער, — ניט ווי ער. איך האָב זיך ניט געשעמט: האָב דאָ געבאָרגט, דאָרט געבאָרגט. אַליין געלייגט זיך אָן עסן, אָבער די קינדערלעך, האָב איך עסן געגעבן.

— ווען מיין ווייב האָט דערזען די דריי דאָלער, האָט זי אויסגעבראָכן אין טרערן. אירע ליפּן האָבן זיך נערוועז געוואָרפן. זי האָט עס געפרופט אויס־בעהאַלטן און זיך איינהאַלטן, אַז איך זאָל ניט באַמערקן. — אויך די קינ־דערלעך זאָלן ניט באַמערקן. — אָבער איך האָב דאָס יאָ באַמערקט.

— אויף דער גיך בין איך אַריין אין קיך, קלוימערש, ווי איך וואָלט געזוכט עפּעס געגאַנגען. מיין האַרץ איז מיר צוגאַנגען פאַר וויטאָק.

דזשים האָט געשוויגן. ער האָט אַ וואָרט ניט געזאָגט, זיך צוגעהערט, וואָס באַרנעט דערציילט אים. — געשאָלטן דאָס קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג . . .

— אַ וועלט, — האָט ער אין זיך גערעדט, — אַ מענטש האָט אָפּגעלעבט אין אַלדאָס־גוטן, זיך געוואָרפן מיט געלט און פאַר דריי דאָלער האָט זיך זיין ווייב צעוויינט. — און ער, האָט ער זיך דערמאָנט פון נעכטן: ער אויך האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, מיט פערשטעמטע ליפּן. — און איצט ווישט ער זיי־נע אויגן . . .

זיי זיינען אַזוי אָפּגעגאַנגען עטלעכע גאַסן, געגאַנגען אָן אַ ציל, געגאַנ־גען וואו די פיס האָבן געטראָגן.

עס האָט גענומען טונקלען, און די גאַסן־פאַנאַרן האָבן זיך אָנגעצונדן, דזשים איז געקומען צו זיך:

— נו, וואָס בלייבט צו טאָן? — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו באַרנעטן.

באַרנעט האָט פאַרטגעזעצט: ניט הערענדיק, אָדער ניט ענטפערנדיק, אויף דזשימס פראַגע:

—זי איז שנעל אויף גיך אַראָפּ, האָט איינגעקויפט און מיט טרויעריקע אויגן האָט זי מיט די קינדער געגעסן דעם אָרימען „סאַפּער”, ווייל ס׳איז בעשטאַנען פון ברויט־פּוטער און מילך, קיינער האָט ניט גערעדט ביים עסן; ניט די קינדער, ניט מיין ווייב.

— זי האָט דיר גאָר ניט געפרעגט, וואו דו האָסט געקראָגן די געלט?

— ניט זי האָט געפרעגט, ניט איך האָב איר געזאָגט. נאָכ'ן עסן האָב איך איר געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך טרעפן מיט אַ פריינט, דאָס האָב איך געמיינט דיך, דזשים, און דאָס איז גאָר! . . .

— ס'איז שפּעט, מיין פריינט, — האָט דזשים געזאָגט. מאָרגן זאָלסטו פאַר מיר וואַרטן, וואו איך האָב דיר היינט געטראָפן און איך האָב היינט אַ מיטינג. — אָ, יאָ, — האָט דזשים אים געקוקט אין די אויגן. — וואָלסטו אפשר, מיט מיר אַרויפגיין צום מיטינג? וועסט זיך באַקענען מיט נאָך אַזוינע „קייסעס" ווי דיינע. קום! — האָט ער אים גענומען אונטערן אָרעם.

באַרנעט האָט זיך אַביסל געקווייקלט, אָבער ער האָט זיך געלאָזן פירן.

זיי זיינען אַראָפּ אין סאַבוויי. דער מיטינג איז געווען „דאַון־טאַון". דזשים האָט באַצאָלט פאַר אים „קאַרפער" און זיי זיינען אריין אין וואַגאָן.

דאָ איז געווען אַ ביסל קילער, ווי אין גאַס. די „פענס" האָבן אַ ביסל אָפּגעקילט. קיין פּלאַץ איז ניט געווען, האָבן זיי זיך אָנגעהאַלטן אָן די רי־מענע הענגערס און הגם, ס'איז געווען פון פילע זאַכן, וואָס צו ריידן, האָבן זיי דאָך געשוויגן. באַרנעט האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. ער איז געשטאַנען גלייך אונטערן פּאָכער און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַמאָל איז ביי מיר אין יעדן צימער געשטאַטען אַן עלעקטרישע פען.

— פאַרגעס, פאַרגעס דאָס אַלעס, — האָט דזשים געזאָגט. — נו, לאָז נאָר אַ טראַכט טאָן, ווי קריגט מען פאַר דיר מאָרגן אַ טשעק? — אַ טשעקל פאַר רענט, אַ טשעקל פאַר לעבנסמיטל. דאָס איז איצט די פראַגע? — נאָר ס'מאַכט ניט, אויפ'ן מיטינג וועט מען דאָס מער בעטראַכטן . . .

— דער לענדלאָרד האָט געסטראַשעט ער'ט מיך אַרויסוואַרפן, אויב איך גיב אים ניט די רענט! — עפּעס איז מאָדנע, ער האָט מיר אַזוי ניט בעהאַנדעלט בעפאָר, ער מוז האָבן אַ שכן, מיט גרעסערע דירה־געלט און, וואָס קען צאָלן די דירה־געלט אין צייט!

— ניט געזאָרגט, — האָט דזשים געזאָגט. — ער וועט דיך ניט אַרויס־וואַרפן, זאָל ער נאָר פּרובירן. און, אַז ער וועט אַרויסזעצן, וועלן מיר אַריינזעצן צוריק, זאָל אים קאָסטן אַ פּאָר דאָלער, דעם לענדלאָרד. — דו האָסט אים גענוג באַצאָלט! . . .

— ווען איך האָב די געלט, וואָס איך האָב אים באַצאָלט? . . .

— בעסער ניט! — האָט דזשים געזאָגט. פאַרשטייסט, ווען דו האָסט די געלט, וואָלסטו דאָך קיין קבצן ניט געווען? וואָלסטו ווידער געשפּילט פערדלעך, אָדער „וואָל־סטריט", וואָלסטו, וואָלסטו ווידער אַ קבצן געוואָרן. סיי ווי סיי וואָלסטו פאַרלאָרן די געלט . . .

— אפשר וואָלט איך געוואונען? . . .

— ווידער פאַנגסטו אָן מיט געווינען? — זעסטו ניט, קאַפּיטאַל זינקט!

— וואָלסטו ניט געשפּילט, אפשר וואָלסטו קיין קבצן ניט געווען? . . . ס'איז דיר באַשערט, ווי מיר, ווי די אַנדערע דרייצן מיליאָנען, קבצנים צו זיין . . .

באַרנעט האָט זיך געפילט דערשלאָגן, וואָס ער קען אים ניט ענטפערן. ער האָט זיך מיט אים ניט געוואָלט איינרייסן, ער האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אַז עס קען טרעפן, איצט, ווען ער האָט געלט, וואָלט ער געוואונען. נאָר ער האָט געשוויגן. דער מענטש איז דאָך זיינער אַ פריינט. אַ פרעמדער מענטש,

ערשט היינט באַקענט זיך, האָט שוין פיל געטאָן פאַר אים און גרייט זיך צו טאָן נאָך פאַר אים.

— „קאַנעל סטריט״! — האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופן.

— דאָ גייען מיר אַראָפּ, — האָט דזשים געזאָגט, — קום!

אין גאַס איז געווען פול מיט מענטשן. דער פּאַרקל אויף „העסטער סטריט״ איז געווען געפּאַקט. די היץ האָט געשטיקט. באַרנעט האָט געשוויגן. ער איז געווען פאַרטאָן אין געדאַנקען, מכח מאָרגן. ער האָט מורא געהאַט, דער לענד־לאָרד וועט אים געבן אַ „סאַמאָנס״. ער האָט פיינט געהאַט צו גיין אין גע־ריכט אין גוטע צייטן. און איצט?! . . . ווי אַ שטיין איז געלעגן אויף אים דער טראַכטן.

— אָ, גאָט! — האָט ער גערעדט שטיל, קוים באַוועגט מיט די ליפּן, — וואָלט איך האָבן אַזאַ כאַראַקטער, ווי דזשים. ער האָט גאָר ניט קיין מוט צו קעמפן. וואו איז זיין מוט? ער האָט דאָך געקעמפט קעגן קאַזאַקן, געלאָפן, געשפּרונגען, געשאָסן מיט רעוואָלווערן, און איצט אַ קוואַטש, אַ פאַרלאָרן נפש. ער האָט זיך אליין געהאַסט, פאַר זיין קליינקייט, מוטלאָזיגקייט. — אַ געפאַלענער נגיד! געמיינט, אַז איך בין אַן אייביקער גביר.

קלינטאָן גאַס, זיי זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן דריטן שטאָק, אַ קליין „האַלכל״, דאָרט זיינען שוין געזעסן פילע מענטשן, מען האָט אַרגומענטירט. דער מיטינג איז שוין אָנגעגאַנגען. ער און דזשים האָבן זיך געזעצט. מען האָט זיך אפילו אויף אים ניט אומגעקוקט. אַלע טאָג האָט מען געזען אַזעלכע נייע פּנים׳ער, און דער מיטינג איז אָנגעגאַנגען. מען האָט גערעדט פון אַרויס־שטעלן, ארייַנשטעלן די מעבל, דעם און דעם אַרעסטירט פאַר ארייַנשטעלן מעבל . . . פאַר דעם און דעם געקראָגן אַ רענט־טשעק — אַ שפּייז־טשעק, און מאָרגן דאַרף מען גיין אין האָם־רעליעף־ביוראָ, און אַזוי ווייטער.

דזשים האָט וואָס אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און געהייסן איינעם איבערגעבן דעם טשערמאַן. דער טשערמאַן האָט איבערגעלעזן דעם צעטעלע און געהייסן דזשימען זאָגן, וואָס ער האָט צו זאָגן.

באַרנעט האָט געברענט ווי פייער. ער האָט געוואוסט, דאָס איז וועגן אים. ער האָט אפילו ניט געהערט, וואָס דזשים האָט גערעדט. ער איז געווען פאַרנומען אין געדאַנקען, טאָמער קריגט ער ניט אויך מאָרגן, ווי ס׳האָט היינט געטראָפן. ער האָט עפּעס געהערט צום לעצט; מען דאַרף אים אויס־לייען ביז ער וועט קריגן זיין טשעק. ער האָט געהערט, זילבער קלינגען, אַלץ ווי אין אַ חלום. ער האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו האַלטן אין אַ ריי זילבערנע קוואָרטערס, דיימס און ניקלס, ווען ער פלעגט שפּילן אין קאָרטן. אָט דוכט זיך ווי ער זיצט מיט אַ גרופּע וואָל־סטריט באַנקירן, מען שפּילט אַ פינאַקל, פון אָנפאַנג אַ קוואָרטער — ביז מען האָט זיך פערנאַנדערגעהיצט, צו 25 דאָלער אַ פּוינט. און אים איז געגאַנגען רעכטס און לינקס. ער האָט יענעם אָוונט געוואונען דריי טויזנט דאָלער און געשפּילט כמעט אין אַ שפּאַס, אַ צייט פאַרטרייב. אָ, יע, ער האָט דאַן זיין וויב אַ בראַסלעט געקויפט, פופצן הונדערט באַצאָלט. און פאַר די קינדער גוטע זאַכן געקויפט. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט פאַר אים געהאַט געלט? און, אַז ער וואָלט פאַרשפּילט דריי טויזנט דאָלער? — און האָט אַרויסגערעדט גאַנץ אויך:

— „פליעוואַט״, — האָט ער אַ שפּיי געטאָן, — וואָס האָט דאָס פאַר אַ ווערד! . . .

— עס האָט גאָר אַ ווערדע, — האָט אים דזשים אַנגענומען פאַרן אָרבל.

— חלום'סט שוין ווידער, האָסט האַלוצינאַציעס? דו האָסט מיר שיער פאַרשפּיגן, — קום שוין. אַלעס איז „אָל־רייט". אָט האָסטו אַ הלואה, און אויב דו ווערסט זיין אַ פיינער מאַן, וואַלסטו די עטלעכע דאָלער צוריקגעגעבן צום קאָנסל. ווארום, אַז מען גיט ניט אָפּ, מאָנען זיי ניט. טאַ פאַרשטיי. מען דאַרף זיין אַ מענטש! אָט האָסטו צען דאָלער.

בארנעט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ער האָט זיך גענומען אויסטשוכען פון זיינע האַלוצינאַציעס, פון זיינע חלומות, פון זיינע פערגאַנגענע חלומות.

— ווי אַ זייפן בלאָז איז דאָס, פּוף־פּאַף, אַוועק . . .

— איצט קענסטו גיין. מאָרגן, ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט. — איך דיינק, איך וועל דאָ בלייבן, איך דאַרף דאָ אַרומריידן, ווי דאָרטן צו האַנדלען . . .

— יאָ, כ'פאַרשטיי, — האָט בארנעט, מיט האַלב אַראָפּגעלאָזטע אויגן געגעבן די האַנט און שטאַרק געדריקט די האַנט פון דזשימין.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט ער געזאָגט צו די פערזאַמלטע. — אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק!

— אַ גוטע נאַכט! — האָבן פילע פריינטליכע שטימען געענטפערט . . .

ביי בארנעטן אין הויז האָבן היינט געברענט אַלע פיר עלעקטרישע לעמפּלעך פון עס צימער. דאָ איז אויך געשטאַנען די קינדער בעטלעך, ווייל גאָר און גאָר האָט ער געהאַט דריי צימערלעך; אַ שלאָף צימער, אַן עס צימער, אויך אַ קליינע קיך, וואו זיי פלעגן געוויינטלעך עסן. נאָר היינט האָט בארנעט געקראָגן צוויי „טשעקלעך" פאַר דירה־געלט און פאַר לעבנס־מיטל: פאַר דירה־געלט, איז געווען אַ פול „טשעק", נאָר פאַר לעבנס־מיטל איז געווען זייער אַ מאָגערער „טשעקל" . . .

פרוי בארנעט האָט געשמייעט אין קיך, געוואַשן, געשקראַבעט. איר פאַראומערט פּנים האָט פאַרב באַקומען. די אויגן האָבן געגלאַנצט. הגם פון צייט צו צייט, ווען זי האָט גערעדט צו די קינדער וועגן מאָרגן, כאָטש אַ מאָגערער־מאָרגן, נאָר דאָך, ווען מען ניט אַרומגיין מיט אַ ליידיקן מאָגן ווי די לעצטע צייט, פלעגט אַ פאַרגלעזטע אויג אַראָפּלאָזן אַ הייסן פערלדיקן טרער. אַ טרער פון לייד און פרייד.

בארנעט האָט געלייענט אַ צייטונג. האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ קינדערשער בעטל און אַ פאַרטיפטער יעדן אַרטיקל גוט באַקלערט און אַנאַליזירט, און צו זיך אַליין גערעדט:

יאָ, אין עס צימער איז ליכטיק היינט. אַלע פילן זיך נייע, נייע אין אַלע הינזיכטן. די נייע אומשטענדן האָבן זיך געביטן אויך פּסיכאָלאָגיש. אַלע האָבן זיך געביטן: נייע אויפגעלעבטע קבצנים, מיט נייעם מוט, מיט נייעם שטרעבן און קאַמפּלוסטיק . . . די עטלעכע טעג האָט פון די בארנעט פאַמיליע, די געוועזענע אויפגעקומענע גבירים און די געוואָרענע קבצנים, זיינען אַריין אין אַ נייער וועלט, אין אַ וועלט פון קאַמף מיט אַ וואַרעמע, ליכטיקע זון פאַר אַ ליכטיקן מאָרגן אין דער צוקונפט.

אין קיך האָט זיך געקאָכט טיי. גלעזער זיינען געווען אָנגעגרייט און אַלע האָבן געוואַרט מיט אומגעדולט צו זען דעם נייעם פריינט, דזשים!

די פרוי בארנעט האָט זיך שיין אויסגעפּוצט, זי האָט פיל אינגער אויסגעקוקט ווי זי איז אַלט געווען. זי איז כמעט אַ העלפט געוואָרן, ווי זי איז געווען

בעפאַר דעם קריזיס.

אַ פשוטע פרוי איז זי איצט, אַן פעדערן אין נאָז, ווי זי האָט אַמאָל געהאַט, זי איז ניי געבאָרן.

באַרנעט האָט אַלע ווילע געקוקט אויף זיין ביליקן אינגערסאָל זייגערל און אַ זאָג געטאָן:

— ער האָט שוין דאָ געדאַרפט זיין, — האָט ער צו דער ווייב געזאָגט. — דזשים איז זייער פינקטלעך, ס'האָט עפּעס געמוזט פּאַסירן מיט אים.

—אפשר? — האָט זיין ווייב מיט שרעק געקוקט אויף איר מאַן.

— וואָס אפשר? — האָט ער געקוקט מיט פראַגע־אויגן.

אַ קלאַפּ אין טיר.

—אַריין! — האָבן אַלע ווי איינער אויסגערופן.

דזשים איז אַריין, זיך פאַרנייגט, וואו אַן אידל־ערצייגענער, האָט געגעבן די האַנט פרוי באַרנעט און האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז דזשים, דאָס גאָר! אייער מאַן האָט שוין אייך מסתמא וועגן מיר דערציילט.

— יאָ, — האָט פרוי באַרנעט געזאָגט. — אַפילו אין גאַס וואָלט איך אייך דערקאָנט. אַזוי האָט ער אייך אויסגעמאָלן. אַ דאַנק פאַר אַלעס, וואָס איר האָט געטאָן פאַר אונדז.

באַרנעט האָט זיך אויפגעהויבן פון קינדס - בעטל און אונטערגערוקט אַ שטול צו דזשימען.

— זעץ זיך, פריינט, — האָט באַרנעט געזאָגט.

פרוי באַרנעט האָט שוין געשטעלט די טיי אויפן טיש מיט אַ קעסטעלע זיסע קיכעלעך. דזשים האָט זיך געזעצט און אַן צערעמאָניעס, זיך גענומען צום טיי מיט די זיסע זאַכן; פרוי באַרנעט האָט ניט געוואַרט, ווי גיך ער האָט אויסגעטרונקען די טיי, האָט אים גלייך צוגעטראָגן אַ צווייטע.

— טרינקט, טרינקט און בייסט צו, — האָט זי געזאָגט.

— האָב ניט געקענט איבערטראַכטן, וואָס מיט דיר האָט געטראָפן, וויסנדיק דיין פינקטלעכקייט, — האָט באַרנעט געזאָגט.

— אָ, — האָט דזשים זיך צעשמייכלט, — האָב אַ שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן אויפן וועג: איך גיי אַזוי אין עלן גאַס, ערשט אַ רעדל שטייט, מען קוקט אויף אַרויסגעשטעלטע מעבל, — מעבל מינשטיינס געזאָגט, אַ פּאָר שמאַטעס, אַן אַלטע פּאָר פּאַלק זיצן לעבן די מעבל, מיט די אויגן אַרונטערגעלאָזן און שעמען זיך צו קוקן צו די ביישטייענדע. ווען איך האָב פון אַלץ אויסגעפונען, האָב איך אַ זאָג געטאָן: — אַנו, ווער העלפט מיר אריינשטעלן צוריק די שמאַטעס? איר ווילט דאָך ניט, אַז די אַלטע פּאָר פּאַלק זאָלן נעכטיקן אין גאַס? און אין פופצן מינוטן זיינען מיר פאַרטיק געוואָרן מיטן שטיקל מלאכה. איעדער איינער האָט געהאָלפן טראָגן, און מאָרגן וועלן מיר שוין קריגן פאַר אים דירה־געלט און . . .

— דערצייל שוין ניט מער, — האָט באַרנעט געזאָגט, — דו קענסט דיין מלאכה, און גוט אויך! . . .

— אַ „סענטי־קלאָוז״, — האָט זיך אָפּגערופן די עלטערע מיידעלע.

— יאָ, טאָכטער, אַ „סענטי־קלאָוז״, האָט פרוי באַרנעט געזאָגט מיט אַ זיסן שמייכל.

— דאָס איז דיין טאַכטערל? איאַ, די עלטערע?

אַ קלאַפּ אין טיר.

— אַריין! — האָט פרוי באַרנעט געזאָגט.

— סקאַצל קומט, — האָט באַרנעט זיך צעלאַכט, — ער איז דאָ, ער האַלט וואָרט.

— וואָס דיינקסטו, איך שפּיל אין שמורקעס זיך? — אודאי בין איך דאָ. איך וויל מיין רענט, „דאַטס־אָל"!

— דאָס איז בכבודו ובעצמו, — האָט אים באַרנעט פאָרגעשטעלט פאַר דזשימין.

— דו דאַרפסט שוין מיר ניט פאָרשטעלן, איך דערקאָן שוין אים, דעם לאָרד! — האָט דזשים זיך צעלאַכט.

— צום לעצטן מאָל בין איך געקומען, און דער „סופּעריאינטענדענט" האָט דעם „דיספּאָזעס" פאַר אייך, — האָט דער לענדלאָרד געזאָגט.

—גיב אים, זאָל ער דערשטיקט ווערן, דער פּאַראַזיט! — האָט דזשים געזאָגט.

— נאָט, — האָט פרוי באַרנעט געגעבן דעם לענדלאָרד דעם טשעק, — ווי גיך ער האָט דאָס דערשמעקט! אָ, וואָס פאַר אַ פויגל איר זייט! ווייניק אייך געלט אָפּגעגעבן? . . .

— איר האָט געוואוינט אין שיינע צימערן פאַר אייער געלט, ניט פאַר אומזיסט האָט איר געלט געגעבן! — האָט דער לענדלאָרד געברומט.

— גייט שוין, גייט שוין! — האָט דזשים צו אים געזאָגט, — איר האָט אייער געלט? גייט!

ווען דער לענדלאָרד איז אַוועק, האָט זיך פרוי באַרנעט צעוויינט.

— דער סופּעראינטענדענט האָט מיר געזאָגט, אַז דער לענדלאָרד גרייט מיר צו דיספּאָזעסן, אויב ער קריגט ניט צו נאַכט די דירה געלט, — האָט זי געזאָגט ווישענדיק די אויגן.

— נו פאַרגעסט, — האָט דזשים געזאָגט, — דערווייל וועט איר קריגן יעדן חודש אייערע דירה־געלט, ביז אייער מאַן וועט קריגן אַ שטעלע און איר וועט זיך גאָר אַרויסקלייבן פון דעם מצב. אָבער זייט זיכער, אַן קאַמף וועלן מיר גאָרניט דערגרייכן, און דאָס צו דערגרייכן, מוזן מיר זיך אָרגאַניזירן און צוזאַמען לאָזן הערן אונדזער שטים, פּראָטעסטירן, מאָנען. מיט אייניקייט קאָנען מיר דערגרייכן, וואָס מיר וואָלטן אין איינצעלנעם, ניט דערגרייכט! און צו שאַנד, — אָט זע למשל, ווען דו גייסט אַליין, וואָלסטו היינט געקראָגן דירה־געלט?

— ניין! לגמרי ניט! — האָט באַרנעט גיך און באַשטימט צוגעגעבן. — דאָס האָט אונדז באַווירקט טאַקע צו־צושטיין, צו־צולייגן אַ האַנט פאַר דעם כלל, פאַר דאָס גוטע, פאַר יענעם, וועט עס אויך זיין גוט פאַר אונדז! . . .

— זעסטו? — האָט דזשים זיך געריבן די הענט, — זעסטו, אַזוי רעדט אַ דיינקענדער מענטש! אָך, פריינט באַרנעט, דיינע ווערטער גיבן מיר נחת־רוח, ווער האָט דאָס געגלויבט? . . . דו האָסט זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז דו וועסט אַזוי גיך זיך בייטן! . . .

— דעם אמת זאָגנדיק, לגמרי ניט! נאָר די קלאָרע ווירקלעכקייט, און דיין האַנדלונג, און דער מיטינג אויף קלינטאָן גאַס, און אַלעס, וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר היינט, — האָט מיר קלאָר באַוויזן, וואו דער אמת'ער ווינט בלאָזט. אַפילו דער הונט, דער פערד, גייט נאָך יענעם, וואָס שטילט זיין הונ־

גער און ווערט איבערגעגעבן און גייט נאָך זיינע טריט און ווערט אים אַ פריינט. על־כן דאַרפסטו דערוואַרטן, אַז ניט נאָר איך, נאָר איעדער, וואָס קומט אין קאָנטאַקט מיט אייערע קרייזן, מוז ווערן אַ רינג פון אייער קייט! אַזוי איז נאָך מיין מיינונג, — האָט באַרנעט געזאָגט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — יאָ!

— טייערע ווערטער, וועסט אַ פירער זיין ביי אונדז, מיר דאַרפן אַזוינע ווי דו, — האָט דזשים געזאָגט.

— מיר אַלע זיינען גרייט צו אַרבעטן און קעמפן, איינער פאַרן אַנדערן, — האָט פרוי באַרנעט געקלאַפּט מיטן רעכטן פויסט אין דער לינקער האַנט. — איך האָט געבויגן מיין קאָפּ פאַר שאַנדע, ניט געוווּסט וואו אַ ביסן פאַר מיינע קינדער צו קריגן, פון מיין גאַנצער פריערדיקער גדולה, פון צו פיל ליכט, האָט מיין פינסטערקייט מיר פאַרשטעלט יעדן וועג וואו איך האָב פריער גע־טראָטן. אָבער איצט, זייט זיכער, צי גוטס וועט קומען, פריער אָדער שפּעטער. אָבער די ליכט, וואָס איר האָט אַריינגעגעבן אין אונדזער לעבן, וועט אייביק לייכטן! עס וועט אונדז ניט פאַרבלענדן די גוטע צייטן, אויב זיי וועלן קומען! . . . תמיד וועלן מיר גיין מיט אייך, תמיד וועלן מיר שטיין אויף דעם זעלביקן שוועל אין קאַמף פאַרן מענטשליכן גליק!

— גוט, זייער גוט, — האָט דזשים געקליבן נחת פון זיין נייעם „קאָנ־טאַקט". — נו, ס׳ווערט שפּעט, — האָט דזשים זיך אַוועקגעשטעלט, ווי ער וואָלט זאָגן זיין לעצטן וואָרט פאַרן אַוועקגיין.

— אַ, יע, פריינד דזשים, — האָט פרוי באַרנעט זיך אָפּגערופן, — מיין מאַן האָט ביי אייך געליען דריי דאָלער, — און זי האָט עס געלייגט אויפן טיש ביים זייט לעבן דזשימען, — אַ דאַנק אייך, אַ גרויסן דאַנק, פריינט!

— נע, ניט נאָך דעם בין איך געקומען, — האָט דזשים זיך גענומען פאַר־ענטפערן.

— פריער לייג אריין די געלט אין קעשענע, — האָט באַרנעט געזאָגט, און גלייך גענומען די געלט און אַריינגעשפּאַרט דזשימען אין קעשענע. — איצט פיל איך אַ סך גרינגער, ווען די געלט איז ביי דיר, ווייל דו דאַרפסט די געלט פונקט ווי איך.

דזשים האָט אַ קנייטש געטאָן מיטן פּלייצע און האָט אַריינגעלייגט די געלט טיפער און אַ זאָג געטאָן:

— מאָרגן האָבן מיר אַ דעמאָנסטראַציע לעבן „סיטי האָל", דערפאַר בין איך געקומען, דערפאַר האָב איך דיר געזאָגט, איך וועל דיר קומען זען, אויך האָב איך זיך געוואָלט באַקענען מיט דיין פאַמיליע, דיין ווייב האָט אויך קאַמפ־לוסט, פונקט ווי דו! . . .

פרעג קיין זאַך ניט, — האָט באַרנעט געזאָגט, — זאָג אונדז נאָר, ווען און וואו, און מירן אַלע דאָרטן זיין. אַלע, מיין גאַנצע פאַמיליע!

— נו, איז געדענקט! — האָט דזשים צופרידן געשמייכלט און געגעבן זיי די האַנט און געדריקט וואַרעם און ברודעריש. — מאָרגן וועלן מיר זיך זען. אַ גוטע נאַכט! — מיט שטראַלענדע אויגן, מיט אַ פריילאַכע האַרץ, איז ער אַרויס פון הויז . . .

אָרעמקייט

לאהלע איז געבאָרן געוואָרן אָן מזל. זייענדיק נאָך אַלץ אַ קליין קינד האָט זי זיך אָנגעזאַפּט מיט ביטערע דברים פון אירע עלטערן, וואָס פלעגן זיך האַלטן אין איין קריגן און אַרומרייסן זיך. פון איר פריסטע קינדהייט האָט זי געטראַכט, אַז זי וועט אויפוואַקסן, מוז זי זיין רייך. ווי זי וועט ווערן רייך, האָט איר ניט געקימערט, זי האָט וועגן דעם ניט געטראַכט און ניט פאַרשטאַנען ווי מען ווערט רייך; זי מוז זיין רייך און דאָס איז גענוג פאַר איר געווען . . .

צו זעקס יאָר איז לאהלע אַוועק אין סקול (שולע), דאָר און אָפּגעצערט פון ניט דערעסן. דעם טאַטן האָט זי ניט ליב געהאַט און דער מאַמען האָט זי אויך ניט שטאַרק ליב געהאַט, ווייל זי פלעגט האַלטן אין איין שעלטן און שרייען אויף איר.

אויגן, טיפע, גרויסע, פאַרטראַכטע, האָט זי פאַרמאָגט. יעדער אבר איז געשניצט געווען פון איר פנים. לאַכן האָט זי געלאַכט מיט אַ זילבער קלאַנג, ווי זילבערנע גלעקעלעך וואָלט זיך צעקלונגען. . אָבער זייער זעלטן פלעגט זי לאַכן, סיידן ווען זי האָט צוזאַט און גוט געגעסן, דאַן האָט זי גוט זיך געפילט. אַזוי אויך מיט זינגען: אַ זיס שטימעלע. פלעגט אליין צוטראַכטן מעלאָדיען. ס׳האָט איר פשוט געצויגן צום ליד און קלאַנג. איר דינע, הויכע האַלדז האָט זי אַלעמאָל געטראָגן גלייך און שטאָלץ, אַפילו ווען אין בייכל האָט געקרעפּט פון הונגער.

דער פאָטער איז געווען אַ שיכור. פלעגט די מוטער שילטן און שרייען, ווען ער האָט פאַרשיכורט די פאָר דאָלער, וואָס ער האָט פאַרדינט. פילע מאָל האָט ער זי גוט נאָך אָנגעקלאַפּט דערצו. ער האָט זי איינמאָל שיער דערהרגעט.

אַזוי האָט לאהלעס הערצל זיך אָנגעזאַפּט מיט ווייִ און פאַרביטערקייט! ווען זי בעט דער מאַמען עפּעס וואָס איר געלוסט זיך — איז איין ענטפער: ניטאָ! מיר זיינען אָרעם! . . .

„אָרעם! . . . וואַרום זיינען מיר אָרעם”? — ביי דער פראַגע איז לאהלע שוין אַלט געווען צען יאָר. איר האַרץ האָט געבענקט נאָך א גוטן מאָלצייט, נאָך אַ שיין קליידעלע ,נאָך אַפּאָר לאַקירטע שיכעלעך . . . אירע זאַכן זיינען געווען געבעטלטע פון „טשאַריטי” . . . אַלעמאָל גרעסער פון איר מאָס; אַזוי אויך אירע שיך . . .

די מוטער האָט שוין די לעצטע צייט ניט געקענט אַזוי אָפט אַרויסגיין אַרבעטן — די כוחות זיינען איר פשוט אויסגעגאַנגען פון ניט דערנערונג. זי האָט קאָם געקענט אויפהויבן אַן עמער וואַסער, בויגן זיך ביים וואַשן פון פאָדלאָגעס אין די „אָפיסעס” און פריוואַטע הייזער . . . זי פלעגט צוהוסטן אָפט, זייער אָפט; שפייען אַ סך! . . . דער פאָטער האָט אַלץ געטרונקען און געטרונקען, צו פאַרטרינקען זיינע צרות! . . .

צו פערצן יאָר האָט לאהלע געענדיקט סקול, אַ גוט קעפּל געהאַט . . . די לערערין האָט געזאָגט, אַז דאָס קינד האָט זייער אַ גוטע קאָפּ, נאָר זי איז זייער אַ שוואַכע; צו דין און צו קליין פאַר אירע יאָרן . . .

ווייטער לערנען — איז קיין רייד נישט נויטיק געווען. דער פאָטער איז אַרויס פאַר איר זוכן אַ שטעלע. ס׳איז דאַן נאָך געווען אין די בליענדע יאָרן פון „פּראָספּעריטי”, אין יאָר 1925. ער האָט איר געקראָגן אַ פּלאַץ אין אַ קליין „אָפּען־שאַפּקע”, און לאהלע איז געוואָרן אַ פאַרדינערין מיט אַ געהאַלט פון

פינף דאָלער אַ וואָך.

צען שטונדן אַ טאָג האָט לאהלע געאַרבעט; געאַרבעט האָט זי אַלץ: געניית אויפן מאַשין, איינגעניית קנעפּלעך, צוטראָגן „אָרדערס״; געהאָלפן אַפילו דער בוכהאַלטערין . . .

די ערשטע „ווידזשעס״ (שכירות) האָט לאהלע אין הויז אַריינגעברענגט. דאָס ערשטע מאָלצייט וואָס זי האָט געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט . . . די מוטער האָט איר אָפּגעקאָכט אַ שטיקל „ספּרינג־טשיקן״ (יונגע הינדל). ביים עסן האָט זי זיך געשטיקט פון פריידן. מיט יעדן ביסן האָט זי אַ טרער געשלונגען. זי האָט זיך געכלינעט . . . די מאַמע זאָל ניט זען ווי די טרערן גיסן זיך איר — פלעגט זי שמייכלען דאָס די טרערן אין די אויגן זאָלן בלייבן און ניט אַראָפּ־פאַלן . . .

— געשמאַק דאָס עסן, מאַמע . . . זייער געשמאַק! — האָט לאהלע געזאָגט, צו פאַרטומלען זיך . . .

— יאָ, געשמאַק! יאָ, מיין קינד! שוין לאַנג אַזאַ „סאַפּער״ נישט געגעסן — האָט די מוטער געזאָגט, — איך וועל דיר יעדן „פּעידע״ קאָכן אַ שטיקל „טשיקן״.

ביי זיך האָט לאהלע געטראַכט: ווי גוט איז צו האָבן געלט; ס׳איז גוט צו זיין רייך! און זיך אָפּגערופן:

— מאַמע, וועסט מיר קויפן אַ פּאָר בייע שיך? יאָ, מאַמע?

— געוויס וועל איך קויפן! אַ קלייד און אַ היטעלע אויך!

לאהלע איז אויפגעשפרונגען, האָט אַרומגענומען דער מוטער און האָט זיך צוגעדריקט צו איר.

— מאַמע, ווי גוט ס׳איז צו זיין רייך! . . . צו האָבן געלט! . . .

יאָ, מיין טאָכטער, — האָט די מוטער אַ זיפץ געטאָן, — געוויס, מיין קינד, געוויס! . . .

נאָכן עסן האָט לאהלע צעוואַשן די כלים, אָפּגעפוצט זיך די אַלטע שיך, פאַרקעמט אירע בלאָנדע האָר און געבעטן דער מוטער מיט איר צו גיין אין גאַס אַ ווײַלע.

— גיי אין די „מואוויס״, מיין קינד, — האָט די מוטער איר געזאָגט—גיי!

— ניין, מאַמע, אַליין גיי איך ניט. קום מיט מיר, — האָט לאהלע געזאָגט.

— ס׳קאָסט צו טייער, מיין קינד! . . .

— קום, קום, מאַמע. מיר זיינען שוין לאַנג ניט געווען אין די „מואוויס״, קום, מאַמע, — האָט זי זיך געבעטן.

— ס׳קאָסט צו טייער, מיין קינד. כ׳וועל דיר בעסער וואָס קויפן פאַר דאָס געלט, — האָט די מוטער געזאָגט.

— טאָ קום פאַר אַ „וואָק״ (שפּאַציר), מאַמע; אַדורכגיין זיך, קוקן אין די פענסטער.

— אָלרייט, איך וועל גיין, — האָט די מוטער געזאָגט. איר אויסגעמאַטער־טער, איינגעפאַלענער פּנים און איר מידקייט האָט זיך אָנגעזען. איר קליינע פיגור מיט די פאַרלאָשענע אויגן האָבן אַביסל אַ גלאַנץ באַקומען . . .

— יאָ, מיין קינד, ס׳וועט אפשר אויך מיר אַביסל גוטס טאָן דאָס דורכגיין זיך.

איידער די מוטער האָט זיך צורעכט געמאַכט איז דער פאָטער אַריינגע־קומען. זיין פּנים איז געווען פאַרשמירט, די האָר צעפּודלט, און האָט אַריינ־געוואָרפן זיך אין אַ שטול.

— ווידער שיכור ? — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן, — וואו האָסטו געלט גענומען פאַר שנאַפּס ? אַ בראָך אין דיינע ביינער, שיכור דו !

— דו בעסער ש־שוויג, ד־ד־דו ש־שקאָפּע, — האָט ער שיכור גערעדט.

ביים אַרויסגאַנג האָט זיך די מוטער ווידער געשאָלטן. ער האָט זי אָנגע־כאַפּט פאַרן האַנט :

— גיב אַ־אַ־ק־וואָדער, ש־שקאָפּע, — האָט ער געזאָגט.

— כ'האָב ניט, — האָט זי געענטפערט.

— לאהלע האָט געבראַכט „פעי״ !

— קדחת ! — האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ ברום. — די קינד וועט גיין אַרבעטן און דיר גיבן פאַר שנאַפּס ? שיכור דו ! . . .

— גיב, — האָט ער געברומט מיט כעס.

זי האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן און זיי זיינען אַוועק אין גאַס.

* * *

שפּעטער איז לאהלע אַליין ארויף אין שטוב, האָט אָנגעצונדן די געז, קיין עלעקטריע איז אין הויז ניט געווען. דער פאָטער איז נאָך אַלץ געזעסן האַלב־ליגנדיק אין שטול. זיין בלאָער לאַנגער פּנים איז געווען צעקנייטשט, די ליפּן דיקלעכע ; האָט געסאָפּעט מיט זיין רויטלעכער נאָז. דער פייער האָט אים אויפ־געוועקט.

— ה־ה־העי, — האָט ער זיך געריבן די אויגן און אַ שפּיי געטאָן צום סינק צו, און גלייך אין סינק געטראָפן אַריין :

— ווי שפּעט, טאָכטער ? וואו איז די מאַמע, האַ ?

— זעץ זיך, פּאַ, מיר וועלן זיך אַדורכשמועסן, — האָט לאהלע געזאָגט. זי האָט צוגערוקט אַ שטול און זיך געזעצט קעגן פאָטער.

דער פאָטער האָט דאָס פון דער טאָכטער אַזוינס קיינמאָל ניט געהערט. האָט ער לאַנגזאַם זיך אויסגעגלייכט אויפן שטול, האָט אַריינגענומען זיין ניט־געגאָלטן פּנים אין זיינע הענט, האָט געריבן זיך זיין רעכטע באַק און האָט פאַרשעמט באַטראַכט זיין טאָכטער. ער האָט קיינמאָל זיין טאָכטער ניט געזען אַזוי זעלבשטענדיק אין איר האַלטונג, ווי זי זיצט איצט, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. אַ פאַרטראַכטער, דער שטערן קנייטשט זיך און גלייכט זיך אויס. זיינע ליפּן גיבן אַ ציטער פון צייט צו צייט. ער אָטעמט טיף אַריין אין איר גלייך געשניצטן נעזל און האָט זיך אָנגערופן :

—וואָס אַזוינס, טאָכטער מיינע, וואָס אַזוינס ווילסטו מיר זאָגן ? יאָ, וואָס מיין טאָכטער ? . . .

— זייער, זייער וויכטיקעס, זייער, פּאַפּאַ ! הער זיך איין, — האָט זי אָנגעפאַנגען שטאַמלען : — אָט זעסטו, פּאַ ? די מאַמע האָט מורא אַריינגיין אין הויז אַריין. זי האָט מורא פאַר דיר, פאַרשטייסטו ? דו קענסט עפּעס אָפּטאָן און ניט וויסן וואָס דו טוסט ; דו קענסט זי דערהאַרגענען און ניט וויסן, אַז דו האָסט זי דערהרגעט, מיין מאַמען ! מיין מאַמען, וואָס טוט אַלעס פאַר מיר, פאַר דיר, וואָס לערנט מיך, אַפילו דיך ליב צו האָבן . . . זי לאָזט אַפילו קיין שלעכטן וואָרט קעגן דיר ניט זאָגן ; זי גלויבט אַלץ, ווען דו וואָלסט ניט געטרונקען, פאַרשטייסטו, פּאַ, וואָלסטו געווען אַ גוטער מענטש. דאָס טרינקען האָט דיך פון דרך אַראָפּגעשלעפּט, פאַרשטייסטו ? . . . דו פאַרשיכורסט וואָס דו פאַר־דינסט, און די מאַמע דאַרף וואַשן פּאָדלאָגעס, רייניקן הייזער און זיין אַ דינסט דאָ אין הויז אויך, פאַר די דריי צימערלעך וואָס מיר פאַרמאָגן. זעסט, ווען דו

וואָלסט ניט געטרונקען, וואָלטן מיר דאָך געקענט לעבן ווי מענטשן, ווי אַנדערע . . . זע ווי שמוציק דו ביזט; זע, קוק זיך נאָר אָן, — האָט זי אים צוגעטראָגן איר טאָשן־שפּיגעלע, — זע, קוק זיך נאָר אָן! . . .

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן ביים ערשטן קוק. ער האָט זי פּאַמעלעך אָפּגעשטופּט פון זיך און האָט אַראָפּגעלאָזט די קאָפּ.

— איך בין אַ פאַרלוירענער, אַ פאַרלוירענער, — האָט ער הייזעריק גע־קרעכצט, — אַ „באָם״, אַ פאַרלוירענער מענטש! . . .

— די מאַמע וויל פון דיר אַוועקגיין; מיט מיינע פּאַרדינסטן און זי וועט עפּעס פאַרדינען . . . מיר וועלן . . . זי וועט געפינען אַנדערע „רומס״, אין אַנאַנדער געגנט, וועלן מיר לעבן רואיק און צופרידן . . .

— און מיך ווילט איר פאַרלאָזן? שטאַרבן אין גאַס?! . . .

— הער אויף טרינקען, פּאַפּאַ! אין מיין שאָפּ איז איצט „ביזי״. דער באָס זוכט מענטשן. וויפיל דו וועסט פאַרדינען וועט זיין גוטגענוג, פּאַ! איך ווייס, ווי די מאַמע זאָגט: ביזט אַ גוטער מענטש, ווען דו טרינקסט ניט; וועסט זיין לעבן מיר, וועל איך זען זאָלסט ניט טרינקען. נעם זיך אין די הענט! . .

— הלוואי וואָלט איך עס קענען, טאָכטער! הלוואי וואָלט איך — — —

— וועסט קענען, פּאַ! — האָט זי געזאָגט. זי האָט אים צוגעפירט צום סינק, האָט אים אַרומגעוואַשן זיין פאַרשמוצטן פּנים. הילפלאָז, ווי אַ קינד, האָט ער זיך געלאָזן טאָן מיט אים, וואָס זי האָט געוואָלט.

— נו איצט גיי אין בעט, פּאַ! — האָט זי צו אים געזאָגט. — זיי גוט און שטיל . . . איך גיי אַרויפרופן די מאַמען . . .

דער פאָטער איז געשטאַנען אַ פאַרלאָרענער, האָט זי צוגעצויגען צו זיך:

— מיין קינד, — האָט ער געזאָגט, און טרערן האָבן זיך געקאַפּעט ווי טראָפּנס רעגן פון זיינע אויגן . . .

— מיין טייער, קלוג טעכטערל! . . .

1923

אין שיטה

די בלום, וואָס עס שמייכלט נאָך היינט, וועט מאָרגן פערדאַרבן.
און אַלץ, וואָס מיר ווילן היינט, וואָס רייצט, וועט מאָרגן שטאַרבן.
וואָס איז די וועלט? זינגט און לאַכט — ליכט, וואָס שפּאָט פון דער נאַכט: —
נאַכט פאַרשווינדט — זון ווידער שיינט! . . .

שטאַרקייט, ווי שוואַך מוז דאָס זיין; פרייד, ווי שווער צו געפינען;
ליבע איז גליק; אַפילו אין פּיין, האָפנונגלאָז, צו באַשפינען . . .
נאָר מיט דיינקען פאַרלירן זיי; לעבן, איבער פרייט, מיט וויי,
— רופן מיר דאָס — זונען־שיין . . .

ווען די הימלען, בלאָ און שיין און פיל אַרום מיט בלומען.
פערנאַכט, אין זונען אונטערגיין, מיט פרייט דעם טאָג ענטקומען.
ווען שטונדן קריכן שטילע פון טרוימען, זיסע, קילע;
דאַן אין פרייט דערוואַך און לאַך . . .

דער צלם׳ל

דאָס איז געווען אין 1930. די דיפּרעשאָן האָט געשטיקט און געוואָרגן. מענטשן האָבן זיך געוואָלגערט אין די גאַסן: פּראָסטיטוציע האָט געבליט ווי בלומען אין פרילינג; מענער זיינען געשלאָפן אין קאַרטונענע קעסטלעך, וואָס האָט זיי אַביסל געלינדערט פון ווינטן און קעלט.

מענטשן האָבן געאַרבעט פאַר אַ שטיקל ברויט; אויב זיי האָבן שוין גע־קראָגן דעם גליק צו קריגן אַפּאָר טעג מלאכה.

לאהלע, א מיידל פון איאָר 25, בלוט און מילך, און שיין ווי די זון; אירע בלאָע יידישע אויגן — דערהויפּט איר אַביסל אויסגעבויגענער נעזל, האָט איר פערראטן, אז זי איז א יידישע טאָכטער. הגם, זי האָט גיהאַט בלאָנדע האָר.

היטלערס חברה, און פאָטער קאָגלין, האָבן געשפּרייט האָס צום ייד דאָ אין לאַנד און פאַרביטערט דעם לעבן די יידישע אַרבעטסלאָזע און די באַשעפ־טיקטע — צו גליך!

— אַ ייד איז געווען אַ פלוך . . . אַ ייד — איז אַ קאָמוניסט! — א ייד — איז אַ קאַפּיטאַליסט! אַלע צרות קומט פון יידן: יידן — ברייננגען דעם דיפּרע־שאָן; די יידן — זיינען כל־די באַנקירן . . . די גאַנצע געלט ליגט אין די יידישע הענט! . . .

לאהלע האָט, טאָג נאָך טאָג, געזוכט „אָפיס" מלאכה. זי איז געווען אַן עקס־פּיריענס האַנט אין בוכהאַלטונג, און גוט גיקאַנט „סטענאָגראַפיע". אין איין וואָרט, — זי איז געווען א גוטע האַנט אין איר פאַך.

לאהלע האָט גיארבעט אין איין פירמע פאַר די לעצטע פינף יאָר, נאָר פלו־צים האָט די פירמע באַנקראָטירט. לאהלע וואָלט גיקענט אָננעמען דעם פאַר־אַנטוואָרטלעכסטן דזשאָב (מלאכה), נאָר ווען זי קומט אריין, פרעגט מען איר גליך: „ווהאָט איז יור דיסענט"? (וואָס איז דיין אָפּשטאַם?) ווי זי האָט געזאָגט „דזשואיש", האָט מען איר גיזאָגט, זי זאָל אויספילן אַ קאַרטל און מען וועט איר לאָזן וויסן, ווען מען וועט זי דאַרפן. צענדליקע פלעצער האָבן איר גיזאָגט דאָס זעלביקע: פילט אויס די קאַרטל, מיט אייער אדרעס, און מיר וועלן אייך לאָזן וויסן . . . שוין איאָר, אַז לאהלע גייט טאָג איין, טאָג אויס, לייענט אלע צייטונ־גען, אלע אַנאָנסען, און אַז זי קומט אַהין פרעגט מען איר גליך — איר אָפּשטאַם. אין איין פלאַץ האָט מען איר געגעבן אָנציהערעניש: אויב זי וויל אַ שטעלע, דאַרף זי . . .

די טעלעפאָן קאָמפּאַניע האָט געהאַט אַן אַנאָנס פאַר פרויען־הענט, פאַר אלגעמיינע מלאכה: בוכהאַלטערס, העלפערס פאַר „סוויטש־באָרד מיידלאך: — עקספּיריענס נישט בויטיק.

לאהלע האָט זיך גיך געלאָזן אהין גאַנצפרי; זי האָט באַמערקט אַלע מייד־לעך האָבן געטראָגן צלם׳לעך און פילע האָבן געקראָגן מלאכה; איר האָט מען געהייסן אויספילן די קאַרטל און מע וועט איר לאָזן וויסן . . .

לאהלע האָט געוואָלט נאָכטאָן: אויספּרובירן, צי דאָס וועט אַרבעטן. זי איז אריין אין אַ קאַטאָלישע קראָם און זיך געקויפט אַ צלם׳ל. איז אריין צו דער זעלבער טעלעפאָן קאָמפּאַניע, נאָר אין אַן אנדער „ליין" — דעם צלם׳ל אויפן

האַלדז, און ווען ס׳איז געקומען צו איר רייע, האָט זי געביטן איר נאָמען אויף — נעלי מיק׳קאָן. איר שיינער פּנים, מיטן צלם׳ל אויפן האַלדז — האָט איר גע־געבן אַ „דזשאַב״. מען האָט איר גאָר נישט געפרעגט איר אַפּשטאַם; מען האָט איר געגעבן אַ קוויטל און זי איז גלייך דאָרטן געבליבן אַרבעטן.

די מיידלעך האָבן מיט איר זיך גיך געחברט; זי האָט גיהערט ווי זיי האָבן גערעדט צווישן זיך.

איינע האָט געזאָגט:

— האָסט גיהערט, מען האָט געפייערט אַלע „קייקס״, און מען האָט אָנגע־שטעלט קריסטן.

— „וואָט נידס די „קייקס״ היר? די קאָמוניסטן! . . . האָט אַ צווייטע, מיט אַ קורץ אייריש נעזל, מיט אַ פּנים זומערשפּרינגלעך געזאָגט, — „אָל דהי טראָבל ברינג די דזשוס״ . . .

לאַהלע האָט קאָם זיך איינגעהאַלטן, ניט אויסצושרייען:

— „יו דוירטי נאַצים! . . . יו דוירטי קאַגליניטס!״ (איר שמוציקע נאַצים; איר שמוציקע, קאַגלעניסטן!

זי האָט איינגעביסן איר האַנט — און ס׳האָט געשטילט איר כעס:

— איך מוז ליידן און שווייגן, — האָט זי אין זיך גערעדט.

דער מענעדזשער איז איר איינמאָל פאַרביי געגאַנגען און אירע בלויע, בליצנדיקע אויגן האָבן אים אַציגעטאָן. זי האָט פון זיין בליק אַציטערגעטאָן; ווי אַ מעסער וואָלט אַ שטאָך גיטאָן אין האַרצן, — זי ווייסט ניט פאַרוואָס? — אַזוי איז ער איר געפעלן געוואָרן:

אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר פינף־און־דרייסיק; הויך, ברייט־פּלייציק. לגמרי ניט קיין אַריען! אין גאַנצן שוואַרצחן׳דיק: מסתמא אַן איטאַליענער! — אַ מוסאַליני — אַ פאַשיסט! ער האָט געטראָגן אַ גאָלדענעם קנעפּל אין לאַץ און אַפן קנעפּל אַ שוואַרצן צלם׳ל . . .

דער פּערוואַלטער איז פאַרביי געגאַנגען און אַלץ געקוקט אויף איר פון דער זייט; און אַפילו הינטערוועגנס . . .

— אפשר האָט ער אין איר דערקענט, אַז זי איז אַ יידישע? עס האָט איר געפּייניגט און די האַרץ איז אויסגעגאַנגען פאַר פּחד . . .

ס׳איז ערשטער טאָג, וואָס זי האָט געקראָגן באַשעפטיקונג. אַ צווייטן מאָל איז ער איר פאַרביי געגאַנגען און צו איר אַ שמייכל־געטאָן; זי האָט אים גי־ענטפערט מיט אַ דינעם שמייכל און פלייסיק געאַרבעט.

יעדן טאָג האָט מען דאָרט געטיילט נאַצישע, אָדער קאַגלענישע פּראָקלאַ־מאַציעס; די נאַצישע האָבן גערופן צו מאָרד און פאַרניכטונג פון די יידן: די קאַגלישע, האָבן אָגעטירט צו באָיקאָטירן די יידן; נישט האָבן מיט זיי צו טאָן; נישט געבן זיי מלאכה, און נישט צו טרעטן אין זייערע דלד־עמת — מען זאָל זיך אָפּטיילן פון זיי.

מען האָט איר געצוואונגען צו ווערן אַ קאַגליניט, — דערהויפּט האָבן זיי געזוכט די „דיוס״. זי האָט געמוזט אָפּגעבן פינף פּראָצענט פון אירע שכירות; און אָפטמאָל האָט מען סתם אַרויפגעלייגט, פאַר דאָס און דאָס, אַ טאָלער־צוויי: קיינער האָט ניט פּראָטעסטירט, כאָטש מען רייסט פון זיי פּשוט דעם ביסן פון מויל; די שחירות, די געהאַלטן זיינען געוועזן קליינע און קיין יוניאָן ביי די

טעלעפאָן ארבעטער און וואָס די קאָמפּאַניע האָט געוואָלט, האָט זי געצאָלט . . . די יידן פלעגן פּראָטעסטירן . . . דערפאַר האָט די קאָמפּאַניע ניט געוואָלט אָנ־שטעלן קיין יידן; און די יידן, וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט, האָט מען יעדן חודש אָפּגעזאָגט . . . די יידן האָבן טאַקע אין דער שטיל געגראָבן און געזוכט צו אָר־גאַניזירן א יוניאָן . . . נאָר די נאַציס האָבן דאָס אויסגעפונען . . . און די יידן זיינען ארויסגעיאָגט געוואָרן פון יעדן צד פון דער טעלעפאָן קאָמפּאַניע.

ס'איז אַוועק אַ חודש. לאהלע ארבעט נאָך אין דער טעלעפאָן קאָמפּאַניע, און דעם צלמ'ל מוז זי טראָגן גאַנצע אַכט שעה אַ טאָג . . . דאָס קליינע צלמ'ל אויף איר האַלדז האָט געוועגן ווי אַ פּוד וואָג; זי האָט פילע מאָל געפילט — זי ווערט דערשטיקט . . .

לאה איז קיין פרומע נישט געווען, נאָר דער צלמ'ל האָט איר געשטיקט.

ווען זי איז אריינגעפאַלן אין שטוב, פלעגט זי אַראָפּרייסן דאָס צלמ'ל פון איר שיינעם האַלדז, און געטראָטן אויף אים און געשפּיגן אויף אים . . .

יאָ, לאה איז פרום נישט געווען, אגב, דאָס צלמ'ל האָט איר פרום גימאַכט: ניט פרום צו גיין אין שול, נאָר זי איז מער נישט געגאַנגען אין אַטאָמאַט, וואו זי פלעגט תמיד עסן. זי האָט זיך איינגעלעבט אין אוטאָמאַט, אז זי פלעגט ער־גען אַנדערש נישט קאָנען עסן. זי פלעגט תמיד נעמען איר טאַץ מיט די מאַכ־לים, זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל מיט אַ בוך ביים זייט; צייטנווייס מיט אַ צייַ־טונג, און פלעגט זיך גוט אויסרוען און עסן גאַנץ רואיק . . .

לאה'לע, אָדער ווי מען פלעגט זי רופן אין אָפּיס, אילין, איז געווען אַן אַמעריקאַנער געבאָרענע; אירע עלטערן זיינען געקומען פון רוסלאַנד. לאה האָט גילערנט אין די אַרבעטער רינג שולן און זי האָט גיקאָנט אַפילו לייענען אַ יידישע צייטונג. אירע עלטערן וואוינען אין שיקאַגאָ, נאָר ס'האָט געטראָפן דאָס זי, לאה'לע, האָט זיך שיר פעראליבט אין אַ נישט אַיידן. אירע עלטערן, נישט קיין פרומע, האָבן נישט געוואָלט זי זאָל חתונה האָבן מיט אַ גוי, וואָס פלעגט ארייַנשטעכן מיט אַזאַ וואָרט:

— וואָרום זאָלן די יידן זיך נישט אַסימילירן און ס'וועט אויפהערן דער אַנטיסעמיטיזם? הגם, פלעגט ער זאָגן: ס'אַרט מיך ניט; אָט וויל ער חתונה האָבן מיט אילינען.

— וואָלסטו איר לאָזן דערציען די קינדער, ווי ביי אונדז יידן? . . . אָט האָבן חתונה פּראָטעסטאַנטן מיט קאַטאָליקן: ביי זיי, די ווייבער דערציען זייַ־ערע קינדער פאַר קאַטאָליקן.

— דאָס ניט, — האָט דער חתן גיענטפערט, — איך וועל דאָס קיינמאָל ניט דערלויבן, ניט מסכים זיין . . .

— וויל איך דיר ניט פאַר קיין איידעם, — און אים געהייסן פאַרלאָזן די הויז.

לאה'לע האָט דאָס ניט גיקאָנט איבערטראָגן, און האָט פאַרלאָזן די עלטערן און געוואָלט מיט ערל גיין חתונה האָבן. אגב—דער ערל האָט איר גיענטפערט:

— איך קאָן מיט דיר נישט חתונה האָבן. הגם, איך ליב דיך. איך וויל לעבן בשלום מיט מיינע מחותנים. איך וויל ניט דו זאָלסט בייַנקען נאָך דייַן טאַטן און מאַמען, און נאָך דיין פאַמיליע בכלל . . .

זי האָט זיך מיט אים צוזעגנט און איז אַוועק נאָך ניו יאָרק. זי איז דאָן

נייצן יאָר אַלט געווען. שיין ווי אַ בלום; אַן אינטעליגענטע און אָנגעלייענטע מיידל . . . עס האָט איר אָפּגעגליקט. זי האָט גלייך געקראָגן מלאכה אין אַ געשעפט. די גאַנצע צייט האָט זי כמעט געלעבט אָפּגעזונדערט, איינזאַם: גע־לייענט ביכער, געגאַנגען אין טיאַטער, אין אָפּערע. זי האָט זייער ווייניק אָפּ־געשפּאָרט; זיך גוט געקליידט אין די בעסטע מלבושים. די טייערסטע שיך און העטס. ביז דער קלאַפּ איז געקומען אומדערוואַרטעט: די פירמע האָט באַנ־קראָטירט: — באַנקראָטירט האָט זי בלי־ספק איבער די נאַציס, ווייל זיי האָבן באַצוואונגען פילע דייטשע און סעמי־דייטשן — יידן האָסער — זיי זאָלן אויפ־געבן טאָן מסחר מיט דער יידישער פירמע. אַזוי איז אַוועק אַ יאָר און זי האָט גידאַרפט לעבן אויף דאָס גרייטע. — איז ניט נאָר איר מזמן—פאַרמעגן פאַר־שוואונדן, זי האָט פילע פון אירע שיינע און ווערטפולע מלבושים אויך פער־קויפט און פערמשכונט — האָט זי דערווייל געמוזט מאַכן שלום מיט איר גורל און טראָגן צום שאַנד — דעם צלם׳ל. זי האָט עס געהאַסט ווי קיינמאָל ניט פריער: זי האָט געפילט אַ האַס צו זיך אויך:

— וואָרום נעמט זי נישט אָן דעם גורל ווי אַנדערע?! . . .

— אָ, ניין! . . . האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן, — בעסער שטאַרבן! — ניין . . . ניין! . . . שוין בעסער זיין אַ מאַראַן! ווי די מאַראַנען אין שפּאַניע; אין פּאָרטוגאַל . . .

זי האָט פיל מאָל, אין איר איינזאַמקייט, אין איר צימער, ביטערע טרערן פאַרגאָסן. איצט האָט זי שלום גימאַכט, וואָרום זי האָט נישט געהייראַט דעם ערל, איר געליבטן . . . ערשט ייצט — האָט זי מסכים געווען, אַז עס וואָלט ניט געטויגט!!!

איר פאָטער איז גערעכט געווען, הגם ער איז געווען אַ האַלבער סאָציאַ־ליסט און אַן אַרבעטער רינג מעמבער און באַלאַנגט צו אַנדערע ראַדיקאַלע אָר־גאַניזאַציעס. זי האָט טאַקע די זעלבע נאַכט געשריבן אַ בריוו צו די עלטערן, וואָס זי האָט נישט געשריבן צו זיי — זינט זי האָט זיי דאָן פאַרלאָזן . . . זי האָט אַזוי גוט געפילט ווען זי האָט אָנגעשריבן זיי דעם בריוול: געוויינטלעך, האָט זי זיי פילע גוטע זאַכן צוגעלייגט — און אַז זי אַרבעט אין אַ טעלעפאָן קאָמפּאַ־ניע, און איז גליקלעך . . . ווען זי האָט פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט, — האָט זי זיך צעכליפּעט און איבערגעזאָגט:

— אַז אָך און ווי איז צו מיין גליק . . . זאָלן די נאַציס און קאָגליניטס אַזוי גליקלעך זיין — און אַ שפּיי גיטאָן אויפן צלם׳ל, וואָס איז געלעגן דערביי אויפן טישל.

אגב, האָט זי געפילט, אַז זי באַגייט ניט קיין חטא, — אדרבה, זי נאַרט די גויים! . . . אין מלחמה — נאַרט מען דעם פיינט אין אלע דרכים! איך בין אין מלחמה מיט זיי, — האָט זי אויסגעשריען.

יענע נאַכט האָט זיך אַלץ געביטן. — יאָ, פון היינט און ווייטער וועל איך לעבן גאָר אַ ניי לעבן. איך האָב זיך די אַלע יאָרן מיין קאָפּ אריינגעגראָבן ווי דער סטראַס־פויגל טוט, ווען ער איז אין געפאַר. ווען ער דערזעט אַ שנאה . . . איך האָב זיך אָפּגעטיילט פון דער וועלט, פאַראיינזאַמט. וועמען האָב איך מיט דעם אָפּגעטאָן? יאָ, וועמען? — זיך האָב איך עס אָפּגעטאָן! . . .

זי איז צו צום שפּיגל און זיך אָנגעקוקט; אָנגעקוקט — ניט ווי אַמאָל, — נאָר אויף אַן אַנדער אויפן:

— איך בין דאָך שיין, — האָט זי אויסגעשריען! — איך בין דאָך יונג! לעבן! איך וויל לעבן און קעמפן קעגן מיין פיינט! . . .

זי איז אַראָפּ אריינצוּוואַרפן דעם בריוו, וואָס זי האָט נאָר וואָס אָנגעשריבן:

— אָט, — האָט זי זיך צוטאַנצט, — אָט האָב איך געוואונען צוריק מיין טאַטן, מיין מאַמען, מיין פאַמיליע, שוועסטער און ברידער און פריינט! פריינט! לעבן זאָל דער היינט! . . . לעבן זאָל דער מאָרגן . . . „טהענק . . . יו גאָד!" . . .

האָט זי געזאָגט אין ענגליש און דער נאָך אין יידיש:—דאַנק דיר גאָט! . . . שמי ישראל! . . .

זי האָט שוין לאַנג ניט געלייענט קיין יידישע צייטונג. איידער זי איז ארויף אין וואָינונג, האָט זי גיקויפט אַ „פאָרווערטס":

— אריינקוקן אין אַ יידישן וואָרט . . . און אייך גויים וועל איך לייגן, שקרן! . . . וועל אויפזוכן יידישע פריינט — און אפשר . . .

אין דער פרי, צו דער עבודה, האָט זי באַגעגנט דעם פערוואַלטער, וואָס פלעגט תמיד אויף איר קוקן און שמייכלען . . .

האַלאָ, — האָט ער פריינטלעך, שמייכלענדיק געזאָגט צו איר, איר געגעבן די האַנט.

לאה'לען האָט זיך שיער אָפּגעריסן דאָס האַרץ. פון אָנפאַנג איז זי געווען צוטומלט און דערשראָקן. זי האָט אים געגעבן איר קליינע הענטעלע, וואָס האָט זיך כמעט גיטרייסלט פאַר פחד און שטיל ארויסגעמורמלט:

— העלאָ! — און שאַרף געקוקט אויף אים. זי האָט גיטראַכט, אַז ער מוז עפּעס וועלן פון איר . . . זי האָט גיטראַכט: וועט ער איר מאַכן נישט אַנ־שטענדיקע . . .

ער האָט איר איבערגעשלאָגן איר טראַכטן, און אָזאָגעטאָן:

— איך האָב אייך פון לאַנג . . . — האָט ער גענומען שטאַמלען . . .

— וואָס האָט איר גיוואָלט, — האָט זי אויך גענומען שטאַמלען. זי האָט געפילט, אַז ער איז ניט, וואָס זי האָט גידיינקט.

— וואָס האָט איר פון לאַנג גיוואָלט ריידן מיט מיר? איך האָף, אַז איר זוכט מיר קיין שלעכטס צו טאָן.

— וואָס פאַר אַ שלעכטס קאָן איך אייך טאָן? און פאַרוואָס זאָל איך אייך שלעכט טאָן?

— אָפּזאָגן פון מיין „דזשאָב"! פון מיין שטעלע . . .

— גאָט באַהיט. וואַרום פאַלט דאָס אייך איין? — איך פאַרשטיי, האָט ער פאַרכאָפּט.

— וואָס פאַרשטייט איר? ווייל . . .

— האָט קיין פּחד ניט, — האָט ער גיזאָגט דעם וואָרט, פּחד, אין יידיש . . .

— איר זייט אַ ייד? — האָט איר גענומען קלאַפּן אַצאַן אַן אַצאַן — אָדער אַ דייטש?

— שרעקט זיך נישט, — האָט ער גישמייכלט, — איך בין אַ ייד, און אין אייך, כאָטש איר האָט געטראָגן דעם צלם'ל, האָב איך דערקאָנט, אַז איר זייט אַ יידיש מיידל. ס'מאַכט ניט, וואָס איר נאַרט זיי אָפּ: איך נאָר זיין שוין פילע יאָרן: וואָס טוט מען נישט, אַז מען דאַרף מאַכן אַ לעבן? און אַז מען האָט קליינע קינדער צו „סופּאָרטן", אויסצוהאַלטן!

— איר האָט מיר ניי׳עם כּוח, ייצט, אריינגעגעבן! איר האָט מיר שיעור מיין האַרץ אָפּגעריסן, ווען איר זייט צו צו מיר. ווייסט איר וואָס איך האָב גי־

דיינקט? — איך האָב גידיינקט, אַז איר זייט אַן איטאַליענער. און איר האָט דערקענט, אַז איך בין אַ יידישע . . .

— געוויס האָב איך אייך דערקאַנט, אַז איר זייט אַ יידישע, — האָט ער מיט אַ זיס שמייכעלע זי אָנגעקוקט מיט צערטליכקייט: — זיי מאַכן אונדז אַזוי צו טאָן! וואָס קאָנען מיר זיך העלפן? זיי האָבן אָפּגעלייגט אַלע יידישע הענט; זיי האָבן פון פריער אויך ניטגעליבט קיין יידישע אַרבעטער, דאָך האָבן אַ פּאָר צענדליק יידישע הענט גיאַרבעט, נאָר זינט די אויפקום פון די נאַציס און די קאָגליניייטס, איז ביטער: איך האָב זיך אָנגיגעבן פאַר אַן איטאַליענער און אַ קאַטאָליק. איר זעט דאָך אין מיין לאַץ טראָג איך אַ צלם׳ל . . .

פאַלט נאָר ביי זיך ניט אַראָפּ, — האָט ער צו איר גיזאָגט, ווען זיי זיינען אריין אין „עלעוויטער״: — מיר וועלן נאָך זיי איבערלעבן . . . איר׳ט זען!

איר האַרץ איז פאַרדריקט געווען פאַר פרייט און זי האָט שטיל גערעדט צו זיך:

— שמע ישראל. איך בין אַ יידיש קינד און וועל תמיד בלייבן אַ יידיש קינד . . .

דורך מיטאָג צוביסן—„לאַנטש״, האָט ער מיט איר ווידער געשמועסט:

— זייט איר פאַרהייראַט? — האָט ער איר גיפרעגט.

— ניין. — האָט זי גיענטפערט און געקוקט אויף אים.

— וואו־זשע וואוינט איר? מסתמא מיט די עלטערן.

— מיינע עלטערן וואוינען אין שיקאַגאָ. כ׳לעב אין אַ צימער, ביי אַ יונגע פּאָרל.

— וואָלט איר, אפשר, גיוואָלט עסן אַ יידישן מאָלצייט, נאָך היינט באַנאַכט? היינט איז דאָך פרייטיג נאַכט: פיש, פלייש — אַ שבת׳דיקן מאָלצייט. מיין מוטער איז זייער אַ גוטע באַלעבאָסטע; פון פוילן קומט זי. זי איז אַ רעבעצן, מיין טאַטע איז אַ רב!

— און וואו איז אייער ווייב?

— מיין ווייב? — איז ער געבליבן שווייגן אַ ווײַלע, — שוין טויט צוויי יאָר. מיין מוטער גיט אַכטונג אויף מיינע צוויי קינדערלעך: אַ יינגל פינף יאָר און אַ מיידעלע צוויי יאָר.

— צוויי יאָר?

— זי איז געשטאָרבן. דאָס קינד, דאָס מיידעלע, איז געבליבן לעבן . . .

לאה האָט אָפּגיקערט די קאָפּ אויפן זייט און אַ וויש געטאָן די אויגן.

— איר האָט מסתמא שוין לאַנג נישט גיגעסן קיין אמת שבת׳דיקן מאָל־צייט, — האָט ער גיזאָגט.

— איך עס אין אָטאָמאַט, — האָט זי גיזאָגט. איך האָב נעכטן געטראַכט, אַז איך זאָל אויפזוכן אַ כשרן יידישן רעסטאָראַן: פריער, האָט עס מיר ניט גיאַרט, וואָס איך עס און וואו איך עס, נאָר דער צלם׳ל טרייבט מיך צו ווערן מער יידיש. איך קאָן גוט יידיש; איך בין דורכגעגאַנגען די אַרבעטער רינג שולע. איך האָב נעכטן גיקויפט אַ „פאָרווערטס״ און אָנגעפאַנגען צו טראַכטן צו ווערן נעאונטער מיט די יידישע געזעלשאַפטן: פשוט, נעאונטער מיט יידן צוזאַמען . . .

— וואָרום ניט קומען עסן אַ כשרן שבתדיקן מאָלצייט? — אַ שטיקעלע געפילטע פיש, אַ שטיקעלע אוף מיט לאָקשן זופּ. מיין מוטער האָט זייער ליב, אַז עמיצער קומט צו אונדז. עס קומען צו אונדז זייער אסך מענטשן. איר ווייסט

דאָך: — צום טאַטן, זײַנע עלטערע מענטשן פֿון זײַן שול, פֿון זײַן בית־מדרש. זיי קומען נישט פֿרײַטיק צו נאַכט, ניין; אויב זיי קומען, קומען זיי שבת, שבת בײַטאָג — צו ברכה, פֿאַר אַ ביסל בראָנפֿן מיט לעקעך; אַמאָל פֿאַר טשאָלנט, אַ נאַש. אגב נישט פֿרײַטיק ביי נאַכט. מײַן מוטער וואָלט זיך דערפֿרײט מיט אַ שבת־אורח; ס׳איז ביי איר אַ גרויסע מצוה, זי וועט אײַך בענטשן פֿאַר דעם — נחת־רוח, וואָס איר וועט איר פֿערשאַפֿן.

לאהלע האָט אויף אים גיקוקט מיט אַזויבע ווייכע, שײַנענדע אויגן. זײַן שטימע האָט אַזוי צאַרט און ווייך גיקלונגען, — פּשוט פֿון האַרץ גיקומען — אין זײַן געבעט איז געלעגן תּפֿילה . . . זי האָט זיך אַזש אַ טרייסל גיטאָן צו דערוואַכן. ווי אין אַ טראַנס איז זי געווען פֿאַר אַ רגע . . .

— וואָס איז מיט אײַך? — האָט ער איר גיפֿרעגט, — וואָס ציטערט איר אַזוי? . . .

— איך בין הונגעריג, איך פֿיל הונגער, — האָט זי אים גיזאָגט.

— טאָ קומט, — האָט ער זי גענומען אין אָרעם; איין גאַס פֿון דאַנען, אין דער צווייטער עוועניו, איז דאָ אַ כשר רעסטאָראַן, קומט!

לאה האָט געוואָלט אַרויסנעמען איר אָרעם פֿון זײַן האַנט; זי רעדט מיט אים דעם ערשטן טאָג; ווער ווייס, די מענער . . . ווער ווייס וואו ער פֿירט מיך? אגב האָט זי גיהאַט אַ פֿאַרגעניגן פֿון זײַן האַנט; אַ וואַרימקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר גאַנצן גוף . . . און זי האָט געזאָגט:

— אָבער איך וויל באַצאָלן פֿאַר מײַן עסן!

— ווי איר ווילט, — האָט ער זי ווידער גינומען אין אָרעם.

זי האָט אָפּגערוקט זײַן אָרעם און זיי זײַנען אין רעסטאָראַן אַרײַן.

ס׳איז געווען אַ קליינער רעסטאָראַן. איין רייע, קליינע טישלעך, און איינ־ציקע זיצפּלעצער. ביים „קאַנטער" איז געווען א רייע פֿון גידרייטע זיצפּלעצער. זיי האָבן זיך גיזעצט אין סוף פֿון רעסטאָראַן, וואו ס׳איז גישטאַנען אַ טעלעפֿאָן ביידל. קיין „ווייטער", קיין קעלנער, איז דאָרט נישט געווען, מען האָט גידאַרפֿט אליין באַשטעלן און אליין נעמען צום טישל, וואו מען זיצט.

— איר ווילט באַשטעלן? וואָס ווילט איר עסן? — האָט ער איר געפֿרעגט, געבענדיק איר די אויסשטעל קאַרטע.

— אָה, — האָט זי גיזאָגט, — אַ סענדוויטש מיט קאַפֿע.

— נעמט וואָס בעסערס. ווייסט איר גאָר וואָס? — איר וועט פֿאַרזוכן אַביסל פֿון מײַן עסן. איר האָט מסתּמא אין אויטאָמאַט דאָס ניט געזען און נישט גיהערט. איך האָב ליב — באָרשט און קאַרטאָפֿל („פּאָטייטאָס"). איר וועט זיך מחיה זײַן; איר וועט דערהערן די האַרץ, זאָג איך אײַך.

— אָקיי, — האָט זי גיזאָגט, — כ׳בין הונגעריק: טוט וואָס איר ווילט!

זי איז געזעסן און ער האָט איר צוגיבראַכט איר עסן און זײַנס. לאה האָט גענומען דעם סענדוויטש און אביס געטאָן, און דער ביסן איז געבליבן שטעקן אין איר מויל.

— וואָס האָט איר באַשטעלט פֿאַר מיר? וואָס פֿאַר א סענדוויטש איז דאָס?

— שווייצער קייז, — האָט ער גיענטפֿערט. — איז דאָס נישט גוט? איר האָט דאָך מיר גיזאָגט אַ סענדוויטש; איר האָט מיר נישט גיזאָגט אַוועלכן איר ווילט! . . .

— ס׳וועט זײַן גוט, — האָט זי גיענטפֿערט און גענעסן מיט אַפּעטיט. געגעסן און געטרונקען די קאַפֿע.

— איר ווייסט מיין נאָמען! — האָט זי גיזאָגט. און ווי איז אייער נאָמען? איך ווייס ניט ווי אייך אָנצורופן ווען איך רעד מיט אייך.

— זעט איר, מיין נאָמען האָט מיר געגעבן די מקרה, די געלעגנהייט, אָנ־צוהאַלטן מיין שטעלע. מיין נאָמען איז גילייני, מיין פאָטער איז רבי גילייני. גילייני קלינגט איטאַלעניש און איך קוק אויס ווי אַן איטאַליענער. זיי האָבן מיר געפרעגט, צי בין איך אַן איטאַליענער. דערזעענדיק ארום מיר די צלם׳־לעך, וואָס יעדער האָט געטראָגן, און אַזוי ווי איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט מיט איטאַליענער: אונזער שכן איז אַפילו געווען אַן איטאַליענער, האָב איך גיקאָנט אַביסל איטאַלעניש; האָב איך אים געענטפערט אין איטאַלעניש: געוויס בין איך אַן איטאַליענער.

— — איטאַליענער געפעלט אונדז גוט, נאָר יידן ליבן מיר ניט! — די „קייקס, ווי דאָנט לייק״! — האָט מען אים געענטפערט, און מען האָט מיר גיהייסן מאָרגן קומען צו דער עבודה.

— איר קאָנט פאַרשטיין, ווי איך האָב געפילט. איך גיי אַרבעטן מיט חיות, מיט וועלף, מיט שלאַנגען. מען רופט מיך משה, מאָזעס גילייני, האָב איך גיזאָגט צו זיך: אויב גילייני איזטוב, וועט מייק אויך זיין טוב. האָב איך זיך אָנגיגעבן: מייק גילייני, נאָר גאָט באַהיט, רופט מיך מיסטער גילייני. קיין מאָל ביים ערשטן נאָמען. ייצט ווייסט איר ווי איך הייס? . . .

— גאַנץ געוויס, מיסטער גילייני, און עס קלינגט טאַקע ווי איטאַלעניש! — האָט זי געזאָגט.

— נו ייצט פאַרזוכט אַ קאַרטאָפל מיט בוריקעס־באָרשטש; עס פאַרגייט אין יעדן אבר.

לאה האָט זיך נאָך געפילט הונגעריק, האָט זי גערן גענומען אַ קאַרטאָפל און אַ שפּאָטקע מיט באָרשטש, וואָס ער האָט פון פריער אָפּגעגאָסן פון זיין טע־לער, איידער ער האָט געגעסן.

— נו, גישמאַק? — זאָגט ער, — שעמט זיך ניט, — זאָגט, וועל איך באַ־שטעלן נאָך אַ פּאָרציע.

— ווייסט איר, מיסטער גילייני, אַז איך האָב היינט קיין פרישטאָג ניט גע־געסן, און טאַקע איבער אייך!

— וואָס הייסט איבער מיר?

— איר האָט היינט צוגענומען מיין צייט. איר האָט היינט פרי מיט מיר געשמועסט און איך האָב קיין צייט געהאַט פאַר מיין פרישטאָק צו עסן.

— אויב אַזוי, מוז איך גלייך באַשטעלן נאָך אַ פּאָרציע, — און ער האָט תכף באַשטעלט.

— איך מוז באַצאָלן פאַר אייך אויך, — האָט ער גיזאָגט, — דאָס איז מיין פסק פאַר לאָזן אייך הונגערן . . .

— נו, גוט, — האָט זי זיך קלינגענד צעלאַכט . . .

— נו, — זאָגט ער, — וועלן מיר היינט האָבן אַ שיינעם אורח צום טיש! וועט מיין מאַמע זיך דאָס דערפרייען. פשוט נחות האָבן . . .

— איך האָב אייך ניט געזאָגט, אַז איך וועל גיין, — האָט זי גיזאָגט, נאָר איך זע ווי ס׳גייט וועגן אייער מוטער׳ס מצוה פאַר אַ שבת־אורח, וועל איך גיין. יאָ, וואָס זאָל איך אָנטאָן, מיסטער גילייני?

— אָט דאָס וואָס איר טראָגט ייצט, וועט אויך זיין גוט. עס פּאַסט אייך זער אַלץ, וואָס איר טראָגט; מיר וועלן ביידע פון דער אַרבעט גלייך גיין אַהיים;

מאַכן דער מאַמען אַ סופּריז, אונדז אַלעמען דאָרטן. איר וועט פֿאַרשיינען די שטוב. ס'וועלן ברענען די ליכט אין די לייכטער שענער ווען איר וועט קוקן אויף זיי . . .

זייַנע ווערטער האָבן איר האַרץ פֿאַרדריקט ביז טרערן. דעם ערשטן טאָג אַז זי רעדט מיט אים, און זי פֿילט זיך, ווי זי וואָלט לאַנג, לאַנג אים גיקאַנט. ווי זיס ס'קלינגט זיין שטימע. זי האָט גיוואוסט, אַז ער איז אין איר פֿאַרליבט . . . און איך פֿיל אויך . . . אָט גיי איך זיין שטוב. נו, זאָל זיין צוליב זיין מוטער:— אָה, מאַמע, טאַטעלע! . . . זי איז ווי אין אַ טראַנס. וואָס ער זאָגט, איז זי מסכים. זי פֿלעגט מיט אַלימען זיך קריגן, אַפֿילו אויף אַ גלייכע זאַך פֿלעגט זי — גלייך ניט מסכים זיין. ער האָט זי גיהאַלטן אין אָרעם ווען זיי זענען ארויס פֿון רעסטאָראַן.

ווען זיי זיינען אריין אין אָפּיס פֿון בילדינג, האָבן שוין די מיידלעך זיך געשושקעט . . . און געכיקעט. — איינע האָט זיך אָפּגערופֿן:

— נעלי האָט אַפּנים היינט ניט געגעסן אין אוטאָמאַט!

— ניין, — האָט ער זיך אָפּגערופֿן, — איך האָב נעלין איינגעלאַדן צו גיין מיט מיר עסן „לאָנטש".

— זי האָט גלייך געפֿונען דעם האָניג־טייגל, — האָט אַ צווייטע געזאָגט . . .

— אָ, מאַכט זיך ניט נאַריש, — האָט לאה גיזאָגט, — אַז מען גייט ארויס מיט אַ מאַן, איז וואָס? דאָס איז די ערשטע פּאָר ווערטער, וואָס מיר האָבן גירעדט זינט איך אַרבעט דאָ.

— עי, מיידלעך, איך וויל וועגן דעם מער נישט הערן! איר הערט?! ניט אַ וואָרט! . . . ניט אַ וואָרט! איך זאָל אייך ווייטער דאָס נישט דאַרפֿן דערמאָנען. גייט צו דער אַרבעט! . . .

— און אַזאָג געטאָן אין איטאַלעניש: — „מאַמאַ מיאַ —וואָמען"! . . .

פֿון דער אַרבעט זיינען זיי ביידע נישט געגאַנגען צוזאַמען, כדאי ס'זאָל ניט צעשפּרייט ווערן, אַז נעלי און מייק, דער פּערוואַלטער, זיינען פֿריינט געוואָרן. ער האָט איר נאָך בעפּאָר געגעבן אַ צעטעלע, וואו זי זאָל וואַרטן פֿאַר אים. זיי האָבן גיאַרבעט אויף פּערצנטע גאַס, און גיליני האָט געלעבט אויף מעדיסאָן גאַס. זיי האָבן זיך צעזאַמענגעטראָפֿן אויף צענטע גאַס און ערשטע עוועניו. ער האָט גיוואָלט נעמען אַ טעקסי, נאָר זי האָט בעסער גיוואָלט גיין שפּאַצירן . . . זי האָט געפֿילט אַזוי גוט ווען זי איז געווען ביי זיין זייט! זי האָט דאָס אַפֿילו ניט געפֿילט צו איר אַמאָליקן געליבטן, — דעם ערל . . . פֿריער, אויך, האָט איר האַרץ אַציטערגעטון, ווען ער פֿלעגט אויף איר אַקוקטאָן, נאָר דאַן האָט זי דאָס נישט געחלומט . . . ווייל זי האָט גיהאַסט אַלימען, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט און גיטראָגן צלם'לעך . . . נאָר די לעצטע צייט, ווען ער פֿלעגט צו איר שמייכלען, האָט עפּעס געגעבן אַ שמייכל אין מוח און האַרץ . . .

— אפשר איז נאָך דאָ יידן, וואָס טראָגן צלם'לעך? אפשר? — זי וואָלט ייצט געשפּאַצירט די גאַנצע נאַכט . . .

— אָט דאָ זיינען מיר, — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, — דאָ וואוין איך.

ס'איז געווען אַן אַלט פֿינף־גאָריקע שטיין הויז, מיט דאָפּלטע נומערן: 5—103. דער קאָרידאָר איז געווען אַ שמאָלער, אַ לאַנגער, אגב ריין און ס'האָט געשמעקט מיט פֿייכקייט נאָך, וואָס מען האָט נישט לאַנג געוואַשן דעם קאָרידאָר און די טרעפּ'ן. אַ שטיקל קאָרידאָר פֿון דער פֿאָדערשטער טיר ביז דער צווייטער טיר איז געווען אויף ביידע זייטן ווענט בריוו־קעסטלעך פֿון די באַוואוינער, און אין יעדן קעסטל איז געווען אַזאַ מין טרייבל, וואָס מע פֿלעגט אַבלאָז טאָן,

און ס'פלעגט אריינפייפן אין דעם וואוינונג, וואס ס'האט באלאנגט די טרייבל, און דאן פלעגט מען זיך קאנען צוזאמענריידן. אויף יעדער בריוו־קעסטל האט יעדער געהאט זיין נאמען.

— אט, זעט איר, — האט ער אנגעוויזן אויפן בריוו־קעסטל, — אט איז דער נאמען: רבי גיליני . . . צוליב דעם, וואס מיין פאטער איז א רב, וואוינען מיר אויפן ערשטן שטאק. ער האט אבלאז־געטאן און געזאגט זיין מוטער, אז ער ברייגגט אן אורח פאר שבת . . .

ער האט זי גענומען אונטער ארעם און האט איר גיהאלפן די טרעפן א־רויף . . .

— ס'קלאפט דאס הארץ, — האט לאה גיזאגט: — אפרעמדער מענטש קומט עסן א שבת'דיקע וועטשערע אין א פרעמדער הויז . . .

— און נאך וואס א וועטשערע! — איר האט שוין לאנג אזא וועטשערע ניט געגעסן! . . .

די מוטער איז שוין געשטאנען ביים אפענעם טיר אן אויסגעפוצטע: א שבת'־דיקע מלכה און האט שמייכלדיק אזאג גיטאן:

— ברוך־הבא, אורחטע, ברוך הבא, טייערע אורח'טע. שלום! — האט זי איר גיגעבן די האנט. קומט, קומט אריין, מיט כבוד נעם איך אייך אויף, גע־בענטשט זאל זיין אייער קומען.

לאה איז אריין אין שטוב.

ס'איז געשטאנען אין עס־צימער א גרויסער טיש און ס'האט גיברענט אכט ליכט אין זילבערנע לייכטער. ס'איז גישטאנען א גראפין מיט א דונקל רויטן־וויין; ס'איז געלעגן א גרויסע געפלאכטענע חלה, איבערגעדעקט מיט א סאר־וועטקע; צושטעלטע טעלער מיט גאלדענע ראנדן און זילבערנע עס־געצייג: לעפל, גאפל, וכדומה; צוויי מיידלעך און צוויי בחורים פון פופצן ביז פינף־און־צוואנציק, זיינען געזעסן ביים טיש. דאס פינף־יאריקע יינגעלע האט נישט אראפ־גענומען זיינע אייגעלעך פון לאה'ען; דאס צוויי־יאריקע מיידעלע איז געזעסן שטיל, מיט א פינגערל אין מויל, און האט געשמייכלט צו לאה'לען . . . דער פאטער איז אריין פון צווייטן חדר; ער האט זיך איבערגעטאן, קומענדיק ערשט פון שול. ער האט געהאט א שיין בארד, נישט קיין לאנגע, א הויכער, שיין גע־בויטער מאן, מיט א בויגלעכן נאז, מיט טיפע אויגן; ער האט געטראגן א נאכט־ראק, פארגארטלט מיט א הויכע יארמעלקע . . .

— דאס איז מיין פאטער, — האט משה גיזאגט צו לאה'ן, און זיך געווענט צום פאטער: — טאטע, דאס איז אילין, איר יידיש נאמען איז לאה, זי ארבעט מיט מיר ביי דער טעלעפאן קאמפאניע.

— ברוך־הבא, — האט גיזאגט דער רב, און איר געגעבן די האנט: — שלום עליכם און א גוט שבת: — מאכט זיך היימיש! . . .

— און דאס זיינען מיינע צוויי שוועסטערן: יהודית און שרה'קע, מיין יינגערע ברידער, דוד, און דער דריטער פון מיר, יצחקל.

די קינדער זיינען אויפגעשטאנען און געגעבן די הענט לאהן, און לאה'לע האט גיברענט פון באגריסונג און התפעלות. אירע באקן האבן געבליט ווי בלו־מען . . .

— דאס זיינען מיינע צוויי קינדערלעך, — האט ער איר אנגעוויזן: — מיין זון אברהם, און מיין טעכטערל רות.

לאה איז צו צו דער מיידעלע און זי א קוש געטאן.

— צוזעצט זיך קינדער און איך וועל קידוש מאַכן, — האָט געזאָגט דער רב. מען האָט זיך צוזעצט, און מען האָט גימאַכט שטח פאַרן אורח.

— איך וויל זיצן לעבן דער שיינער מיידל, — האָט גיזאָגט די מיידעלע, רות.

— זייער שיין, מיין קינד. דו זיץ צעווישן טאַטן און דער שיינער מיידל; גוט!? — האָט געזאָגט די מוטער, די רביצין.

דער רב האָט גימאַכט קידוש, די מוטער האָט אָנגעגאָסן פון גרויסן בעכער אין די קיילעשקעס, וואָס איז ארום געשטאַנען. דער רב האָט געמאַכט אַ ברכה איבער דער חלה און האָט באַטונקט דעם ערשטן ביסן אין זאַלץ און זיך געזעצט רחבותדיק. די רביצן, די מוטער, האָט גיגומען טראָגן די געפילטע פיש; די יינגערע טאָכטער, שרהקע, האָט איר גיהאָלפן. ס'איז געשטאַנען זענעפט און רויטן כריין אויפן טיש און יעדער האָט גענומען, וואָס ער האָט ליב גיהאַט: מען האָט ווייניק גירעדט בעת אַ כילהן . . . נאָר פון אַיין געריכט ביז צווייטן, האָט מען זיך אַ־דורכגעוואָרפן מיט אַ וואָרט. דער רב האָט זייער אָפט גע'עניים'ט אויף לאה'־לען. זי איז געווען אַזוי שיין, אַז אַלע האָבן זי ליב געקראָגן. זי איז געזעסן ווי אַ קיניגן . . . אירע אויגן האָבן טאַקע, ווי משה האָט געזאָגט, וועט פאַר־ליכטיקן די שטוב. מיטן גרעסטן דרך־ארץ און מיט כבוד־גדול האָט מען זיך צו איר באַנומען

נאָכן עסן האָט מען אַביסל געשמועסט, זיך נאָכגעפרעגט, ווער זי איז, וועד ס'איז אירע עלטערן. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אין קורצן וועט משה, מאָזעס, אָדער מייק, ווי ער האָט זיך גערופן אין דער טעלעפאָן קאָמפּאַניע, וועט עפענען זיין אייגן אָפיס נאָך זיין עקזאַמען אַלעס „אַקאַנטן"; ער האָט זיך געלערנט אין נאַכטיקע קורסן אין סיטי קאָלעדזש.

דער רב און די רביצן און אַלע אין הויז האָבן לאה'לען גרויס כבוד פּער־שאַפט. זי האָט געשלונגען הייסע טרערן, און איר האַרץ האָט האַסטיק גיקלאַפּט פון נחות, וואָס זי האָט געקראָגן פון אַזאַ ליבלעכע משפחה.

— נו, — האָט גיזאָגט מאָזעס, — איך דאַרף דער גאַסט אַהיים אָפּפירן. מען מוז נאָך מאָרגן גיין צו דער עבודה. דערווייל בין איך דאָך ניט קיין רב . . . אגב, טאַטע, ווען איך וועל עפענען מיין אייגן אָפיס, בלי־נדר, וועל איך האַלטן פון שבת. אגב, בלי־נדר אין אַמעריקע, קאָן מען אַזאַ נדר אויף זיך ניט נעמען; אגב, וועל איך שבת ניט ארבעטן. איך וועל קאָנען מיין מלאכה טאָן אין זונטיק.

— זיי געבענטשט, מיין קינד: וועלן, איז אַ האַלבע מצוה . . . אַ גוטע נאַכט מיינע קינדערלאך. און איר, — האָט ער זיך געווענדעט צו לאהן, — זייט אַן אָפטער אורח, א בת־בית ביי אונדז, אלימען געפעלט איר דאָ, אפילו דאָס קליינע רות קלעפּט זיך צו אייך . . .

פאַרן אַוועקגיין, און ביי געזעגענען זיך, האָט די מוטער, די רביצן, מיט אירע שיינע רונדע ליפּן זי אַ קוש גיטאָן — און איר רונדער שיינער פּנים האָט געלויכטן פון נחת און גיזאָגט:

— איר האָט מיר פּערשאַפט דעם גרעסטן נחת־רוח, וואָס איך האָב ווען גיהאַט! גאָט זאָל אייך מצליח זיין. גייט געזונטערהייט און א יישר־כח; גיי מיין זון, גיי, באַגלייט דער חשובער אורח'טע.

זיי זיינען אַרויס פון הויז: זי אַגליקלעכע . . .

— מירן שפּאַצירן. איך וויל ניט פאָרן, — האָט לאה גיזאָגט. נאָכן עסן איז בעסער, אַז מען גייט זיך אַדורך, אויב איר זייט ניט קעגן, מיסטער גילייני.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן; גראַדע פאַרקערט, איך וויל שפּאַצירן! איך האָב ליב צוגיין. — ער האָט זי גענומען אין אָרעם.

— ווי געפעלט איך מיין משפחה, לאה'לע?

— מיר געפעלט עס גאָר, — האָט זי שטיל געזאָגט . . . מיר געפעלט עס גאָר: די שחינה רוט אין אַזאַ הויז; גאָט געוועלטיקט דאָ . . . איך האָב דאָך אַזאַ היים, אַזאַ משפחה גאָר נישט באַגעגנט. איך האָב גימיינט, אַז מיין טאַטע און מאַמע . . . אָבער זיי זיינען נישט געווען אַזוי פרום . . . דאָך האָבן זיי נישט גיוואָלט מיט גויים צופיל צו טאָן האָבן . . . און ייצט זע איך איין, אז זיי זיינען געווען יישר'דיק. איך וועל זיי שרייבן וואָס פאַר אַ משפחה איך האָב גיטראָפן, אַ הויז, וואו די שחינה רוט. אהבה געוועלטיקט דאָרט!

— אפשר געפעל איך אייך, לאה'לע?

— זי האָט געשוויגן אַ ווייַלע און גיזאָגט:

— אפשר, אויך? . . . ס'איז מאָדנע, — אַלץ אין איין טאָג . . . סע שווינדלט פאַר די אויגן . . .

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אין זיבעטע גאַס פאַרק. ס'איז דאָרט פול געווען מיט פאַרלעך באַזעצט . . .

— אזוי איז דער לעבן, מיין טייערע; אַלץ קומט, בהי־סח הדעת. אַלץ קומט אומדערוואַרטעט: גליק, אומגליק . . . מען דאַרף נאָר וויסן ווי אויסצענוצן די מקרה, די געלעגנהייט. דער גליק איז אַ גליטשיקע זאַך: פאַרזעסטו עס, אָדער שפּילסטו זיך מיט דעם צו לאַנג, — גליטשט ער זיך ארויס . . . אַי, אַי, אַי, — ס'העלפט ניט: פאַרלאָרן! . . .

— וואָרום האָט איר מיר געפרעגט צו איר געפעלט מיר? ווען איר וואָלט מיר נישט געפעלן, וואָלט איך צו אייך נישט געקומען. — געפעל איך אייך?! . . .

— אָ, יע: פון ערשטן בליק אויף אייך האָב איך אייך אין מיר איינגעזויגן: איך האָב גלייך דערקאָנט, אַז איר זייט אַ יידישע טאָכטער. נעכט בין איך נישט געשלאָפן, געטראַכט פון אייך; איר זייט פאַר מיר גישטאַנען ווי אַ מלאך אָן פליגלען. איך האָב געפילט אייער ווייַ, פאַר טראָגן דעם צלם'ל . . . וואָלט איר מיט מיר גיוואָלט חתונה האָבן? — און איז שטיל געבליבן. — איר וועט מער נישט דאַרפן טראָגן דעם צלם'ל . . . די קינדער קאָנען זיך האָדעווען ביי מיין מוטער.

—אָ, ניין, — האָט זי גיזאָגט, — די קינדער האָב איך ליב: די קליינע, רות . . .

— נו, זאָל זיין מיט מזל, — האָט ער זי צוגעדריקט צום ברוסט און זי באַשאָטן מיט קושן . . . לגמרי גיי מער ניט ארבעטן. אפילו מאָרגן ניט. — האָט ער זיך גיבעטן. — ווי איז דערווייַלע דיין פאַמיליע נאָמען, לאה'לע? . . .

— מיין צווייטער נאָמען איז דעלגין, לאה דעלגין: מיין פאָטער הייסט לייב־בער און מיין מאַמע הייסט חנה.

ער האָט זי אָפּגעפירט אַהיים און זי פיל אָנגיקושט . . .

—נו, גינוג, — האָט זי גיזאָגט, — דאַרפסט גיין שלאָפן. ס'איז שוין צוועלף אזייגער און איך וויל זיך אויך אויסרוען און ארומקלערן, וואָס ס'האָט מיט מיר פאַסירט: צי ס'איז ניט אַ חלום . . .

— אָ, ניין, מיין טייערע, ס'איז נישט קיין חלום, אלץ איז ווירקלעך, אַבסאָ־לוט! . . . און אַ גוטע נאַכט, און חלום פון מיר, — און זיך מיט איר ווידער צוקושט און איז פריילאַך אַוועק.

לאה זיצט קעגן שפיגל אין איר צימער און באַקוקט זיך: איך בין טאַקע נישט קיין מיאוסע. איז דאָס ניט א חלום? קאָן דאָס גליק קומען פּלוצים, אומ־דערוואַרטעט? . . . אָ, גאָט, פיר מיך אויפן גלייכן דרך. איך האָב אַזוי פיל צרות גיהאַט, אַזוי פיל ליידן. הונגער האָט מיך באַצוואונגען אַ צלם׳ל אָנצוטאָן. אגב מיין ערלעכקייט — אויסגעהאַלטן! . . . איך בין א יידישע טאָכטער און וועל פערבלייבן א יידישע טאָכטער. איך דאַנק דיר גאָט פאַר מיין זווג, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט, געבענטשט און געלויבן זאָלסטו זיין — אמן! מאָרגן טראָג איך מער נישט דעם צלם׳ל, — און האָט אים גישליידערט צום פאַדלאָגע . . .

זי האָט גענומען אַ קאָנווערט מיט א בויגעלע פּאַפּיר און האָט אָנגעשריבן עטלעכע שורות:

— ליבע טאַטע און מאַמע: איך בין נאָר וואָס א כלה געוואָרן צו אַ וואונ־דערלאָכן יונגן מאַן און אין קורצן גיי איך מיט אים חתונה האָבן. זיין פּאָטער איז אַ רב, און היינט האָב איך געגעסן ביי זיי אַ שבתדיקע וועטשערע. איך בין גליקלעך! . . . גליקלעך! . . . גרייט זיך צו קומען צו מיין חתונה. איך קוש אייך פון וייטן . . .

אייער טאָכטער, לאה.

די שטילע פרוי

משה לאָקש, — אַזוי האָט מען אים גערופן. ער איז געקומען אין ווילנע נאָך א ברעקל. פון וואַנענט ער איז געקומען, ווייסט קיינער ניט. ער איז גע־קומען מיט זיין מאַמען, זלאַטקע. דאָס גאַר, וואָס מען ווייסט וועגן אים.

משה לאָקש איז ייצט אַכט און אַ האַלב יאָר אַלט. מען האָט געשמועסט, אַז זיין מוטער האָלט ביי חתונה האָבן מיט לייבל דעם בעל־עגלה. לייבל אליין איז אַ שטאַרקער מאַנספּאַרשיין: אַ הויכער, אַ דיקער, מיט אַ פּאָר אייזערנע ידיים. אַ פּנים האָט ער געהאַט ווי אַ לייב, — טאַקע ווי אַ לייב, אַ נאָז אַ ברייטן, אייגן קיילעכדיקע, אַ באַוואַקסענער ביז האַלב דעם שטערן, און די געגרייזלטע בערדל ארום האָט אים געמאַכט אויסקוקן ווי אַ לייב.. אגב, אָנקוקנדיק אויף אים האָט מען געמיינט, אַז לייבל מוז זיין אכזר, אַ כעסן, אַז הארגענען אַ מענטשן ביי אים איז ווי אַראָפּשלינגען — אַ וואַרעניק. ווען ער איז געגאַנגען אויף דעם האַלצענעם טרעטואַר, וואָס איז געווען פון דריי ברייטע, דיקע, ברעטער, האָבן זיי גיקרעכצט אונטער זיינע שטיוול . . . די קינדער פלעגן אים רופן: רב לייבל־לייב, אָדער לייבל פורמאָן. יעדער פּערזאָן, פרוי, מאַנצביל, אָדער קינד, — האָט גיהאַט אַ צונאָמען, — דער הויפּט די קינדער . . . און אַזוי פלעגט שוין פער־בלייבן זייערע צונעמען ביזן קבר אריין.

זלאַטקע האָט געלעבט אָפּגעזונדערט; מען האָט נישט געוואוסט פון איר פערגאַנגענהייט; ווייבער האָבן רכלות געטריבן — גאָר אין אָנפאַנג:

אײנע האָט געזאָגט — אַ ממזר!

אַ צווייטע, — אפשר אַן אלמנה!

אַ דריטע, — אפשר אַן עגונה?

זלאַטקע אליין, ווען מען האָט איר אָנגערירט וועגן קינד, — האָט פאַר־דרייט די דיבורים:

— מוז איך אַלימען מיינע צרות דערציילען? וועט דאָס מיר העלפן? און פלעגט זיך צוקלאָגן.

און אַז זי פלעגט זיך צוקלאָגן, פלעגן די ווייבער אויפהערן זי צו פרעגן און נעגן, און זוכן אין אירע גידערים, — איר לעבנס געשיכטע — מיסטעריִ . . .

זי ווייגט שיין, דאָס הייסט, זי איז שוין אין ווילנע ארום זיבן יאָר. זי אַרבעט ביי דער זעלבער נייטערן, ביי רחלע קיטייעז. דאָרטן האָבן גיאַרבעט אַ סך מיידלעך און ווייבלעך.

זלאַטקע איז אַ דינינקע, נישט אַ מאָגערע, נאָר אַ דינינקע, מיט אַ קיילעך פנים. אַלץ איז געווען ביי איר קיילעכדיק: אויגן גרויסע, קיילעכדיק, שוואַרצע — ווי גרויסע קאַרשן. די בעקעלעך פוכקע קיילעכדיקע; אַפילו די ליפּעלעך, — פולע קיילעכדיקע; די מאָרדעטשקע אויך אַ קיילעכדיק, ווי אַ האַלבער אַפּ־ריקאָס. זי האָט ווייניק גערעדט: גיענטווערט אויף אַ פראַגע, — דאָס גאָר.

גיוואוסט האָט יעדער, אַז זלאַטקע טראָקט אַ געהיימעניש, און קיינער האָט מער נישט גיוואָגט פרעגן וועגן איר פערגאַנגעהייט, — ניט אַ דבר! . . .

דאָס קינד האָט זי דערצייגן מיט די גרעסטע צערטלעכקייטן. זי האָט גע־ווינט די אַלע יאָרן ביי לייבל פורמאַן אין אַ הינטער שטיבל פון איין הדר. זייער —יקר, זעלטן פלעגט זי גיין אין גאַס אליין. זי פלעגט פירן דעם יינגל אין תלמוד־תורה, און פלעגט אים קומען אָפּנעמען, ווען זי פלעגט גיין פון מלאכה.

משה־לאָקש האָט זיך צום נאָמען צוגעווינט און ס׳האָט אים שוין נישט גע־קימערט. קודם, האָט ער ביטער געפּילט, נאָר זלאַטקע, די מוטער, האָט אים אויפגעקלערט, אַז יעדער האָט אַ צונאָמען אין ווילנע: יעדער יינגל און יעדער מאַנצביל, — אַפילו ווייבער, — האָט זי אים פאַרגרינגערט זיין שווערן געמיט . . .

לאָקש, — האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען הויך און דין, ווי אַ לאָקש. אגב, אַ שיינעם קאָפּ ווי זיין מוטערס. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ הויכער זאַנג, אָדער דאָרן און אויבן אַ בלום . . . אַזוי האָט אויסגעקוקט זיין שיינער פנים. משה׳לע איז אויך געווען אַ שטילער און איז גיגאַנגען מיט געציילטע, שטילע טרעט.

* * *

לייבלס ווייב איז גישטאָרבן מיט אַ יאָר קאַריק. ער האָט גיהאַט פיר זין: גרויסע, שטאַרקע, ווי דער פאָטער. איינער איז שוין געווען פאַרווייבט, דער צווייטער האָט גידאַרפט בקרוב חתונה האָבן, דער דריטער איז געווען אַ צווילינג, פון אַיאָר פערצן. ביידע האָבן גיאַרבעט: איינער, אַ שטאָלער, און דער צווייטער אַ שלאָסער. דעם שטאָלער האָבן די קינדער גערופן שלמקע־קלאָץ, ווייל ער איז אַ שטאָלער, און דעם צווייטן, יעקב, — שלאָס, ווייל ער איז אַ שלאָסער.

לייבל פורמאַן האָט אָפּגעהיט יידישקייט. הגם ער איז געווען — ניט קיין בעל תורה־מאַן. ער פלעגט יעדן אין דערפרי אריינגיין אין שול דאַוונען. ער פלעגט לאָזן דעם פערד און וואָגן אין שול־הויף, און דעם טלית און תפילים פלעגט ער האַלטן אין שול. אַזוי אויך ביינאַכט פלעגט ער לאָזן דעם פערד און וואָגן אין שול־הויף, און פלעגט מערים דאַוונען אין שול. פריער, ווען זיין ווייב האָט געלעבט, פלעגט ער דאַוונען אומדערוואָכן אין שטוב, נאָר שבת און יום־טובים פלעגט ער גיין אין שול. זינט זיין ווייב איז געשטאָרבן איז אים לײדיק דאָס הויז — געווען אומעטיק. דער צווילינג האָבן קעסט געגעסן ביי די באַלע־באָטים. איז אים געווען נאָך מער אומעטיקער—שווער . . . שבת פלעגט ער גיין עסן צום באַווייבטן זון. דער חתון בחר האָט געגעסן ביי זיינע מחותנים.

זלאַטקע איז אַלט געווען אַרום עטלעכע און דרייסיק; לייבל פורמאַן — עטלעכע און פערציק־פופציק!

איז פונקט נאָכן יאָר האָבן זיך גענומען יאָווען שדחנים; מען האָט אים גענומען ריידן אַלטע מוידן, אַלמנות, — מיט געלט, — אָן געלט. לייבל האָט פון זיי נישט געוואָלט הערן.

לייבל פורמאַן איז געווען אַ פאַרמעגלעכער, האָט געהאַט אַן אייגן שטוב און אַפּאָר שטיבער אין הויף; האָט געהאַט צוויי פערד, צוויי וועגענער. ביינאַכט האָט ביי אים געדינט אַ גוי אויף אַ דראָזשקע און ס׳האָט אים נישט געפעלט די מזומנים אויך . . .

* * *

זלאַטקע, ווען זי פלעגט פערביי אדורכגיין לייבל פורמאַן, האָט איר האַרץ אַ צאַפּל געטאָן . . . זי פלעגט פיל מאָל קוקן אויף אים פון איר איין־איינציק פענסטער, וואָס ס׳איז געווען מיט אַ פאַרהאַנגל פאַרציייגן אין איר שטיבל־וואוינונג. פלעגט בליקן ווי ער שפּאַנט די פערד . . . זי האָט געליבט זיין שטאַרקן קערפּער, זיינע מוסקוליוואַטע הענט. ווען ער פלעגט אַהייבטאָן דעם וואָגן ווי ער וואָלט געווען אַ קינדער וועגעלע, און אָנשפּאַרן דעם אַקס אויף זיין קני, און אַראָפּנעמען דעם ראָד און באַשמירן מיט דזשעגעכץ, און אַלץ גיהאַלטן אויף זיין קני, ביז ער פלעגט קאַריק אָנטאָן דעם ראָד, און ערשט דאַן אַרונטערלאָזן דעם וואָגן. זי האָט הנאה גיהאַט צו קוקן אויף זיין האָריקע ברוסט און שטאַרק האָריק־באַוואַקסענע הענט, וואָס ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ מאַלפּע . . . זי דער־מאָנט זיך וועגן איר מאַן, יצחקל, — אַ דינס, ווי אַ לאָקש, — הוילע ביינער, דאָך האָט זי אים אַזוי געליבט . . . ער איז דאָך אַ גרויסער לערנער געווען. ער האָט זי אויך געליבט און געשריבן ליבעס־לידער פאַר איר. אַלע האָבן דרך־ארץ פאַר אים געהאַט: אַפילו דער רב האָט פאַר אים דרך־ארץ געהאַט. נאָר דאָ איז אָנגעפאַלן די כאָלערע און האָט אים אויסגעמאַטערט און אין צוויי טעג איז ער אויסגעגאַנגען. הוילע ביינער איז פון אים נאָר געבליבן . . . אַ סקעלעט איז פון אים געבליבן. זי האָט מער נישט געקענט לעבן אין ווילייקע, ס׳איז איר אומעטיק געוואָרן, אייננ . . . ס׳האָט איר שיער משוגע געמאַכט. זי האָט אַלץ פאַרקויפט פון אירע הויזאַכן, און איז אַוועק מיט משהלען קיין ווילנע . . . איאָר און אַ האַלב איז ער אַלט געווען.

ייצט, — זינט זיין ווייב איז געשטאָרבן, האָט איר נאָך מער געצויגן צו לייבלען . . .איר יונגער קערפּער האָט געמאָנט . . . ווי פייער האָט אין איר געברענט דער פערלאַנג נאָך דעם שטאַרקן עלטערן מאַן . . . ווען זיין ווייב האָט געלעבט האָט זי תמיד געצאָלט די דירה געלט צו איר, צו דער ווייב, נאָר אַז זי איז שוין ניט געווען, פלעגט זי טראָגן די דירה געלט צו דער מינוט, צו דער רגע. און בעת־מעשה, איז זי אויסגעגאַנגען פון תענוג, צו שטיין לעבן אים, רעדן צו אים. זי האָט איין מאָל שיעור זיך געוואָלט צודריקן צו אים, ווי אַ קינד צו אַ פאָטער. זי איז דאָך געווען אַזאַ קליינע און ער אַזאַ ריז . . . איר פלעגט אַזש נעמען שווינדלען אין קאָפּ .. . און איר גוף האָט גיברענט און געציטערט ווי קדחת . . .

זיין האַנט האָט איר באַרירט. זי האָט געפילט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז אַדורך איר קערפּער. זי איז געפאַלן אין אומאַכט, גע׳חלשט . . . שפּעטער, ווען ער האָט זי געלייגט אין בעט, האָט זי געפילט, אַז זי וועט אים בעטן . . . נאָר ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און זי האָט געפילט זיך ווי אַ קינד אין זיינע

אַרעמס . . . ווי אויף וואָלקנס וואָלט זי געפּלויגן . . . גליק—פּאַרגעניגן—גן־עדן . . . ווי ער האָט זי געקושט . . . געצערטלט ווי אַ קינד . . . און פון דאַן פלעגט זי קומען צו אים אַלע נאַכט, ווען שלמה׳קע פלעגט איינשלאָפן — ביז זי האָט דערפילט, אַז זי טראָגט זיין קינד אונטער איר האַרצן . . . און זי איז געוואָרן פאַרצווייפלט: לייבל האָט אויך נישט געוווּסט וואָס צו טאָן . . . ער איז אַרומגעגאַנגען, אַרומגעשפּאַנט און זיך געבראָכן די הענט . . .

— האָב מיט מיר חתונה, — האָט זי זיך געבעטן ביי אים, — אָדער כ׳וועל זיך נעמען דאָס לעבן! . . . כ׳וועל שטאַרבן איידער די בושה, — האָט זי געקלאָגט . . .

— איך וועל גיין צום רב, — האָט ער איר געזאָגט, און זי צוגעדריקט צו זיך ווי אַ פאָטער שטילט איין אַ קינד, — איך וועל גיין צום רב, ער וועט אונדז חתונה מאַכן, ער וועט אונדז חתונה מאַכן. שבת וועל איך מיט אים ריידן . . . זיך דורך שמועסן וועגן עניון . . .

* * *

שבת נאָכן דאַווענען איז לייבל פורמאַן צו צום רב און געבעטן אים אַ טובה־לע: ער וויל זיך מיט אים אַדורכשמועסן. ער האָט אים פאַרטרויט, אַז ער וויל, ער זאָל ווערן אַ שדכן פאַר אים. ער וועט אים טוב באַלוינען.

ביים רב אין הויז האָט אים דער רב געפרעגט:

— וועמען האָט איר בדעה, אין מחשבה, אין זינען, רב לייבל?

לייבל האָט גענומען שטאַמלען, — זיינע דיבורים האָבן זיך געפּלאָנטערט. ס׳האָט גענומען אַ היפּשע ווילע ביז ער האָט איר נאָמען אַרויסגערופן — אַרויסגעזאָגט . . .

דער רב האָט אָהויבגעטאָן די קאָפּ און אָן עפּנגעטאָן זיין מויל און האָט אים אָנגעקוקט:

— זי איז דאָך, — האָט ער אויך גענומען שטאַמלען, ביז ער האָט אַרויסגעשטאַמלט, — זי איז דאָך אַ צו יונגע, רב לייבל! . . .

לייבל האָט צושפּרייט זיינע גרויסע ידיים, ווי ער וואָלט אים געבעטן הילף. אָן ווערטער האָט ער גירעדט מיט די הענט, מיט די ליפּן, נאָר אָן דיבורים, אָן לשון, מיט בעטנדיקע אויגן, ווי ער וואָלט צו אים גיזאָגט: — איך האָב זי ליב! . . .

דער רב האָט אריינגענומען זיין לאַנגע באָרד אין האַנט און איין פינגער האָט ער אַרויפגעלייגט אויף זיין נאָז און האָט זיך פאַרמחשבה׳ט, געשאָקלט מיט ראָש: פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס. ער האָט גענומען אומשפּאַנען איבערן חדר.

— ווי קומט איר צו דער מחשבה, ר״ב לייבל? האָט איר אויף וואָס צו בויען איז דאָ אַ שטיקל פונדאַמענט אויף וואָס צו בויען? אויב איר רעדט וועגן איר, מוז דאָך דאָ, יאָ, עפּעס זיין? . . . רעדט, רב לייבל! האָט עפּעס געשען? זי וואוינט דאָך ביי אייך אין דער הינטער שטיבל; קול־בכי, אין אייערע דיבורים, רב לייבל! . . . אַזוי פאַרזאָרגט! . . .

— רבי, — האָט ווידער גענומען שטאַמלען לייבל פורמאַן, — רבי, זייט מיין שדכן, איך וועל אייך גוט באַלוינען . . .

— זי איז דאָך, כמעט, אייער טאָכטער צו זיין . . . לא יאָמן כי יספר.

— ניין, רבי, זי איז עטלעכע און דרייסיק . . .

— און איר, — אַרום פופציק, יאָ?!

— נייען און פערציק, רבי.

— און ווי אַלט איז זי, זאָגט איר?

— איין און דרייסיק! — אָדער צוויי און דרייסיק!...

דער רבי האָט ווידער אריינגענומען די באָרד און געשקראָבעט מיט די ציין די אונטערשטע ליפּ און שאַרף אריינגעקוקט אין זיינע גרויסע אויגן:

— פון וואַנען נעמט איר, אַז זי וועט אייך וועלן? זי איז און קוקט דאָך אויס ווי אַ מיידל, ווי אַ יונג מיידל!...

— זי האָט דאָך אַ זון פון נייען יאָר, רבי. ביי מיר וועט זי האָבן אַ היים, אַ טאַטע פאַר איר זון, פאַר איר קינד, — זיין אַ באַלעבאָסטע. זי איז דאָך אַזאַ עלנטע, אַזאַ שטילע — ווי אַ טויב...

— רב לייב, איר מוזט מיר הוריע זיין, — אויסזאָגן, — נאָר דעם אמת!... איז וואָס געשעען צווישן אייך?... זייט זיך מודה־ומתודה!...

לייבל האָט ווידער גענומען שטאַמלען און האָט אויסגעשריען:

— רבי, וואָרום מאַטערט איר מיך? איך בעט אייך צו זיין מיין שדחון. איך וועל אייך גוט משלום־זיין! וואָס נאָך ווילט איר? וויפיל שדחנות איר זאָלט נישט בעטן!...

— מוז זי מיט אייך חתונה האָבן, רב לייבל? מוז זי?... וועט זי? — זאָגט?!

— זי וועט, רבי! זי וויל, רבי!... ראַטיווועט אונדזביידן, זייט מרחם, רבי!...

— אַזוי? — האָט דער רבי גיעפּנט זיין מויל מיט פּליאה, — איז דאָס הייסט שיין?...

— רבי, איך בין אַ שטאַרקער מאַן; אַ מאַן מוז האָבן אַן אישה! דער הויפּט איך!... איך קאָן ניט לעבן אליין. איך האָב אַ הויז, אַ שטוב מכל־טוב. ווי קאָן איך לעבן אליין, רבי? יעדע נאַכט — פּילע נעכט, האָב איך שווערע חלומותן... גאָט זאָל נישט שטראָפן... זי איז צו מיר אריין באַצאָלן דירה־געלט... איך האָב קיין שלעכטע מחשבות ניט געהאַט... ניט גיהאַט, רבי... מיין האַנט האָט אירע באַרירט, זי האָט אַ ציטער געטאָן: אַ מאָדנער ציטער איז מיר אַדורך פון איר באַרירונג איבער גאַר מיין גוף... זי איז געפאַלן אין חלשות... אָט, צום פאַדלאָגע... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן... זי האָט גיעפנט די אויגן און ליבלעך געשמייכלט... איך האָב זי אויפגעהייבן און געלייגט זי אויפן בעט... נאָר זי אָפּצורוען... איך האָב איר צוגעטראָגן אַ גלאָז וואַסער... איך האָב ווידער באַרירט איר האַנט און ווידער איז אַ בליץ דורך מיין גוף... און — און — גאָט איז מיין עדות, רבי. איר מוזט אונדז הצל־זיין: זי און מיר פון בושה!...

— איז זי מעוברת?

— יאָ, רבי, — אין צווייטן חדש... העלפט מיר, רבי; העלפט אונדז, רבי, מען זאָל ניט וויסן, אַז — אַז...

— טוב, רב לייבל: זי וויל מיט אייך חתונה האָבן? וואָלט זי וועלן מיט אייך חתונה האָבן?

— איר פרעגט רבי אַזוינע קשיות? זי גייט ארום אַ משוגענע... זי וויל זיך נעמען דאָס לעבן... געוויס וויל זי חתונה האָבן מיט מיר!... איך געפעל איר אויך... זי האָט זיך ניט געוועהרט...

— דאָס קינד מוז האָבן אַ נאָמען, — האָט דער רב גירעדט צו זיך אליין.

ער האָט זיך אַ שטעל־געטאָן, דאָס קינד, דאָס קינד! — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— רבי, העלפט! העלפט, — האָט לייבל גינומען דעם רב׳ס האַנט, — העלפט, רבי! . . .

— איר זייט ווערט מלקות, רב לייבל. אַ מאַן אין אייערע יאָרן! . . .

— רבי, איך בין נישט קיין אַלטער מאַן און איך וויל זי נעמען פאַר מיין ווייב!

— איר ווילט? ווארום זאָלט איר נישט ווערן? . . .

— רבי, שטראָפט מיך, קנס׳ט מיך: וויפיל זאָל איך געבן פאַר קהל? . . וואָס אייער קנס וועט זיין, וועל נאָכקומען, — העלפט!

— נו, גוט! — האָט גיזאָגט דער רב, — קומט אין בית־מדרש, קומט!

— ניין, רבי, איך וויל מ׳זאָל ניט וויסן, וואָס ס׳האָט גיטראָפן! . . . וואָס האָט געשען . . .

— קומט אין בית־מדרש, לייבל! — האָט ער זיך געבייזערט.

— רבי, טוט מיר נישט אָן קיין בושה, קיין חרפה. פאַר מיר, רבי, אַרט מיך ניט, הגם, כ׳האָב דאָס כשר פאַרדינט, אָבער זלאַטקע, אַ ממזר! אַ שם־רע! . . .

— ס׳וועט ניט זיין קיין שם־רע, רב לייבל: סוועט אייך קאָסטן קן קערב־לעך! איר הערט רב לייבל?

— אוי! . . . האָט לייבל אַ קרעכץ געטאָן און זיך פאַרטראַכט, — נו, רבי, איך נעם אייער משפט אָן: זאָל עס אויסגיין צו געלט!

— נו, קומט אין בית־מדרש וועל איך מודעה זיין, אַז רב לייבל גייט חתונה האָבן מיט זלאַטקין און דער חתן איז מנדב — פאַר קהל — קן־קערבלעך און ס׳וועט זיין אַ גיל־ואשמח . . .

* * *

אין שול האָט די בייעס אויפגעוועקט דעם גאַנצן מצב, דעם גאַנצן ישוב. נאָך מעריב, נאָך הבדלה האָט מען טאָקע גישטעלט חופה פון זלאַטקען מיט לייבל פורמאַן . . . דער רב האָט אויך זיך משמח־געווען . . . און געוואונטשן חתן־כלה מיט פריה ורביה און מען האָט פערבראַכט ביז שפּעטן, טיפן נאַכט אריין . . .

ווען פאַר זלאַטקין האָט זיך גיענדיקט, — אָגיל ואשמח׳דיק, האָט זיך פאַר משהלען ערשט אָנגעפאַנגען זיינע צרות, נישט ווילע עפּעס האָט אים חלילה גיפעלט. לגמרי ניט. לייבל פורמאַן האָט אים פּשוט ליב באַקומען, נאָר עפּעס האָט משהלע פאַרלאָרן, וואָס די גרויסע האָבן דאָס ניט אָנגיזען, נישט געפילט, נישט פערשטאַנען. לייבל האָט אים אָפּט גאַנץ גינומען אין שול, געפירט מיט זיך, ווי ער וואָלט געווען זיין קינד. האָט אים גערופן זון — קינד. ער פלעגט אים פאַרשטעלן: — דאָס איז מיין זון; דאָס איז מיין קינד.

משהלען איז געווען שווער זיך צוגעוויינען, אַז ער דאַרף לייבלען רופן: טאַ־טע; כל־ימים איז ער געווען דער איינציקער מאַנצביל פאַר זיין מוטער. זי האָט אים אָפּגעהיט ווי אַן אבן־טוב און ער האָט זיך געפילט, אַז ער איז געווען דער באַשיצער פון זיין מאַמען. און יעצט האָט זיך דאָס אַלץ געביטן . . . ער וואָלט אַלץ מוחל געווען: די שיינע בגדים, וואָס לייבל האָט אים איינגעקויפט, וואָס לייבל נעמט אים אין שול, ווי זיינס אַ קינד, וואָס די קינדער קוקן אויף אים, ווי ער איז אויפגעקומען, ווי ער איז אַן עושר געוואָרן. ער האָט געבענקט נאָך די אַלטע, פריערדיקער, מאַמעס ליבע און לאַסקעס. ער האָט געבענקט נאָך דער

מוטערס זיפצן און דאגות, וואָס אַלץ איז אָנגעקומען מיט שווערע מי; ווען אַלץ האָט געפעלט . . . וואָס תמיד איז ער געלעגן ביי איר זייט; וואָס תמיד האָט זי מיט אים גידברט, ווי ער וואָלט געווען דער קליגסטער, דער חכם אין דער פאַמיליע:

תמיד האָט זי זיך מיט אים מישב געווען, וואָס צו קויפן, וואָס צו קאָכן, און מיט אים אומעטום גיגאַנגען, — אָן אים איז זי ערגיץ נישט ארויס, האָט אים קיינמאָל נישט געלאָזן אַ טראָט טאָן, ניט מיטצוגיין מיט אים.

די מוטער איז ייצט פאַרנומען מיט אַ גרויסן הויז: קאָכט, באַקט, רייניקט, און זי שלאָפט שוין ניט לעבן אים. עס פעלט אים איר נאָענטקייט. ער האָט מורא צי שלאָפן אליין אין דעם באַזונדער חדר אויף דער ווייכער בעט. עס פחד אים די ווייכע פערענע, וואָס וואַרפט אים אריין ווי אין אַ קופּע היי. ער ווערט פאַרלאָרן אין דער גרויסער בעט . . . פילע נעכט פלעגט ער אָפּוויינען אין דער שטיל און ניט קענען איינשלאָפן. אלערליי, ווילדע, געשטאַלטן פלעגט זיך אים פאָרשטעלן. פילע שרעקלעכע חלומותן האָבן אים געמאַטערט . . .

ס'פלעגט טרעפן נאָך אַ ווילדן חלום פלעגט ער זיך צעשרייען, און די מוטער איז צו אים געקומען אין חדר און פלעגט זיך זעצן ביי זיין זייט און אים איינדעקן און באַרואיקן. ער פלעגט זיך בעטן ביי איר זי זאָל שלאָפן מיט אים אין איין חדר.

איין מאָל, האָט ער איר געפרעגט, ווען זי איז געווען אין די הויכע חדשים:

— מאַמע, זע ווי פעט דו ביזט געוואָרן. ער פלעגט זען אַנדערע פרויען אויך מיט הויכע בייכער. אגב ס'איז אים פרעמד געווען, וואָס דאָס באַטייט:

— איך וועל דיר ברייגגען אַ ברודערל, אָדער אַ שוועסטערל, מיין זון — פלעגט זי אים פארדרייען מיט רייד, — וואָס וואָלסטו וועלן האָבן, א ברודערל, אָדער אַ שוועסטערל? . . .

ער פלעגט שווייגן. ער האָט אַמאָל גילערנט וועגן מעברת פון אַ פרוי. יאָ, רות איז מעברת געווען, ווייל זי איז געשלאָפן מיט בועזן. אויך האָט ער זיך דערמאָנט וועגן שרהן. יאָ, די מלאכים האָבן גיזאָגט אברהם'ן, אַז שרה וועט האָבן אַ זון. שלמה'קע, זיין חבר'ס מוטער, האָט אויך גיהאָט אַ הויכן בויך, און ווען זי האָט גיהאָט דעם רויטן ברוכלען, האָט זיך דער בויך איינגעצייגן. משהלע האָט געגומען באַגרייפן: זיין מאַמע שלאָפט מיט לייבל פורמאַן אין איין בעט . . . און אז אַ נקבה שלאָפט מיט אַ זכר, ווערט דער בויך אַ הויכער . . . ער האָט נאָך אַלץ ניט באַגריפן, — נאָר ער האָט שוין געוואוסט, אַז די מאַמע טראָגט אַ קינד אין בויך, — די מאַמע איז טראָגעריג. ער האָט פיל מאָל גיהערט, אַז אַ פרוי טראָגט . . . טראָגעדיג . . . זי טראָגט אַ צווילינג . . . עס האָט גענומען מלאכהנען זיין מוח; דער הופט, ווען ער פלעגט נישט קאָנען שלאָפן, פלעגט דער מוח ארבעטן:

— וואָרום האָט אים די מאַמע פאַרלאָזן און איז אַוועק שלאָפן מיט לייבל פורמאַן? וואָרום וויל זיין מאַמע איך זאָל רופן לייבל פורמאַן — טאַטע? וואָ־רום?!! וואָרום האָט ער פריער אים ניט גערופן טאַטע? עס האָט גימלאכה'ט אַ מיל אין ראָש . . . שעהן פלעגט ער ליגן און זיך וואַרפן פון איין זייט אויפן צווייטן זייט. זיין קליין הערצל האָט אים רו נישט גיגעבן: וואָרום האָט זי מיך פאַרביטן פאַר לייבל פורמאַן? מיר פלעגן ביידע זיצן. איך פלעג פאַר איר דערציילן, וואָס איך האָב גילערנט אין חדר. פון אדם און חוה. ווי גאָט האָט זיי ארויסגעטריבן פון גן־עדן; פון הבל און קין. און ייצט האָט זי חתונה גיהאָט

מיט לייבל פורמאַן, און שלאָפט מיט אים אין איין חדר, און קאָכט און וואַשט פאַר אים! . . . זי האָט דאָך פריער אַזוי שווער נישט גיאַרבעט. מיר האָבן גיוואוינט אין איין חדר. ייצט דאַרף זי רייניקן זעקס חדרים: שקראָבן זעקס בריקן, וואַשן לייבלס העמדער . . . טראָגן אין מאַרק זיין וואַרעמס . . . וואָרום האָט זי דאָס גיטאָן? וואָרום? . . .

ער האָט דאָס אַמאָל גיפרעגט זיין מוטער — און זי האָט אים גיענטפערט:

— דער פאַר, מיין זונעלע, ווענסטו האָבן אַ ברודערל, אָדער אַ שוועסטערל . . . זע, מיין קינד, זע ווי שיין דו ביזט ייצט . . . שיין באַקליידט . . . גייסט מיטן טאַטן אין שול . . . ער פירט דיך פאַרן האַנט . . . דו ביזט זיין קינד — ייצט . . . ער רופטדיך — זון! קום מיין קינד, קום מיין זון . . . יעדער קינד דאַרף אַ טאַטן! . . .

— אָבער ער איז אַ שטיפטאַטע! . . .

— בעסער אַ שטיף־טאַטע, ווי גאָר קיין טאַטן ניט! . . .

אזוי האָט זיך געצייגן חודש נאָך חודש. איין מאָל האָט ער דערהערט זיין מאַמען שרייען! ווייבער זיינען אריין אין שטוב, און איינע, אַן אַלטע באָבע, האָט זיך גיפּאָרעט ארום איוזן, און לייבל האָט גיקאָכט אַ גרויסן טאָפּ מיט וואַסער. אַלע ווײַלע איז די באָבע אריין צו דער מוטער אין חדר מיט וואַרימע האַנטיכער . . . און די גישרייען האָבן דערגרייכט צום הימל.

משהלע האָט ביטער גיוויינט און געשריען. ער האָט זיך געבעטן מען זאָל אים צולאָזן צו דער מוטער, נאָר די באָבע האָט נישט ציגעלאָזט. לייבל האָט אים גענומען פאַרן האַנט, האָט מיט אים איינגעטענה׳ט און צוגעדריקט צו זיך, ווי אַן אמת׳ער פאָטער . . . האָט אים אָפּגעווישט די טרערן, אים אויסגעשנייצט די נאָז . . .

די גישרייען פון דער געווינערן האָבן דעם הימל גיהייבן. משהלע האָט ביטער געקלאָגט:

— וואָרום לאָזט מען מיך נישט צו צו מיין מאַמען? וואָס טוט איר אַזוי ווייִ, דאָס זי שרייט אַזוי שטאַרק, — טאַטע? . . .

— קום שלמה׳קע, מירן גיין זאָגן תהלים, מירן גאָט בעטן, אַז אירע ווייִ־טאָגן זאָלן אויפהערן. — קום מיין קינד.

ער האָט גענומען אַ תהלים און איז מיט שלמה׳קען אריין אין זיין חדר און שלמה׳קע האָט זיך אריינגעלייגט אין בעט און לייבל האָט ביטער, מיט טרערן, גיזאָגט: „מזמור לדוד״. און אַ כליפּ האָט זיך פון אים ארויסגעריסן מיט אַ הייזע־ריקן גיוויין.

משה׳לע האָט זיך צוגעטוליעט צו לייבלען און אויך ביטער גיוויינט . . ער האָט ייצט דערפילט, אַז לייבל איז עפּעס מער ווי אַ פרעמדער . . . ער ווײנט פאַר די די יסורים, די ליידן פון זיין מאַמען . . . עפּעס האָט אין זיין הערצל אַצי־געטאָן; אַנאָענטקייט — האָט ער זיך דערפילט — און האָט זיך שטאַרקער געדריקט צו לייבלן, כמעט ווי ער וואָלט זיך געדריקט צו דער מאַמען . .

פלוצים האָט זיך דערהערט אַ געשריי, ווי אַ ווילדער אָקס וואָלט געראָוועט און ס׳איז שטיל געוואָרן פאַר אַ ווײַלע, — און אַ קוויטש פון אַ קינד האָט זיך דערהערט! . . .

— משה׳לע, — האָט לייבל, מיט פריידיקע טרערן צוגעדריקט דאָס יינגל, — דו האָסט אַ ברודערל, משה׳לע, — אַ ברודערל! . . .

די באָבע איז אריין אין משה׳לעס חדר:

— מזל־טוב רב לייבל! אַ ייִנגעלע . . . אַ ייִנגעלע . . . וואָס פאַר אַ ייִנגעלע! . . . . — אַ מאַנצביל! אַ בחור, שוין איינמאָל אַ בחור; ער וועט אודאי צוועלף פונט, אויב ניט מער! . . . שוין איין מאָל אַ יאַטל! . . .

— מיין אָרימע ווייב! דערפאַר האָט זי אַזוינע יסורים גיהאַט. קאָנען מיר אַריין זען די קינפּעטאָרן, באָבע?

— גייט, גייט! און דו, שלמה׳לע, האָסט שוין אַ ברודערל! אַ ברודערל האָסטו שוין! . . .

— מיין מאַמע — לעבט? . . . נישט געשטאָרבן? — וואָרום איז זי פלוצים שטיל געוואָרן?

— געוויס לעבט זי און זי זויגט שוין דיין ברודערל, — דעם פּרעסערל . . .

— דאַנק צו גאָט, וואָס ס׳איז מיט מזל און בשלום דורכגעגאַנגען, — האָט לייבל מיט טרערן גיזאָגט.

— גייט, קוקט זיי ביידן אָן; גייט, גייט, זי מוז וועלן זען משה׳לען; גייט אַריין, נאָר רעדט נישט צופיל מיט איר . . . ווינטשט איר מזל־טוב און גיט איר אַ קוש . . .

משה׳לע איז יענע נאַכט ווייניק געשלאָפן. ער איז געשלאָפן מיט לייבלען. ער האָט ניט גיקענט באַגרייפן, וואו איז דאָס גרויסער יאַטל געלעגן אין דעם בויך פון זיין קליינער מאַמען? . . . ער האָט נישט גיקענט באַגריפן די מיסטעריע פון דער נאַטור . . . נאָר ער האָט דערפילט, אַז דער גאַנצער לעבן האָט זיך געביטן, אַז ער איז ניט אַ יחיד אין שטוב . . . אַז דער קליינער נפשל וועט פאַר־נעמען מער מקום אין שטוב: אים וועט מען שוין פאַרזען . . . זיין אָרט וועט פאַרנעמען זיין ברודערל . .

— ווי רופט מען אים? — האָט ער גינומען וועקן דעם פאָטער, לייבלען:

— טאַטע, טאַטע!

— וואָס איז, מיין קינד, — האָט ער זיך איבערגעדרייט, האַלב שלאָפנדיק.

— וואָס מיין קינד?

— טאַטע, ווי הייסט מיין ברודערל? ווי זאָל איך אים רופן?

— מאָרגן, מיין זון, שלאָף ייִצש! ביזט אויסגעמאַטערט. מאָרגן וועט די מאַמע דיר זאָגן, ווי ער וועט הייסן, — שלאָף, ביזט מיד! . . . שלאָף מיין קינד און איך בין אויך מיד . . .

שלמה׳לע איז טאַקע מיד געווען. אַ רואיקייט האָט אים באַוועלטיקט און ער האָט געפילט ווי אַ מלאך־האַנט האָט צוגעדעקט די דעקעלעך פון זיינע אויגעלעך און ער איז זיס איינגעשלאָפן . . .

דאָרט אַ בוימעלע

דאָרט אַ בוימעלע אין גאָרטן, ערשט געבליט נישט לאַנג;
ערשט געוועזן פול מיט פּורות, מיט פויגל און געזאַנג.
קוק איך, טראַכט איך, ווי מיין לעבן, איך בין אויך אַזוי געווען.
אין חלומות זיך פאַרוועבן, די ווירקלעכקייט פאַרזען.
דאָרט אַ בוימעלע אין גאָרטן, דאָרט אין מיר מיין גוף:
מיינע פּורות בלויז חלומות, — כ׳הער אַפרעמדן רוף . . .

ייציקל שטאָלער

ייציקל, אַ קליינער מענטשעלע, מיט אַ מאָגער, לאַנגן פּנים, אַ פּנים, ווייס, ווי ער וואָלט קיין בלוט אין זיך ניט פאַרמאָגט. האָר אויפן קאָפּ האָט ער פאַר־מאָגט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון זיין יאַרמולקע און אויך שיטערע. אַ שטערן האָט ער געהאַט אַ בכבודיקן. שלייפן כמעט ווי הערנער וואָלטן ארויסגעשטאַרצט. הויך רוחבות׳דיק, ווי ביי א יונגען אָקס, ווען ס׳הייבט זיי אָן ארויסצוגיין די הערנער. אויגן איינגעגראָבענע ווי לעכער, דער געבויגענער נאָז האָט דער־גרייכט כמעט ביז דער אונטערשטער ליפּ, — אָן עכט טיפּיש ייד. אין כלל פון וויטן האָט מען געקאָנט דיינקען אויב ס׳איז גאָר אַ סקעלעט. ווען ער איז גע־שטאַנען פערטראַכט און אויף איין מקום.

ייציקל, הגם ער האָט אַזוי חולה אויסגעזען, האָט געהאַט גראָדע אַפּאָר ידיים פון אַ גיבור. זיינע הענט האָבן גאָר נישט באַלאַנגט צו זיין גוף, פלעגן יידן זאָגן:

— אַ קליין, דאַר מענטשעל האָט הענט פון אַ שמשון־הגבור.

— ווי קומט עס, — האָט אים איין מאָל געפרעגט זיינער אַ פריינט, דודל לעוו, אַ יונג מיט ביינער, וואָס פלעגט אַוועקלייגן אַן אָקס, — ווי קומט עס צו דיר? דו ביזט דאָך ארום פינף־און־פערציק און דו עסט גראָדע וויפיל איך און אַמאָל נאָך מער פון מיר, און ס׳זעט זיך ניט אָן אויף דיר. איך בין פינף־און־דרייסיק, נאָך ניט אַלט, און דו טוסט אָפּ מער מלאכה פון מיר.

ייציקל האָט ווייניק גערעדט, ווייניק געלאַכט און וואָס ער האָט געטאָן האָט ער זיך ניט געאיילט. נאָר די מלאכה איז געגאַנגען ווי פון אַ מאַשין. ער איז געווען אַ שטאָליער. זיין באַלעבאָס האָט געוואוסט, אַז ייציקל איז זיין ברויט־געבער, זיין חיונה געבער. אָן ייציקלען, פלעגט ער טראַכטן, וואָלט זיין ווערק־שטאַט אַזאַ נאָמען נישט געהאַט: זיינע אַלמערס, זיינע בופעטן האָבן אַ שם געהאַט איבער גאָר דעם מצב. די עשירים פון שטאָט האָבן צו אים זיך געצייגן פון ארבע־פינות פון שטאָט און פון אַנדערע מקומות אַרום, אַזוי האָט זיין מלאכה געשעמט.

ייציקל האָט אָפּט, שבת אין שול, שחרית געדאַווענט ביים עמוד און אַמאָל, אַז מען האָט אים שטאַרק געבעטן, האָט ער אַ מוסף אויך געדאַווענט. ער האָט געדאַווענט מיט אַ וויינענדער שטימע, — ווי ער וואָלט ביים דאַווענען זיך אויס־געטענה׳ט מיטן רבוני־של־עולם . . . עס האָט זיך געפילט אין זיין דאַווענען — טענות, קשיות . . . אגב איז געווען שווער אים איינצובעטן. ער האָט נאָר גע־דאַווענט, ווען דער שטענדיקער בעל־תפילה, דער חזן, האָט אויסגעפעלט: חולה געווען, אָדער אַן אַנדער סיבה.

ער האָט גראָדע אין שול געדאַווענט — נאָר שבת און יום־טובים. ער האָט טאַקע גאַנץ ווייטלעך געוואוינט פון שול. זומער, ווען ס׳איז וואַרעם געווען, פלעגט ער נאָך וועטשערע אַוועקשפּאַנען אין שול אריין און פלעגט זיך צוהערן ווי די עלטערע יידן פלעגן לערנען משניות, אָדער אַבלאַט גמרה . . . ער פלעגט זיצן ביים זייט, ביים סטענדער, אָנגעשפּאַרט זיין רעכטע האַנט אונטערן אויער, — הערן און שוויגן . . . אַזוי פלעגט ער אָפּזיצן אַ שעה—צוויי, און אַוועק שטיל אַהיים.

איינמאָל האָט זיין ווייב, יהודית, צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל אליין עפענען אַ ווערקשטאַט: — שטייטש, האָט זי געזאָגט, — פשוט זיך צעקלאָגט, —

שטייטש: דער בעסטער בעל מלאכה אין שטאָט זאָל אַרבעטן פאַר אַ באַלעבאָס! דו גיסט אים פשוט דיין ברויט אַוועק, ייציקל!... האָט זי זיך צעשריען, — דו האָסט זעקס קינדער, האָסט צוויי כלה־מוידן און אפשר דריי... די דריטע איז באַלד רוי... די הערסט ייציקל? דו האָסט דאָך גילערנט, ייציקל: אדם קרוב לעצמו!...

— איך קאָן דאָס נישט, יהודיתל, — איך אַרבעט ביי רב בערן שוין איבער צוואַנציק יאָר, אַז איך וועל ווערן מיין אייגענער באַלעבאָס, וועט ער דאָך קיין ברויט נישט האָבן. אַלע זיינע קונים וועלן אים פאַרלאָזן און קומען צו מיר. ער איז דאָך אַן עלטערער מאַן און ער קאָן דאָך שוין אליין נישט אַרבעטן... מען דאַרף דאָך זיין אַ גזלען, יהודיתל...

יהודית האָט זיך געגומען קרימען פון אים:

— מען דאַרף דאָך זיין אַ גזלען!... און אַ גזלען צו דיינע קינדער — יאָ!?... האָסט נאַדן פאַר דיינע טעכטער?! שרה'קע האָט גידאַרפט מיט אַ יאָר צוריק חתונה האָבן, האָסטו גיהאַט דעם נאַדן, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט? איז אַ דאַנק גאָט, וואָס יצחק'ן האָט מען צוגענומען פאַר אַ יון, אַז ער וועט קומען צוריק און קיין נאַדן וועט ניט זיין, וועט קיין חתון אויך ניט זיין... יצחקל, אַן אויסגעדינטער, וועט מער חשוב ביי זיך ווערן... ווער ווייס?... חלילה... זאָל גאָט אונדז נישט באַשטראָפן... אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט און, שרה'קע דריי יאָר עלטער... דו הערסט, ייציקל: ביזט אַ טאַטע, אָדער אַ פלאָקן?! — נו, גוט, — האָט זי געזאָגט, איך וועל גיין צו רב בערן, איך וועל מיט אים האָבן אַ שמועס, איך וועל אים פרעגן אַ פּאָר קשיות! אַלע זיינע קינדער זיינען אויסגעגעבן און דו האָסט נאָך אַ זעקס יאָריקע טאָכטער!... מאָרגן זאָלסטו נישט גיין צו מלאכה; איך וועל גיין און איך וועל אָפּטאָן אַ שטיקל עבודה. יאָ, איך!...

ייציקל האָט געקוקט אויף זיין ווייב מיט בעטענדע אויגן און געשוויגן.

— וואָס קוקסטו אויף מיר מיט דיינע קעלבענע אויגן? וואָס וועט זיין מיט דיר, ייציקל? יעדן מאָל דאַרף איך פאַר דיר גיין בעטן ביי רב בערן אַביסל מער רווח. ווען איך וואָלט נישט בעטן פאַר אַביסל מער שכר־מלאכה, וואָלסטו געקראָגן דעם זעלבן שכר נאָך ייצט!... וואָס האָסטו מורא פאַר אים? ער דאַרף דיך מער, ווי דו דאַרפסט אים! לגמרי דאַרפסט אים גאָר ניט: דו ביזט אַ גרעסערער לאַ־יוצלח ווי מיין טאַטע, דער מלמד; ער קוועטשט דעם באַנק מיט זיינע ספּענצער־יאָטלעך, פונקט ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק און קריגט דעם זעלבן שכר־לימוד ווי מיט פערציק יאָר צוריק, — האָב איך אַ טאַטן און אַ מאַן!... אָבער איך בין נישט די מאַמע, דו הערסט? איך האָב אַ לאַ־יוצלח אַ מאַן, מוז איך לאָזן הערן מיין לשון, מיין דבר... וואָס שווייגסטו? וואָס קוקסטו אויף מיר ווי אַ קאַלב?!... ווען דו וואָלסט אַ מלמד געווען, וואָלסטו מער פאַרדינט!... דער טאַטע פלעגט נאָר ריידן פון דיין גאונות... אַלץ קאָנסטו: קאָנסט לערנען, קאָנסט גוט אַרבעטן, ביזט דער בעסטער שטאָלער אין דעם מצב, און — אַלץ אַזאַ לאַ־יוצלח... וואָס שווייגסטו, ייציקל?

ייציקל האָט צושפּרייט זיינע גרויסע שווערע הענט און געקוועטשט מיט די פלייצעס:

— וואָס זאָל איך דברן, וואָס זאָל איך זאָגן?, — האָט ער געזאָגט, — דו האָלסט אין איין ריידן; דו דברסט שוין פאַר אונדז ביידן. און אַז איך וועל דיר זאָגן, איז וואָס, וועסטו מיר פאָלגן? שוויג איך!...

— שוויג איך! . . . האָט זי אים נאָכגעקרימט, — גיי נעם א ספר אין מויל און שווייג . . . און איך וועל שוין טאָן וואָס מע דאַרף טאָן . . . וואָס פאַר אַ מפרנס אַ מאַן איך האָב!

* * *

א חודש שפּעטער. ייציקל איז שוין אַ שותף מיט דעם אַלטן רב בערן. ייציקל האָט נישט גיקענט קוקן, פאַר פילע טעג, רב בערן אין פּנים אריין; ער האָט זיך געשעמט אים קוקן אין פּנים. ער האָט געפילט, אַז ער האָט באַרויבט, ב׳גזל׳ט, דעם באַלעבאָס, רב בערן. רב בער, לגמרי ניט נאָר האָט געקראָגן אַ שתוף מיטן נאָמען ייציקל, נאָר אויך אַ שותופטע — יהודית — און מיט אַ מענה־לשון דערצו . . . להבא, ווי ס׳ווייזט אויס, וועט זי ווערן די גאַנצע — בעל־דעה . . . און אזוי, ווייזט אויס — איז עס געווען . . .

יהודית מיטן מענה־לשון איז געווען אין ווערקשטאַט מער ווי אין איר הויז . . . זי האָט גיהאַלטן אין איין דברן . . . געהאַלטן אין עצות געבן און געבאַלאַבאַטעוועט, ניט באַר אויף ייציקן, נאָר אויך אויף רב בערן . . . דער אלטער רב בער, פון ראשית, האָט געוואָלט פּראָטעסטירן, נאָר זי, יהודית, האָט אויף אים גיעפּנט א פּיסק, אַז ער האָט אַמאָך געטאָן מיט די הענט, ווי איינער וואָלט גיזאָגט:

— פאַרדריי זיך דיין ראָש און לעבן, און לאָז מיך צו רו, — און איז אַוועק, ארויס פון ווערקשטאַט.

יהודית האָט זיך נישט באַנוגנט מיט קאָמאַנדעווען, נאָר מיט טעראָריזמוס, און טאַקע גיהערשט אויפן גאַנצן ווערקשאַפט.

אי רב בער, אי ייציקל, האָבן פשוט ווי בעל־מלאכות געמוזט זיך אויפפירן אין ווערקשאַפט: פאַר יעדער קאָפּיקע האָט זי חשבון געמאָנט; אַ צוועקל, אַז זי האָט געפונען אויפן פאָדלאָגע, פלעגט זי זיך צושרייען:

— מיין בלוט וואַרפן זיי אויפן פאָדלאָגע.

עס איז אזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ייציקל האָט געזאָגט זיין ווייב, אַז ער וועט בעסער ווערן אַ מלמד, איידער ער וועט אַרבעטן אונטער איר ממשלה.

— וואָס דיינקסטו ביזסטו, אַ שטאָלער? האָסט דאָך כל־ימים נישט אריינגעטראָטן אין ווערקשטאַט און ייצט ווי אַן אוזופּאַטאָר, טעראָריזירסטו אונדז ווי דו וואָלסט געווען די בעל־מלאכה׳טע! — רב בער וויל זיך צוטיילן; ער איז וויליג צו שיידן זיך אַפילו מיט מיר, אבי פּטור ווערן פון דיר. דו ביזט א מרשעת, זאָגט ער. ער וואָלט זיך געשיידט מיט אַן אישה ווי דו! . . . ער וואָלט זי גע׳גט! . . .

יהודית האָט דאָס גאָר נישט געגלויבט, וואָס דער מאַן האָט איר נאָר ערשט אויסגע׳מסר׳ט; זי האָט געפילט זיך צום ערשטן מאָל, אַז זי איז נידעריקער ווי איר מאַן. זי האָט זיך תמיד געפילט די קליגערע, די מער „אָוטשאָניע״, די מער געלערנטע. זי איז דורך אַ פּריוואַטע אוטשילישטשע . . . זי האָט גיקאָנט גוט רוסיש, פּויליש, העברעאיש און יידיש. זי האָט מיט אים חתונה געהאָט, ווייל איר טאַטע האָט גיוואָלט ייציקלען פאַר אַן איידעם; ווייל ער האָט גיקאָנט גוט לערנען: ער איז רוי פאַר רבנות, — האָט דער פאָטער, דער מלמד, גיטענהט, אַי וואָס ער איז אַ שטאָלער, איז ביים מלמד געווען נאָך מער מפלאה, וואונדער, אַ גרעסערער נס . . . ער פלעגט פיל מאָל טראַכטן, דאָס הייסט, דער פאָטער, דער מלמד: ווי קומט צו אַזאַ שטילן בעל־מלאכה, אַזוי פיל תורה קענען? ער איז דאָך אַ מופלג! . . . ער האָט אים שיעור מהרהר געווען: צי איז

נישט דער בחור — פון די הייליקע ? . . . ער האָט ניט געוואָלט זאָגן למד־וואו . . .

זי, יהודית, האָט אים נישט געליבט; נישט קיין שיינער, א קליינער, אַ מאָ־גערער, מיט אַ הייקער־נאָז, מיט גראָבע ליפּן, מיט הענט פון אַ מאַלפּע, — צו גרויס פאַר זיין קליינעם גוף. נאָר איין זאַך האָט ער פאַרמאָגט: חכמה און לעכ־טיקע אויגן, מיט א גרויסן שטערן, וואָס האָט געמאַכט צו האָבן דרך־ארץ פאַר אים. ער האָט אויך גיקאָנט די לשונות, וואָס זי האָט גיקאָנט. זי האָט זיך פיל מאָל געוואונדערט, וואָס ער באַרימט זיך ניט, לגמרי נישט, אַז ער קאָן — סיי לערנען — סיי לשונות . . . ס׳האָט געררייצט איר פאַנטאַזיע, — זיין סודותדיקער לעבן; זיין אינדיווידועלקייט און פּשוטקייט . . . הגם, נאָך דער חתונה האָט זי גי־וועלטיקט אויף אים און ער האָט געשוויגן און געטאָן נאָך איר ווילן: ער האָט זי קיין מאָל אליין ניט אַ קוש געטאָן, אַפילו אין מאָמענטן . . . סיידן, סיידן, זי האָט אים געהייסן איר אַ קוש צוטאָן, — האָט ער געטאָן. ער האָט קיין מאָל ניט פּראָטעסטירט וואָס זי זאָל אים נישט אָנטאָן — עגמת־נפש, ווי למשל, גערופן לא־יוצלח, טייגעניכץ, וכדומה. האָט ער נישט געגליכן וואָס זי האָט גיזאָגט, פלעגט ער אַוועקגיין ווען אַפילו עס האָט אים ווי געטאָן . . .

די עלטערע קינדער האָבן דעם פאָטער מער ליב געהאַט ווי די מוטער. די עלטערע טאָכטער האָט נישט גיקאָנט פאַרטראָגן ווי די מוטער פלעגט אָפט פון אים חוזק מאַכן, פון פאָטער, און ער נישט אַ וואָרט . . . וואָרום שווייגט ער איר? — פלעגט זי טראַכטן.

ער פלעגט פיל מאָל נעמען א ספר נאָך אַזאַ חוזקן און שטילן זיין ביטער דאָליע, — מיט אַ בלאַט גמרה.

ניט אַלע האָבן געוואוסט, אַז ייציקל איז אַ בעל־תורה. ער האָט זיך קיין מאָל לגמרי נישט אריינגעלאָזן אין ויכוחים; ער פלעגט זיך צוהערן ווי אַנדערע לערנען און שווייגן. אגב האָט מען געוואוסט: ייצקל מוז קענען די קליינע פּינ־טעלעך . . . וואָדען, זיין שווער, דער מלמד, וואָלט אַ שטאָלער גענומען פאַר זיין גערעטענער טאָכטער — פאַר אַ מאַן ? !

אגב, איז ער פארזען געוואָרן, ווייל ער איז געווען א שווייגער, ניט קיין שטופער און ויכוחים נישט פאַרפירט ווי פילע, וואָס זיינען פולע פעסלעך מיט ווייַן און מאַכן קיין טאַראַראַם נישט . . .

דער, וואָס האָט ייציקלען געקענט, האָט אים ליב געקראָגן, ווייל ער האָט תמיד יעדן אָפּגעטראָטן אַפילו אַן אומגערעכטיקע זאַך. דערפאַר האָט ער טאַקע קיין שונאים נישט געהאַט.

שבת אַמאָל, פלעגט ער נעמען זיין צען יאָריקן זון, מענדעלען און זיי פלעגן כאַפּן א שפּאַציר אַהינטערן שטאָט. ער פלעגט אריינגיין אין סאָסנעם וועלדל און זיך אויסציען און קוקן דורך די שפּאַלטן־צווייגן אויף די ווייסע וואָלקנס, וואָס פלעגן שווימען ווי שיפן אויף אַ בלאָען ים. האָט דער זון אים אַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— טאַטע, וואָרום קומסטו תמיד דאָ אין וואַלד און תמיד קוקסטו אויף די ווייסע וואָלקנס? קאָנען מיר ניט גיין שפּאַצירן אין בולוואַר? דאָרטן שפּילט מוזיק, און שיינע אויסגעזעצטע בלומען, און בענק וואו מען קאָן זיך זעצן, נישט ווי דאָ וואו ס׳קריכן אַלערליי מינים אינזעקטן שרצים; אַמאָל, גאָט באַהיט, קאָן נאָך אַ שלאַנג אַביס טאָן, טאַטע! . . .

— דאָ, מיין זון, קאָן איך דינען גאָט, בעטן גאָט, אויסטענהן זיך מיט גאָט; דאָ הערט גאָט מיט מער — התלהבות — צו די וואָס דינען צו אים . . .

— בעטן גאָט, תפלה טאָן, דאַרף מען גיין אין שול, טאַטע, — האָט דער אינגל געזאָגט.

— יאָ, מיין זון, ס'איז אמת, תפלה טאָן דאַרף מען גיין אין בית־מדרש. אין בית־מדרש דאַרף גאָט זיך צוהערן צו אסך תפלות . . . אזוי פיל תפלות . . . דאָ בין איך אליין, דאָ פיל איך ווי איך וואָלט מיט אים גערעדט; יאָ, איך רייד מיט אים, איך דערצייל אים פון אַלע מיינע צרות, ליידן און פון אַלע מיינע פריידן ! . . .

— דערציילסט אים, טאַטע, ווי די מאַמע תמיד טוט דיר אָן בושה, מבישט דיך און פאַרשעמט דיך פאַר אונדז קינדער ?

— יאָ, מיין קינד, איך דערצייל אים אַלעס, אַלץ ! . . . כל־וכל . . .

— און וואָס זאָגט ער דיר, טאַטע ?

— איך זאָל זיין געדלדיק — בלחש איבערטראָגן, — זי וועט זיך בייטן און בעסער ווערן . . .

נאָך יענעם געשפרעך, ווען ער איז געקומען אַהיים, ווען דער פאָטער איז אַוועק אין בית־מדרש מנחה דאַוונען און זיך צוהערן ווי יידן לערנען תורה . . . איז מענדעלע געקומען אַהיים און האָט דערציילט דער מוטער, וואָס ער האָט געשמועסט מיטן פאָטער: אַז ער גייט תמיד אין וואַלד זיך דורכשמועסן מיטן רבוני־של־עולם; דאָרטן הערט ער אים בעסער צו, ווי אין שול, וואו פילע מתפללים בעטן גאָט. איך האָב אים געפרעגט, צי בעט ער גאָט, אַז דו זאָלסט אים קיין בושה ניט אָנטאָן פאַר אונדז—קינדער; ער איז דאָך אונדזער טאַטע, — מאַמע ! . . .

יהודית האָט אָנגעקוקט איר קינד, ווי ער זאָגט: ער איז דאָך אונדזער טאַ־טע, — מאַמע . . . זי האָט אים צוגעדריקט צו איר בוזים און אים אַ קוש געטאָן און אַליין איז זי אריין אין שלאָף־חדר און מיט אַביטערן געוויין האָט זי זיך אריינגעוואָרפן אין בעט און זיך געריסן די האָר און צו זיך גידברט:

— ווער קאָן דיך פאַרשטיין, ייציקל ? נאָר מיין טאַטע זעט אין דיר דעם צדיק . . . אָ, מיין טייערער מאַן, וויפיל בושה איך האָב דיר אָנגעטאָן פאַר דיינע קינדער אין די אויגן; דיך געהאַלטן פאַר אַ טפש, א לא־יוצלח. האָסט געשוויגן אויף אַלע באַליידיגונגען . . . וויפיל יסורים האָב איך דיר פערשאַפט ..

דאָס קינד איז אריין אין שלאָפצימער זאָגן דער מוטער, אַז דער פאָטער איז געקומען פון שול.

— גיי, מיין קינד, זאָג אים איך קום תכף אריין. גיי, גיי.

זי האָט אָפּגעווישט די טרערן. ווען זי איז אריין, האָט זי זיך געשעמט קוקן דעם מאַן אין פּנים. זי האָט אין אים ערשט, נאָר ערשט דערזען זיין ליכטיק פּנים, ווי די שכינה וואָלט פון אים געשלאָגן . . . אַזאַ הייליקייט און גוטסקייט האָט פון אים גישטראַלט. די גאַנצע צייט האָט זי אַ וואָרט ניט גידברט, נישט גע־נעגעט אים . . .

די קינדער ביים טיש האָבן זיך געוואונדערט, וואָס די מוטער נעגעט נישט דעם טאַטן; בינט זיך נישט צו אים און איז אַזוי שטיל, — גאָר אַן אַנדער מאַמע איז היינט אין שטוב.

ייציקל האָט גיקוקט אויף מענדעלען און מענדעלע האָט געהאַלטן דאָס קעפּל ארונטער, נאָר די אויגעלעך האָבן געקוקט אויפן פאָטער. ער האָט גע־טראַכט:

— בין איך באַגאַנגען אַ חטא, וואָס איך האָב דערציילט דער מאַמען; גאָט, פאַרגיב מיר! . . .

* * *

מער איז יהודית אין ווערקשטאַט ניט געגאַנגען און מסחרים האָבן זיך פאַרדאָפּלט . . . ייציקל איז פיל רואיקער געוואָרן, איז פולער געוואָרן און פּלוצים איז דער חתון געקומען אַ פרייער, און מען האָט געפּראַוועט אַ חתונה — מכּל־טוב! . . . און די אַנדערע, די צווייטע, האָט זיך אויך שוין געקליבן, בקרוב, חתונה צו האָבן, און אין שטוב האָט געהערשט שלום־בית . . .

יהודית איז געוואָרן אַ שטילע, אַן איבערגעטראַכטע . . . און דער אַלטער טאַטע איז געוואָרן אַ שטענדיק אריינגייער, און שווער און איידעם האָבן פיל מאָל וכּוחים געפירט איבער אַ בלאַט גמרה, און יהודית איז געשטאַנען פון ווייטן און האָט געשלונגען פריידיקע טרערן פון איר צדיק, דעם מאַן, — דעם גרויסן תלמיד־חכם . . .

אין יענע טעג

דודל איז אין 1933, אַלס קינד פון זיבן יאָר, אַנטלאָפן מיט זיין טאַטע־מאַמע פון דייטשלאַנד, תּקף, ווי היטלער האָט באַקומען ממשלה! טאַקע דעם צווייטן טאָג האָבן זיי אַלץ איבערגעלאָזן און זיך אַריבערגעטראָגן קיין עסטרייך.

זיין מוטער, רבקה, אַ פרוי פון עטלעכע און דרייסיק, הגם האָט זי אויסגע־קוקט פיל יינגער; זי איז געווען אַ דינע און פון מיטעלן וואוקס; זי איז געווען אַ רויטלאַכע, ניט שטאַרק רויט, אַ בלאָנדע רויטקייט; פון ווייטן האָט מען איר רויטקייט נישט פיל אָנגעזען; פון ווייטן האָט זי מער אויסגעקוקט דונקל־בלאָנד, ווי בלייכער גאָלד; זי האָט געהאַט אַ שיינעם קאָפּ האָר, הויך פערקאַמט, האַלב־זייט אַריבערן שטערן. זי האָט געהאַט גרויע, גרויסע אויגן—גלאַנציקע, ווי גלעזענע, אַן איידעל, בייגיקן, מיידלשן גוף. זי איז געווען אַן אַקטריסע, אַ כאָרזינ־גערן. איר מאַן, קאַרל, הויך און פעסט געבויט איז גראַדע געווען שוואַרץ ווי פון די אָריענטאַלישע יידן; אַ שוואַרצע קאָפּ האָר מיט אַ הויכן האַלב־רונדיקן שטערן; אויגן שוואַרצע, טיף אריינגעזעצט, מיט אַ פּאָר פעטע באַקן, האַלב־קיילעכדיק, אַזש זיי זיינען אַביסל אַראָפּגעהאַנגען און האָט זיך אויסגעגליכן מיט דער קיילעכדיקער מאָרדע. ער איז אויך געווען אַן אַקטיאָר; מען האָט אים ניט גערופן ביים צווייטן נאָמען, נאָר קאַרל. אַפילו ווען מען האָט אים אַנאָנסירט אויף אפישן מיט זיין בילד, האָט מען אים אַנאָנסירט: „היינט שפּילט קאַרל . . ." זיין צווייטער נאָמען איז געווען גרין — קאַרל גרין.

נאָך איידער היטלער האָט איבערגענומען די ממשלה, האָט שוין קאַרל גרין געפילט די בייטש אויף אים, הגם, ער איז געווען אַ באַרימטער אַקטיאָר. די לעצטע צייט האָבן די שטורם־טרופּער געפּיקעט ביים טיאַטער, וואו ער האָט געשפּילט; מען האָט צעריסן די אַפישן מיט זיין פּאָרטרעט . . . אויף זיין וואוי־נונג האָט מען באַצייכנט מיט פאַרב („יודע"); קאַרל האָט פיל מאָל געשמועסט מיט זיין ווייב זיי זאָלן זיך אַריבערקלייבן קיין עסטרייך. הגם, וואָלטן זיי דאָס פריער גיטאָן, וואָלט ער פיל פון זיין האָב און גוטס גיקאָנט פאַרקויפן: די שיינע מעבל און טייערע מאָלערייען און אַנדערע אַנטיקן, און אַנדערע הויז־חפצים . . .

ייצט האָבן זיי געמוזט לויפן פאַר זייער לעבן. זיי האָבן צוזאַמענגענומען

וואָס זיי האָבן גיקאָנט טראָגן און גיך זיך אָפּגעטראָגן, אַז מען זאָל ניט וויסן, אַז זיי אַנטלויפן. זיי האָבן זיך פאַרגראַמירט און מען האָט גישוואַרצט, ג׳גנב׳עט דעם גרעניץ. געוויינטלעך, האָט זיי דאָס גיקאָסט אַ שיינע מטבע . . .

דודל איז זייער גערן געווען, וואָס זיינע עלטערן פאַרלאָזן דייטשלאַנד; די קינדער האָבן אים דערגאַנגען די יאָרן, פשוט, מען האָט פון אים געריסן שטי־קער אין גאַס און אין שולע . . .

— דודל, יודע, שמוציקער יודע! — מען פלעגט אים שלאָגן, באַוואַרפן מיט שטיינער, מיט שמוץ; ער פלעגט קומען אַ צעשלאָגענער אַ היים, אַ פאַרשמיר־טער. פילע מאָל האָט מען אים אָפּגעריסן אַ לאַץ פון זיין גאַרניטל, איינשמירן די היטל אין בלאָטע; ס׳איז אַריבער די גבול פון זיינע ליידן.

דודל האָט געהאַט אַ גוט ראָש, ער האָט מער אויסגעקוקט ווי זיין מוטער. די נאַציס האָבן פאַרביטערט זיין לעבן. ער פלעגט ארומגיין אין שטוב הין און קאַריק, ווי אַ ווילדע חיהלע. ער פלעגט מוחן: וואָס איז גיוואָרן פון דער וועלט? איז ער אַנדערש ווי גיוועזן? די זעלבע קינדער פלעגן זיך מיט אים שפּילן אַזוי שיין, אַזוי גוט; וואָס וויל מען פון אים? — יודע, שמוציקער יודע; וואו בין איך שמוציק?! איך בין דאָך ריינער פון זיי! און וואָס איז יודע? . . . זיי האָבן מיר קיין מאָל ניט גערופן יודע; מיין נאָמען איז דאָך דוד, נישט יודע.

זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדער געגנט, גיצאָלט העכערע דירה־געלט, גיהאָפט, אַז דאָרט וועט דער יינגל ניט געפּלאָגט ווערן, נאָר אומזיסט; מען האָט געוואוסט קאַרל גרין, דעם גרויסן אַקטיאָר, וואָס האָט צופרידן גישטעלט מיליאָנען דייטשן. פון אַנדערע שטעט פלעגט מען קומען אים זען: הינדענבורג פלעגט אים קומען זען; אַלע מיניסטאָרן און מיליטער־לייט; די העכסטע גיהאַלט האָט ער באַקומען; די פּרעסע איז פול גיווען מיט לויב פאַרן גרויסן יידישן אַקטיאָר — קאַרל . . . און ייצט האָט מען זיי באַליידיקט, פאַרשעמט און ער האָט געמוזט וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון דייטשלאַנד . . .

אין עסטרייך האָט זיך גיקערט וועלטן: — קאַרל גרין, דער גרויסער אַק־טיאָר, — קאַרל גרין, דער וועלט־באַרימטער אַקטיאָר, וועט שפּילן אין עסט־רייך. ווען נישט זיין באַרימטקייט, וואָלט מען אים ארויסגעשיקט פון עסטרייך אויך, נאָר די פני אין שטאָט און רייכע יידן האָט איינגעשטילט דעם טומל . . . און מיט דער ערשטער פאַרשטעלונג האָט עסטרייך געקלונגען, — אַזש מע האָט דערהערט אין דייטשלאַנד גופא . . .

דער קליינער דודל האָט אויפגעלעבט, ער האָט געקראָגן חבורים, האָט דאָ נישט געהערט, אַז מען זאָל אים רופן יודע . . . יעדער חבר האָט מיט דרך ארץ גערעדט מיט אים; ווי הייסט אַנדערש? — ער איז דאָך דער זון פון קאַרל גרין, דער גרויסער אַקטיאָר!

יעדער קינד האָט זיך שטאָלץ געהאַלטן, וואָס דער קליינער דוד איז זיינס אַ חבר, אַפילו די עלטערע פון אים, — אַלע האָבן זיך געקלעפּט צו אים.

רבקה, זיין מוטער, האָט ניט געשפּילט טעאַטער און האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן קינד. זי האָט געפילט דאָס קינד האָט אויפגעלעבט; ער האָט גינומען וואַקסן אין הויך און ברייט; עס האָט צובליט מיט פאַרב זיינע בעקעלעך; ער האָט זיך כמעט פאַרגעסן וואָס די דייטשע קינדער האָבן אים פערשאָפּט. און די מוטער האָט זיך געהיט ניט צו אויפלעבן אין אים דעם זכר, וואָס ער האָט דורכ־געמאַכט . . . טאָמער האָט ער אָמאָל גיוואָלט מאַכן אַ פאַראַלעל פון די חברים פון דייטשלאַנד און די קינדער פון עסטרייך, פלעגט זי אויפציטערן און אים פאַר־

ריידן, אַז ער זאָל פאַרגעסן די רוצחים, און פלעגט אים עפּעס אונטערשטופּן, אַ צוקערקע, אַ שטיקל שאָקאָלאַדקע, און פאַרריידן מיט אַזוינע דיבורים:

— ווייסט, מיין קינד, אַז דאָ אין עסטרייך איז די בעסטע שאָקאָלאַדלאַך אין דער וועלט? — און פלעגט קליימערשט אַרויסגיין, כדאַי ער זאָל ניט ריידן וועגן די דייטשע רוצחים, אויך די קינדער רוצחים . . . זי האָט גיוואוסט, אַז אויך עסטרייך איז פול געווען מיט נאַציס . . . נאָר דאָ האָט מען דערוויילע דעם גרויסן אַקטיאָר — קאַרל גריק, דאָך רעספּעקטירט! און גרויס כבוד גיצאָלט, — אַפילו זיין קליינעם זון, דודן. איר האַרץ האָט גישראָקן פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס זיי קריגן; פּחד האָט איר אַרומגענומען: — היטלער איז דאָך אויך אַן עסטרייכער. גאָט באַהיט דאָס יידישע פאָלק פון דעם משוגענעם המן!

קאַרל פלעגט קומען פון טעאַטער גלייך אַ היים, וואָס ער האָט דאָס זעלטן גיטאָן אין דייטשלאַנד; אין דייטשלאַנד, אין די נישט־היטלעריסטישע עפּאָכע, פלעגט ער נאָך די פאָרשטעלונגען פאַרברענגען שטונדען מיט די אַקטריסעס און כאָריסטקעס . . . טרינקען וויין און עסן שניצל . . . ער פלעגט פיל מאָל איבער דעם זיך קריגן מיט דער ווייב, רבקה׳ן; נאָר וואָס האָט זי גיקאָנט טאָן? . . . אירע אַ חבר׳טע, אַן עלטערע אַקטריסע האָט איר גי׳עצה׳ט:

— הער צו, מיין טייערע, — האָט זי רחמונותדיק צו איר איינגע׳טענה׳עט, — האָסט גיהייראַט אַן אַקטיאָר, אַ גרויסן אַקטיאָר, אַזוי לעבן די גרויסע אַק־טיאָרן . . . וואָס אַרט דיך, מיין קינד; איך בין דאָך שוין אַ באָבע, מעג איך דיך רופן מיין קינד; דו הער מיך אויס: ער קומט דאָך צו דיר שלאָפן . . . ער שלאָפט דאָך נישט אַנדערש וואו, טאָ מאַך זיך טויב און בלינד; מאַך זיך, אַז דיך אַרט דאָס נישט און ער וועט אויף דער עלטער אויך בלייבן דיין מאַן, און וועט דיך נאָך מער שעצן און אַכטן . . .

רבקה, מיט שווערן געמיט האָט גיפאָלגט דער עלטערע אַקטריסע און קאַרל האָט איר טאָקע יעדע נאַכט גיבראַכט ממתקים, נאַשערייען, און פּאָר דוד׳לען אויך. ער האָט איינמאָל, בלחש דערהאַלטן אַ זהרה, אַ וואָרנונג, — אַ צעטעלע מיט אַ סוואַסטיקע, אַז ער זאָל זיך בעסער אָפּטראָגן פון עסטרייך אויך . . . אַז דער „פירער" וועט אים פּערזענלעך מקבל־פּנים־זיין . . . ווען ער וועט ארייג־מאַרשירן אין עסטרייך. ער האָט גענומען דאָס צעטעלע און איר, דער ווייב, גע־וויזן:

— וואָס קאָנען מיר טאָן? — האָט זי זיך צעקלאָגט.

— די וועלט איז אַראָפּ פון זינען, — האָט ער זי איינגעשטילט, און זי צו־געדריקט צו זיך.

— אפשר זאָלן מיר פאָרן אין אַמעריקע? — האָט זי געדריקט זיין האַנט.

— אין אַמעריקע דאַרף מען אַ וויזיע, און אַ יידן, אַפילו ייצט, איז שווער ארייינצוקומען אין אַמעריקע — אויך . . .

— איז וואָס וועט זיין מיט אונדז? — האָט זי געבראָכן די הענט, — וואָס וועט זיין מיטן קינד, מיט דוד׳ן? אפשר פאָרן אין פּאַלעסטינע? — האָט זי גיזאָגט.

—ענגלאַנד לאָזט אויך נישט קיין יידן פאָרן אין פּאַלעסטינע; זי האָט דאָך דעם מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע און לאָזט ניט אריין קיין יידן אין זיין אייגן לאַנד . . . אין וואָס פאַר אַ וועלט לעבן מיר דאָס? וואָס האָט מען זיך אָנגיזעצט אויף דעם יידן? וואָס טוען מיר זיי? וואָס טו איך זיי? וואָס טוט זיי דודל, מיין קינד?, — האָט קאַרל גיענטפערט.

— לאָמיר גאָר פאָרן אין ענגלאַנד, — האָט רבקה זיך ביטער צעלאַכט.

קאַרל האָט זיך פֿערטראַכט; עפּעס האָט איר לאַך אַ שניט גיטאָן אין קאָפּ, אין מוח אים. ער האָט גיקוקט אויף איר און אַ וואָרט ניט גירעדט . . . ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול און גע׳מוח׳ט, ער האָט זיך גערִיבן די רעכטע זייט פון שטערן, זיך געריבן די נאָז, פונקט, ווי ס׳וואָלט אים דאָרטן געביסן . . . ער האָט ווידער געקוקט אויף זיין וויב:

— יאָ, רבקה, האָסט מיר געגעבן אַ מחשבה, אַ גידאַנק; אפשר איז דאָס אַן אידעע, — אפשר?

— יאָ? — האָט זי אים אַנגעקוקט, — וואָס? . . . נו מיך אויך הערן, וואָס ס׳מאָלט זיך ביי דיר אין מוח!

— ס׳איז אַ מחשבה, ס׳האָט אַ באָדן אויף וואָס צו בילדן. דו הערסט, רבקה? דו האָסט ניט דיינקענדיק גיטראָפן אין ציל! . . .

— נו מיך שוין הערן, קאַרל! איך וועל פאַלן פון האַרץ־שלאַג אויס ניי־געריקייט.

— מיר זיינען דאָך אַקטיאָרן, — זיינען מיר? . . .

— געוויס! איז וואָס? — געוויס זיינען מיר אַקטיאָרן! איז וואָס ווילסטו זאָגן, קאַרל?

— אַקטיאָרן קאָנען קריגן זעקס־חדשימדיקע וויזעס; מאָרגן גיי איך צום ענגלישן קאָנסל פאַר אַ וויזע.

— און וואָס וועט זיין נאָך די זעקס חדשים, קאַרל?

— דו האָסט מיר געגעבן מחשבות, ווי מיר וועלן זיך דערשלאָגן נאָך אַמע־ריקע.

— ווי, וואָס! וואָס רעדסטו, קאַרל?

— איך וועל דיר זאָגן ווען מיר וועלן קומען אין ענגלאַנד, — דו הערסט, רבקה!?

אַ גאַנצע נאַכט האָט קאַרל קיין אויג צוגעמאַכט; אויך רבקה האָט כמעט ניט גישלאָפן און מיט אומגעדולט געוואַרט, אַז טאָג זאָל שוין קומען.

קאַרל האָט זיך אָנגיטאָן אין דעם שענסטן גאַרניטער, וואָס ער האָט גיהאַט. אָנגיטאָן אַ ווייסן, גלאַנציקן קראַוואַט, מיט אַן אויסגעפּלאַכטן שניפּס, ווי אַר־טיסטן און אַקטיאָרן טראָגן. ער האָט צען מאָל גיקוקט אין שפּיגל, מיט אַ קליי־נעם בערשטעלע האָט ער יעדן מאָל צוגעגלעט זיינע וואָנצעלעך און מיט די הענט פאַרגלעט די לאָצן פון זיין ראָק. דעם שניפּס צוגעגלעט און אויסגעגלייכט און זיך געווענטשט צו רבקה׳ן:

— אפשר, רבקה, וואָלסטו מיט גיקומען, און אויך מיטנעמען דודלען מיט אונדז? מירן זאָגן, אַז מיר זיינען אַ „טים״ . . .

רבקה האָט זיך פאַרטראַכט און גימאַכט מיט די ליפּן, ווי געקייט, און שטיל גיענטוועריט:

— אפשר, וואָס קאָן דאָס שאָטן? נאָר דודל וועט פאַרפעלן אַ טאָג אין שולע. כ׳גלויב, גאָט וועט צוליב דוד׳לען אונדז מצליח זיין? . . .

— וואו גייען מיר, פאָטער, — האָט דודל זיך אריינגעמישט, — וואו גייען מיר, מוטער?

— אין אַ לאַנד, וואו דו וועסט אַזאַ ביטערניש ניט ליידן, מיין קינד; וואו קיינער וועט אונדז לגמרי ניט באַליידן; קיינער וועט דיך לגמרי נישט רופן: שמוציקער יודע; זאָל אונדז מצליח זיין דיין גיין מיט אונדז.

— ווען ס'ווערט דאָס לעבן ביטער, ריידן מיר מיט גאָט, — האָט גיזאָגט רבקה, — ווען האָב איך אַזוי גערעדט? . . . וואָס מער מען פאַרפאַלגט אונדז, — פרימער ווערן מיר. דאָס איינציקע טרייסט, וואָס אונדז איז פאַרבליבן, — איז בעטן צו גאָט . . . איך האָט שיעור פאַרגעסן, אַז איך בין אַ יידישע טאָכטער, ייצט לעבט פאַר מיר אויף מיין קינדהייט, ווי די מאַמע פלעגט ליכט בענטשן; די שבת'דיקע מאכלים, די יום־טוב'דיקע, די פסח'דיקע — מצה מיט הינער־שמאַלץ; די קניידלאך; די איינגעמאַכץ; ניס און אויף די גאַנצע וואָך פון פסח. עפּעס אַזוי שיין איז דאָס לעבן גיווען: ריין, ציכטיק דאָס הויז אויסגערייניקט פאַר פסח. ווי מיין מאַמע האָט עס מיט התמדה גע'מלאכה'ט ביז שפעט אין דער נאַכט, ווי גליקלעך זי האָט געפילט. די שווערע עבודה האָט איר נחות גיגעבן. אָך, ביים סדר, ווי זי פלעגט זיך אָנטאָן, — ווי אן אמת'ע מלכה האָט זי אויס־געקוקט . . . און דער טאַטע, — ער האָט גיהאַט אַ שפּיציק בערדעלע, מיט קליינע אויגן־גלעזלעך אויפן נאָז, איז געזעסן אויפן הסב־בעט מיטן לאַנגן קיטל פאַר־גאַרטלט, ווי אן אמת'ער מלך. ווי שיין איז דאָס לעבן גיווען! . . . מיר האָבן זיך גיהאַלטן פאַר דייטשן, — יידישע דייטשן . . . וואָס איז פון דער וועלט גיוואָרן? . . .

— און וואָרום לאָזט מען אונדז ניט רוען, וואָרום? קומט אַ משוגענער פאַרבער, און שרייבט אויף אַ בוך און ער הייסט טאָן, וואָס ער האָט אויפגעשריבן. ס'איז אַ נייע תורה, זאָגט ער, האָב איך איך גישאַפן; די יידישע תורה פאַר־ניכט! . . . יעזוס איז אויך אַ יודע. מיין תורה וועט איך דערהויבן! מיר זיינען אַן „אַריען" ראַסע; מיר זיינען די העכסטע, די פערנופטע ראַסע פון אַלע פעלקער פון דער וועלט: די גאַנצע וועלט וועט אייך דינען . . . מיר זיינען די אויבער־מענטשן . . . דאָס יודע מוז פאַרניכטעט ווערן . . . אויסגעוואָרצלט ווערן; זיי זאָגן: גאָט האָט זיי אויסדערוועלט, — מוזן מיר זיי פאַרניכטן! . . .

— אַזאַ משוגהנער הונט, — זאָגט רבקה, — און די ציוויליזירטע דייטשן גייען אים נאָך, ווי קליינע קינדער נאָך זייער מוטער און פאָלגן, וואָס דער משו־גענער הייסט זיי . . .

— מיר האָבן איבערגעלעבט הונדערטער המן'ס, וועלן מיר אים אויך אי־בערלעבן, — האָט קאַרל גיזאָגט, — אויב ס'איז דאָ אַ גאָט! . . .

אויך אין עסטרייך האָט מען די קאַרל פאַמיליע גענומען פאַרפאָלגן.

* * *

קומענדיק פון ענגלישן קאָנסל, מיט דער גוטער בשורה, אַז זיי קריגן וויזיעס פאַר זעקס חדשים אַלעס אַרטיסטן־טוריסטן — און אַ מעגלעכקייט פאַר בענייען אַ צווייטן טערמין, האָט אריינגעבראַכט גרויס שמחה, ניט נאָר פאַר קאַרלן און זיין פאַמיליע, נאָר אויך אין דער אַקטיאָרסקע פעריפעריע; מען האָט זיך געקושט און געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט ביזן ליכטיקן טאָג.

די נייעס האָט דוד גיבראַכט צו די נאַציעס און זייערע קינדער, וואָס האָבן געמאַכט ביטער דעם לעבן פון דער פאַמיליע יידישע אַקטיאָרן, — אַז זיי פאַר־לאָזן דאָס דייטשע עסטרייך און זיי וועלן לעבן וואו האָס צו יידן ווערט ניט פּראַקציטירט, כדאי צו האַלטן זיך אין זאָטל: — יאָ, דורך יידישן האָס האַלט איר זיך נאַציס, — ווילדע חיות . . .

די יונגע בויאַנעס האָבן גוט אָנגעבראָכן די ביינער דעם קליינעם דודלען, אַז דאָס איז אַזוי־געזונט פאַר דעם שמוציקן יודעלע, — ער זאָל זיי געדיינקען אויך אין ענגלאַנד! .. . יאָ, אומעטום! . . .

דוד'ל איז געקומען אַ צעבלוטיקטער, מיט צוריסענע מלבושים. רבקה, די מוטער, האָט גימאַכט געוואַלדן און קאַרל האָט אַכאַפּגיטאָן דודלען אויף די הענט און האָט אים אַרומגעוואַשן און איבערגעטאָן. גראַדע זיינען אין דער צייט אַריין עטלעכע אַקטיאָרן, וואָס זיי זיינען געווען אַנטי־נאַציעס, און געקומען אויספּרעגן קאַרלען, ווי זיי קאָנען אויך קריגן וויזיעס און פאַרלאָזן עסטרייך:

— בעסער וואַנדערן איבער דער וועלט, איידער לעבן אונטער די נאַציעס.

— האָט אַן אַקטריסע גיזאָגט, מיט אַ סקריטש אין די ציין . . .

איינער אַן אַקטיאָר, האָט גיראָטן קאַרלען ער זאָל גיין אַנקלאָגן די עלטערן פון די קליינע נאַציעס, נאָר רקה האָט זיך אָפּגעזאָגט:

— מיר פאָרן אַוועק. זאָלן וויניקער וויסן, אַז מיר פאָרן אַוועק, ווייל מען פאַרפאָלגט אונדז; ניט געבן זיי די סאַטיספאַקציע, אַז זיי האָבן אונדז פאַרטריבן; יאָ, קאַרל, — האָט זי זיך גיווענדט צום מאַן?

— האָסט רעכט, מיין טייערע; ניט געבן זיי די סאַטיספאַקציע, אַז זיי פער־טריבן אונדז; ווי דיינקט איר, פריינט? — האָט ער זיך גיווענדעט צו די אַק־טיאָרן.

— איר האָט רעכט, האָט די פרוי, די אַקטעריסע וואָס האָט גיזאָגט: בעסער צו וואַנדערן איבער דער וועלט, איידער לעבן אונטער די נאַציעס, — מען דאַרף זיי נישט געבן די סאַטיספאַקציע אַז זיי האָבן אייך פאַרטריבן, — און זי האָט ווייטער גיזאָגט: קויפט גאָר נישט דאָ אין לאַנד; קויפט וואָס איר וועט דאַרפן דאָרטן אין ענגלאַנד: לאָזט דאָ נישט אייער געלט . . .

* * *

דער טאָג איז געקומען ווען זיי האָבן גידאַרפט פאַרלאָזן, האָבן זיך אַרומ־געקליבן אַ היבשע ביסל קליינע נאַציעס און מען האָט גיוואַרט צו מכבד זיין דער קאַרל פאַמיליע. ניט אַלע האָבן גיקענט די קאַרל פאַמיליע; איז גראַדע די ערשטע אַרויס אַן אַקטיאָר מיט אַן אַקטריסע, — נו, האָבן זיי גיכאַפּט עטלעכע פאַרשטונ־קענע אייער און זעקעלעך מיט וואַסער און אויך עטלעכע שטיינער . . . זיי האָבן קאָם אריינגיכאַפּט זיך צוריק אין שטוב אריין, — פאַרשמוצט און אויסגעווייקט פון די זעקעלעך וואַסער.

ס'איז אָנגעקומען פּאָליציי. נאָר קאַרל און די פּאָרל אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך דערוויל אַרומגעוואַשן, האָבן ניט גיוואָלט קיין זאַך, קיין קאָמפּליינס אונטער־צושרייבן, און אַזוי איז קאַרל מיט זיין ווייב, רבקה, און דעם זון, דודל, ארויסגע־קומען אַן פּחד, אָן שרעק און אָן בושה פון די קליינע נאַציעס, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון די גרויסע נאַציעס . . .

אין קורצן האָט קאַרל גישריבן צו זיינע פריינט און זיי גיראָטן אים נאָכטאָן, און פילע פון זיי האָבן פאַרלאָזן עסטרייך. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן זיי זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע.

אַמעריקע האָט זיי אַלעמען געגעבן אַ היים, ווייל גראַדע האָט היטלער אריינ־געמאַרשירט און פאַרנומען עסטרייך.

קומענדיק אין אַמעריקע, האָט רבקה זיך אַ נדר געגומען: אויב גאָט וועט זיי העלפן צו בלייבן אין אַמעריקע, וועט זי זיך פירן ווי איר מוטער האָט זיך געפירט: איר הויז וועט זיך כשר פירן: דודל וועט זיך לערנען אַלע יידישקייטן וואָס ביז ייצט איז אים פרעמד געווען.

— און דו, קאַרל, — האָט זי זיך געווענדט צום מאַן, — זאָל איך פאַר דיר נעמען אַ נדר, אָדער וועסט אליין עס טאָן?

קאַרל האָט געקוקט אויף זיין ווייב, ווי זי איז געשטאַנען פֿאַר אים ווי אַ נביאיטע . . . וואָס פֿון איר האָט אַרויסגעשטראַלט ליכטיקייט, שיינקייט, דאַנק־באַרקייט און גלויבן . . . ער האָט צו איר געזאָגט:

— וואָס דו וועסט פֿאַר מיר אַ נדר טאָן, וועל איך אים דורכקומען! . . .

— טאָ הער מיין מאַן, — האָט זי געזאָגט, — מיר זיינען ניצל געוואָרן מיט אונדזער לעבן; מיר קומען גאָט אַ חוב, זאָלסטו גאָט באַדאַנקען: איך נעם פֿאַר דיר קיין צו שווערן נדר ניט, — דעם שווערן נדר נעם איך פֿאַר זיך: דו, וויל איך, זאָלסט האַלטן פֿון ראש־השנה און יום־כּפּור, און יום־כּפּור זאָלסטו פֿאַסטן, און, אויב מעגלעך, זיך דערלערנען יידיש; ס׳וועט דיר ניט שווער זיין: פֿון דייטש צו יידיש איז ניט שווער זיך צו דערלערנען — יידיש, און געבן דיין טאַלאַנט דעם יידישן פֿאָלק . . . צו דיין אָפּשטאַם . . . צום עם־ישראל . . .

— דיין נדר פֿאַר מיר, וועט פּינקטלעך דורכגעפֿירט ווערן, — האָט קאַרל געזאָגט . . .

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און דודלען אין מיטן, און זיי ביידן געקושט, — מיט פֿייכטע, גליקלעכע אויגן . . .

צער — גדול — בנים

נפֿתלי צעטקין, אַ דין־מאָגער יינגל פֿון אַ יאָר עלף, מיט אַ בלייכן פּנימיל, מיט בלויע ליכטיקע אויגן, מיט אַ בלאָנדן געדיכטן קאָפּ האָר, איז געשטאַנען און געקוקט ווי זיין באַלעבאָס, מענדל שוסטער, ציט אַרויף אַ שוך אויפֿן קאַפּיל, — אַ ייד פֿון אַ יאָר פֿערציק, מיט אַ געלבלעך בערדל, מיט שוואַרצע ציין פֿון רייכערן מאַכאָרקע־ניקעטין. ער פֿלעגט רויכערן און שפּייען, שפּייען און רויכערן. ער האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אַ פֿיינעם שוסטער און אַ ערלעכער ייד; געגאַנגען צוויי מאָל אַ טאָג אין בית־מדרש: גאַנצפֿרי און צו מעריב.

נפֿתלי האָט געקוקט מיט אינטואיציע ווי דער שוסטער ציט אַרויף אויפֿן קאַפּיל די זאַגאָטאָווקע, ווי ער מעסט אַלץ צו פּונקט, ווי ער שטעכט דעם אָל און ציט דורך די דראַטווע און קלאַפּט צו מיטן האַמער און גלעט אויס די דראַטווע זאָל ליגן גלאַט בעפֿאַר ער לייגט אַרויף די פּאַדעשווע. נפֿתלי האָט זיך איינגע־גראָבן מיט די אייגעלעך, געשטאַנען און געשוויגן.

מענדל, דער באַלעבאָס, האָט צו אים געזאָגט:

—נפֿתלי׳לע, ווען דו זעסט עפּעס, וואָס ס׳איז דיר קשה, שעם זיך נישט און פֿרעג. אַז דו וועסט פֿרעגן, וועסטו זיך גיך אויסלערנען; ס׳איז קיין בושה ניט, אַז מען פֿרעגט!

— יאָ, רב מענדל, — האָט נפֿתלי געענטפֿערט, — געוויס וועל איך פֿרעגן. דערווייל האָב איך נישט וואָס צו פֿרעגן; כ׳וועל געוויס פֿרעגן, רב מענדל, כ׳וועל געוויס פֿרעגן! . . .

נפֿתלי האָט פֿאַרלאָרן זיין פֿאָטער און ער האָט געמוזט ווערן אַ בעל־מלאכה. די מוטער איז געוואָרן די בעל־פּרנסה־ניצה. זי האָט נישט געוואוסט מיט וואָס זיך צו פֿאַרנעמען. זי האָט קיין מאָל נישט צוגעלייגט אַ פֿינגער אין שטוב אַרבייט. דער מאַן איז געווען אַ וואַלד סוחר און זייער שיין פֿאַרדינט. פּרנסה האָט ניט געפֿעלט; געהאַלטן צוויי דינסטן אין הויז — אַ קעכין און איינע האָט גערייניקט און געוואַשן און געהאַלטן צויבער די שטוב. געלעבט אָן זאָרג, אָן

דאגה און אין דחקות . . . פאַר דער מוטער איז דער טויט פון איר מאַן ווי אַ דונער געקומען. זי איז געבליבן ווי אַ יתומה אָן אַ פאָטער: ס'איז פאַר איר שווערער געווען דער קלאַפּ, ווי פאַר די קינדער; זי איז שיער ארונטער פון מוח, פון זין.

די משפחה זיינען צוזאַמען געקומען און מען האָט געהאַלטן אַ מסיבה; ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען מוז לאָזן גיין די דינסטן, און מען דאַרף אויפגעבן די שיינע דירה, און נפתלי, דאָס עלסטע קינד, מוז מען אָפּגעבן פאַר אַ בעל־מלאכה.

מענדל שוסטער איז געווען אַ שטיקל קרוב פון דער משפחה, האָט ער זיך אליין אָנגעבאָטן צו נעמען נפתלין און מאַכן אים פאַר אַ גוטן שוסטער; ער וועט אים אויסהאַלטן: געבן קעסט און מיט מלבושים באַקליידן.

ער איז דאָך נאָך אַ קינד, אַ שוואַך קינד. מיר האָבן געוואָלט ער זאָל זיך לערנען, אויב נישט קיין רב, זאָל ער כאָטש האָבן אַן איידעלע מלאכה. דער פאָטער דוד, אים צו לאַנגע יאָר, האָט געוואָלט ער זאָל ווערן אַ בוכהאַלטער און ער וואָלט אים גענומען אין זיין מסחור אריין.

— ניין! — האָט זי זיך צעכליפּעט . . .

מענדל שוסטער איז אוועק אַ ברוגז'דיקער, אַ באַליידיקטער.

— שטייטש, — האָט ער גייענדיק אַ היים געטראַכט, — אַלע צאָלן נאָך מיר צו פאַר לערנען די מלאכה און אַרבעטן יאָרן אָן שכירות און זי וואַרפט זיך נאָך: עס שטייט איר נישט אָן! זי וועט נאָך משנה זיין.

אַזוי איז ער געגאַנגען ברוגז און פאַרשעמט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך פער'מוח'ט. ער האָט געטראַכט און זיך געשאָקלט, ווי ער וואָלט מנחה געדאַוונט. — ער האָט אויך אַזאַ מזל געהאַט, ווי נפתלי: זיין טאַטע איז אויך נפטר געוואָרן, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען: געווען אַ מלמד. די שטוב איז פול געווען מיט קינדערלעך און די מאַמע האָט געדאַרפט געלעגן ווערן. זי איז געווען מעוברת און אין הויז האָט דער דלות געקיניגט אין אַלע ווינקלעך. אגב, די מאַמע האָט זיך ניט פאַרלאָרן. זי האָט געזאָגט:

— גאָט וועט העלפן; גאָט העלפט די פויגל און דעם וואָרעם און ער וועט מיך אויך נישט פאַרלאָזן. די מאַמע איז אוועק מסחרן אין מאַרק; אַ סוחרטע מיט אייפּסן און זי, דאָס הייסט, זיין מאַמע, האָט נאָך געמוזט צוצאָלן זיין באַלע־באָס צען רובל און צוויי יאָר אָן אַ גראָשן שכירות. אַ פּרוטה נישט באַקומען פאַר גאַנצע צוויי יאָר.

— יאָ, — האָט ער אַ לעק געטאָן זיינע גראָבע ליפּן און אריינגענומען זיין באָרד אין דער לינקע האַנט, — יאָ, יאָ, — האָט ער ווידער זיך פאַר'מוח'ט און אַזוי איז ער אריין אין בית מדרש מעריב דאַוונען. דער דאַווענען איז אים אין מוח ניט געקראָכן: ער האָט דאָך אויך געקאָנט ווערן אַ מלמד, נאָר איך האָב געדאַרפט לחם לאכול ובגד ללבות, — בין איך געוואָרן אַ שוסטער, און אַ גוטער שוסטער אויך, — דאָס וועלן אַלע זאָגן, — אַ גוטער שוסטער אויך.

ווען זיין טאַטע פלעגט קראַנק זיין, פלעגט ער דאָך קנעלן מיט די קינדער: בין איך דאָך דער מלמד געווען.

לאהלע, די אלמנה, נפתלים מאַמע; לאהלע די שטילע, פלעגט מען זי רופן; לאה'לע די גבירטע. לאה'לע צעטקין; ווער האָט נישט געוואוסט פון לאה'לע צעטקין? לאה'לע פלעגט געבן צדקה פאַר יעדע קהלה'שע ענינים . . . אַ גאָלדענע האַרץ האָט זי גיהאַט, וואו אַ האַנט אויסגעשטעלט — האָט עס געקראָגן.

דער מצב איז געוואָרן ווי אַ יעריד; די גאַס איז פול געווען מיט שמועסן.

דער רב האָט גערופן די גבירים־עשירים צו א מסיבה משייכות לאה׳לע צעט־קין . . .

— מען טאָר לאהלען נישט פאַרזען און פאַרלאָזן, — האָט דער רב געטענה׳ט, מע טאָר ניט, רבתי, זי האָט תמיד גיהאַט אַן אָפענע האַנט; זי האָט תמיד גע־געבן ווען מען האָט געבעטן: רבתי, ס׳איז אונדזער הייליקער חוב זי צו פאַר־זאָרגן! אויב מיר וועלן נישט קומען צו איר הילף, וועט אונדז גאָט נישט פאַר־געבן, — איר הערט יידן, — נישט פאַרגעבן! . . .

אלע זיינען געזעסן און נישט אַ וואָרט פון קיינעם . . .

— יידן, הערט, — האָט ווידער דער רב ניט זיכער געשטאַמלט אביסל, — רבתי, מיר מוזן איר מאַכן אַ קרעמל, אַ קליינס כאַטש . . . זאָל יעדער מנדוב זיין מער ווי ער קען, מער רבתי! ווער איז מנדב די ערשטע נדבה?

ס׳איז געווען שטיל, ווי פריער געווען. יעדער האָט געוואַרט אויף דעם ערשטן מנדב׳ער . . . נאָר קיינער האָט נישט געצייגן די האַנט אין קעשענע. יעדער האָט געוואָלט זעען וואָס דער ערשטער וועט אָוועקלייגן, וויפיל ער וועט געבן! . . .

— רבתי, זאָגט ווידער דער רב, — וואָס שווייגט איר?

מענדל שוסטער האָט זיך אַשטעל געטאָן:

— רבי, איך וועל נעמען נפתלין, דעם עלטערן ייִנגל און וועל אים געבן לחב לאכול ובגד ללבות — עסן און קליידן און אים מאַכן פאַר אַ גוטן בעל מלאכה. איר ווייסט דאָך, רבי, אַז איך בין א גוטער שוסטער.

—יאָ, רב מענדל, אַלע ווייסן, און איר האָט אַ גאָלדן לב, ר״ב מענדל. און איך, — האָט ער געזאָגט, — וועל דער ערשטער געבן חי־קערבעלעך און זאָל דאָס זיין פאַר א רושית, פאַר אַ התחלה. נו, וואָס שווייגט ווידער קהל?

אחד באחד האָט געגומען לייגן מטבעות. ווען די מזמנים איז איבערגע־ציילט געוואָרן, האָט דער רב זיך געווענדט צו די בעל־מלאכות און צו זיי געזאָגט בזה־הלשון:

— איר בעל־מלאכות, איך ווייס, אייך איז שווער צו געבן מזומן־געלט, נאָר איר זאָלט א מנדב זיין אייערע ידים, אייער מלאכה עבודה; מע דאַרף פאַליצעס, מע דאַרף פארבן די פאַליצעס, מע דאַרף מאַכן א שיין; אַ שלאָסער אויך — וכדומה . . .

פון יענער מסיבה האָט מען געזאַמלט מזומנים גענוג צו עפענען אַ קרעמל פאַר לאה צעטקין. אַ בשמים קרעמל, אַ באַקאַליינע קרעמל.

דער עולם האָט זיך גענומען צו דער עבודה און אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז לאה צעטקין, די שטילע ווייבעלע, געוואָרן אַ בעל־פרנסה׳ניצע — אַ סוחרטע . . .

די הורטאָוונע קרעמער האָבן אריינגעבערענגט מכל־טוב און קיין פרוטה נישט געבעטן. דער רב האָט געצאָלט . . . און געצאָלט האָט ער, ווי אַ וועמען: א רייכן און עושר הורטאָווניק האָט ער גאָר ווייניק געגעבן. אגב, אַ קלענערן, וואָס האָט נאָר געוויסע סחורות געהאַט, האָט ער אביסל מערער אונטערגע־שטופט . . . האָט ווער אַ קרומן פנים געמאַכט, האָט ער געזאָגט:

וויפיל איר זאָלט פאַר איר נישט מנדב זיין, האָט זי צען מאָל אַזוי פיל מנדב געווען; איר מאַנס פאַרמעגן ווייסט מען נישט וואו ס׳איז אַהינגעקומען! שלעכטע מענטשן האָבן עס אוועקגערויבט, צו׳גנבה׳ט; גאָט וועט זיי באַשטראָפן; גע־לאָזן אַן אלמנה מיט יתומים אָן אַ מעגלעכקייט זיך צו דערנערן — אַזוינע גזלנים, רשעים! . . .

לאה׳לע האָט זיך זייער נישט אויסגעטייגט אין געשעפט. האָט זי עפּעס

געוועגן, האָט זי תמיד איבערגעוועגט און די פּרנסה איז צו ניוועץ גיגאַנגען. און אין עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זי גימוזט נאָכגעבן מענדל דעם שוסטער. אַ שטיקל קרוב, ער זאָל נפתלין מאַכן פאַר אַ שוסטער . . .

* * *

מענדל האָט אַמאָל געזאָגט צו נפתלין, — דאָס איז געווען ווען נפתלי איז בר־מצוה געוואָרן:

— הער נאָר נפתלי, אַז דו וועסט ווערן זעכצן יאָר, וועל איך דיר געמען פאַר מיין איידעם. ווי געפעלט דיר מיין רייזעלע? איך זע אַלע מאָל קוקסטו צו איר זייט; קוקסט איר נאָך ווען זי גייט דיר פאַרביי. וואָס שווייגסטו, נפתל'קע?

נפתלי איז רויט געוואָרן און גע'שרפה'ט ווי פייער. זיין בלאָנדן קאָפּ האָט ער אריינגעגראָבן אין קאַפּיל און געשוויגן און גיך גיקלאַפּט די הילצערנע צוועקלעך. יעדע רגע אריינגעוואָרפן עטלעכע הילצערנע צוועקלעך אין מויל און דער האַמער איז געלאָפן ווי עמיצער וואָלט דאָרט אריינגעוואָרפן, אריינגעשטעלט א מאַשינקע מיט אַ פּרוזשינע . . . ער האָט געשוויגן.

— שעם זיך נישט, נפתל'קע, יעדער בחור ליבט אַ מיידל, און יעדע מיידל ליבט אַ בחור . . .

— אָבער איך בין דאָך נאָך אַ יינגל, — האָט ער בייז און פאַרשעמט גי־ענטווערט.

— איך מיין ניט ייצט, נפתל'קע, הגם ביזט שוין אַ מאַנצביל . . . אַז מען ווערט בר־מצוה, ווערט מען אַ מאַנצביל . . . ווייסטו גאָר וואָס? — האָט גי־זאָגט מענדל, — נפתל'קע, פאַר נאַדן וועל איך דיך מאַכן פאַר אַ שותּף צו מיר. איך וויל נאָר, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז רייזעלע איז דיין כלה; זאָלסט שרייבן תנאים מיט איר און אַז דו וועסט ווערן זעכצן יאָר, אָדער אַכצן יאָר, ווי דו וועסט וועלן; וועסטו וועלן חתונה האָבן פריער, צו זעכצן, אָדער צו אַכצן, איז ביי מיר אויך טוב . . . נאָר איך וויל תנאים, אַז דו וועסט זיין מיין איידעם, רייזעלעס מאַן. זאָג מיר, נפתל'קע, וואָס פילסטו ווען דו קוקסט נאָך רייזעלען? אמת, זי איז אַ יפת־טואר? האָסטו ווען געזען אַזוינע לאַנגע האָר? עס דערגרייכט איר ביז די קניען, און אַ פּנים ווי אַ קוקלע. און וואָס פאַר א בריה זי איז! — זי טוט דאָך אַלץ אין שטוב! — וואַשט, קאָכט, באַקט און רייניקט די הויז; זי נייט דאָך אליין אירע מלבושים, די קליידלעך. וואָס וואָלט חיה'לע, מיין ווייב, גיטאָן אָן איר מיט זעקס קינדערלעך? זי איז דאָך כמעט די מאַמע, ניט חיה'קע! חיה'חע איז דאָך אַ שוואַכע און אַלץ פאַלט אויף די יונגע פּלייצעס פון רייזעלען, זאָל זי לעבן און שטאַרק זיין און כוח האָבן.

— יאָ, רב מענדל, — האָט נפתלי, איינגעגראָבן ווידער זיין בלאָנדן קאָפּ צום קאַפּיל און ארויסגעשטאַמלט, — געוויס געפעלט זי מיר, רב מענדל . . .

מענדל האָט א הויב געטאָן נפתל'ס קאָפּ און האָט אונטערגערוקט זיין האַנט אונטער זיין גאָמבע.

— אָט אַזוי רעדט אַ מאַנצביל; אָט אַזוי רעדט אַ בחור! ווייסטו נפתלי ווען איך האָב זיך פאַרליבט אין מיין חיהקען? ווילסטו הערן? וועסט נישט גלויבן: איך בין דאַן אלט געווען אין גאַנצן ניין יאָר און זי—אַכט. מיר האָבן זיך געשפּילט אין גאַס. האָב איך איר גיזאָגט: חיה'קע, ווען איך וועל אַ גרויסער ווערן וועל איך מיט דיר חתונה האָבן.

— און וואָס האָט זי אייך געזאָגט, — האָט נפתלי אויף אים גיקוקט און געוואָרט פאַר אַ ענטווער.

— אָ, גוט, — האָט זי זיך צעטאַנצט און געלאָפן זאָגן דער מאַמען, וואָס איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל מיט איר חתונה האָבן. ווען איך בין געוואָרן זעכצן יאָר, האָב איך מיט איר חתונה געהאַט. אגב, האָט זי געוואוסט אַלע יאָרן, אַז איך בין איר חתן און איך האָב געוואוסט, אַז זי איז מיין כלה, — פאַרשטייסט? דערפאַר וויל איך דיר פּער׳קנס׳ן צו רייזעלען . . . איך האָב געזען ווי דיינע אייגעלעך גייען איר נאָך, ווען זי גייט דיר פאַרביי . . .

— איך האָב זי טאַקע ליב, רב מענדל, זייער ליב; איך האָב נאָך אַזאַ שיינע ווי זי נישט געזען, און זי זינגט אַזוי שיין ווי אַ זינג פויגעלע . . . אַרבעט און זינגט, זינגט און אַרבעט.

— זאָג מיר נפתל׳קע, שעם זיך נישט, ס׳איז ניט קיין בושה: ביזט שוין אַ מאַנצביל? . . . ווען דו קוקסט אויף איר, וואָס פילסטו, בחורל? שעם זיך נישט. מיר זיינען מאַנצביל׳ס, וואָלסטו ניט וועלן זי קושן, — אַ קוש טאָן? . . .

נפתלי האָט זיך אַ שטעל געטאָן און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

רייזעלע איז אריין אין שטוב און אַזאַג־געטאָן:

— וואָס איז מיט נפתלין, טאַטע? וואָס איז ער אַזוי אַרויסגעלאָפן? האָסט אויף אים געשריען?

— ניין, ניין טאָכטער, קום נאָר אַהער מיין קינד, — און האָט זי אַקוש־געטאָן.

— ווייסט וואָס מיין טאָכטער? — איך וויל דיר פּער׳כנסן צו נפתלין, איך וויל אים פאַר אַן איידעם. איך וויל אים פאַר דיין מאַן. ער זאָל מיט דיר חתונה האָבן.

און דאָ איז אריין די מוטער:

— וואָס רעדסטו חתונה האָבן? זיי זיינען נאָך קינדער. וואָס באַלבעסטו, מענדל?

— חיה׳לע, ווען דו ביזט אַכט יאָר אַלט געווען, האָב איך דיר געזאָגט, אַז איך וועל מיט דיר חתונה האָבן, און דו האָסט זיך צעטאַנצט און געלאָפן צו דיין מאַמען איר אָנזאָגן, אַז איך וועל מיט דיר חתונה האָבן. געדענקסטו? און נפתלי האָט ליב רייזעלען, חיה׳קע; ער האָט גאָלדענע הענט, דער נפתל׳קע, ער איז לרצון.

— ווילסטו זיין אַ מתרגמן? — האָט חיהקע געזאָגט.

נפתלי האָט זיך שטיל אַריינגעשלייכט און האָט זיך צוגעשאַרט צום וואַרק־שטאַטל און גענומען אַ שוך שטעכן און קלאַפן האַלצערנע בעגעלעך. די קאַפּ טיף אריינגעבויגן און מיט אַ ברענענדעם פּנים.

די מוטער און רייזעלע האָבן פאַרלאָזן דעם חדר אָן אַ וואָרט.

דורך וועטשערע האָט נפתלי אַ וואָרט נישט גערעדט. האָט זיך געפילט דערשלאָגן, פאַרשעמט.

רייזעלע, גראַדע, האָט אָנגעטאָן איר שבת׳דיקע פלאַציע, פאַרפלאָכטן אירע לאַנגע האָר אין צוויי צעפּ און האָט געגרייט צום טיש. זי האָט היינט געשטעלט דעם טאַטנס טעלער, מיט די באַגולטע ראַנדן לעבן נפתלין. נפתלי איז נאָך מער רויט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען ר״ב מענדלס טעלער לעבן אים. ער איז געוועזן אויסער זיך. ער האָט גענומען דאָס טעלער און צוגערוקט צו ר״ב מענדלען קאַריק.

— וואָס איז מיט דיר נפתלי? — האָט ר״ב מענדל געזאָגט, — רייזעלע האָט

דיר געגעבן די טעלער; וואָרום גיסטו זי צו מיר קאַריק? וואָרום שטעלסטו די טעלער נעבן מיר?

חיה׳לע, די מוטער, איז צוגעגאַנגען צו נפתלין און האָט אים אַ קוש געטאָן און צוריק געשטעלט די טעלער לעבן נפתלין:

— שעם זיך ניט מיין קינד, שעם זיך ניט! דו האָסט דאָך ליב רייזעלען. אפשר ליבט זי דיך אויך? ס׳איז נאָר שווער די ערשטע טעג, — דיין הערצעלע קלאַפּט, — און האָט אים ווידער אַ קוש געטאָן. זיי אַ מאַנצביל, נפתלי! מיר געפעלסטו זייער; ביזט דאָך ביי מיר ווי מיין אייגן קינד.

נפתלי האָט זי אַרומגעכאַפּט און זיך צעכליפּעט . . .

— וויין, וויין מיין קינד, וועט דיר גרינגער ווערן . . . נאָך געוויין ווערט גרינגער . . . ווען מיר איז שווער אויפן האַרצן, וויין איך זיך אויס, ווערט מיר גרינגער און איך פיל גוט! . . .

רייזעלע האָט זיך אַרויסגעיאָגט אין קיך און האָט זיך אויך צעכליפּעט.

— רייזעלע, — האָט דער פאָטער זי גערופן, — אויפן פּאָליצע שטייט דאָרט אַ פלעשל משקה, וואָס איז איבערגעבליבן פון פסח, ברייננג עס אריין, מיין טאָכטער.

רייזעלע האָט נישט גיענטווערט. די מוטער האָט עס אריינגעבראַכט און ווינקענדיק צום מאַן מיטן פינגער, האָט זי געוויזן צום אויג, — אַז רייזעלע האָט אויך געוויינט.

רייזעלע, פאַרשעמט, וואָס דאָס האָט קיינמאָל נישט פריער פּאַסירט, אַז רייזעלע זאָל אַזוי זיך באַנעמען; די פריילאַכע רייזעלע האָט זיך אריינגעשלייכט אַ שטילינקע, אַ באַשיידענע, און געבליבן שטיין ביים טיר.

— וואָס גרייטסטו נישט צום טיש מיין טאָכטער? — האָט די מוטער גע־זאָגט, — גרייט צום טיש מיין טאָכטער.

רייזעלע האָט גיך גענומען אריינטראָגן די וועטשערע, וואָס, לכבוד נפתל׳ן, האָט מען היינט געקאָכט, — גאָר אַ יום־טוב׳דיקע: פיש און אַ שטיקל אוף און פלוימען צימעס . . . ניט קוקנדיק אויף נפתלין, האָט זי אים צוגערוקט אַ היפּשן חלק, פונקט ווי דעם טאָטן. נפתלי האָט אויף איר אויך נישט געקוקט און די גאַנצע צייט די קאָפּ גיהאַלטן ארונטער און געשוויגן . . .

נאָכן עסן זאָגט מענדל צו נפתלין, אַז ער זאָל מיט אים אַרויס אין גאַס. נפתלי האָט עס גערן גיטאָן. ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם שבת׳דיקן רעקל און איז מיט ר״ב מענדלען אַרויס אין גאַס. ר״ב מענדל האָט אים געפרעגט:

— דו ווייסט וואו מיר גייען, נפתלי? נפתלי האָט געשוויגן א ווײַלע.

—איך בין זיך משער, — האָט ער שטיל געענטווערט, — איר גייט צו דער מאַמען?

— האָסט נישט אויסצוזעצן, נפתלי?

— ניין, ר״ב מענדל, כ׳בין צופרידן!

— איז טוב! קום גיכער, ס׳ווערט שפּעט און דיין מאַמע איז אויסגע־מאַטערט . . .

— יאָ, מיין מאַמע אַרבעט שווער, זייער שווער, האָט קיינמאָל אַ פינגער אין וואַסער נישט אריינגעטאָן.

— אַזוי איז דאָס לעבן, נפתלי . . . אַזוי איז דאָס לעבן, נאָר ס׳וועט — עולה־יפה־זיין, נפתל׳קע.

דער מוטער האָט דערפרייט צו זען נפתלין, און נאָך מער האָט איר גע־

פרייט די נייעס . . . לאהלע האָט צוגעדריקט איר זון צו איר פלאַכע ברוסט און האָט אים באַדעקט מיט קושן און געוויינט . . .

— רייזעלע איז דאָך אַ גאָלדן קינד, אַזאַ שיינע, קלוגע, און געראָטענע, מיין זון, — געפעלט זי דיר מיין קינד?

נפתלי האָט געשאָקל מיטן קאָפּ: — יאָ.

— זאָל עס זיין מיט מזל. ר״ב מענדל, זעצט זיך צו, כ׳וועל לייגן די קינדער שלאָפן, וועל איך גיין צו אייך. וואָס מאַכט עפּעס חיה׳לע?

—שוואַכלאַך. אַ דאַנק גאָט פאַר רייזעלען: זי איז די גאַנצע באַלע־באָסטע! . . .

— איך ווייס עס, — האָט לאה׳לע געזאָגט, — איך ווייס עס, אַ טייער קינד. זעצט זיך רב מענדל, כ׳בין באַלד פאַרטיק.

פאַרטיק געוואָרן מיט די קינדער האָט זי עפּעס ארויסגענומען פון אַ קעס־טעלע, וואָס ס׳איז געשטאַנען אויפן קאָמאָד און האָט עס איינגעפּאַקט.

— נו, איך בין פאַרטיק, — האָט זי געזאָגט. און איר, קינדערלעך, — האָט זי געזאָגט צו די קינדערלעך, — שלאָפט געזונטערהייט. און דו, רבקה׳לע, — האָט זי געזאָגט צו איר עלטער מיידעלע, — נעם אַכט, מיין טאָכטערל, אויף די קינדערלעך; זע זיי זאָלן זיך נישט אַפּדעקן. איך וועל באַלד צוריק קומען, מיין קינד, וועלן מיר עפּעס פערכאַפּן דאָס האַרץ. אָך, ר״ב מענדל, — צער־גדול־בנים.

— יאָ, לאה׳לע, — צער־גדול־בנים און טרדות־הזמן! . . .

— נו, קומט, נו מיר גיין, — האָט זי געזאָגט, און מען איז ארויס אין גאַס.

אריינקומענדיק צו ר״ב מענדלען אין שטוב, האָבן די ווייבער זיך אַרומ־געכאַפּט און מיט פריידיק טרערן זיך געקושט. רייזעלע, מיט אַ פאַרשעמטן פּנים איז נאָך אַלץ געווען אָנגעטאָן אין דער שבת׳דיקער קליידל, מיט די לאַנגע צוויי צעפּ און האָט געקוקט אויף נפתליס מוטער. אירע אויגן האָבן געבליצט פון אויפרעגונג און נייגער. אַלע האָבן זיך צעזעצט אַרום טיש, וואָס ייצט איז גע־ווען פאַרדעקט מיט אַ ווייסער טישטעך און דער סאַמאָוואַר האָט געזשיפּעט פון דער שלאָגענדיקער פאַרע, וואָס האָט געזעצט גלייך און זיך אויבן צושפּרייט. מען האָט געטרונקען טיי מיט וואַרענע און מען האָט געשמועסט. רייזעלע האָט אַלע ווילע צוגעשטופּט צו לאהלען די וואַרענע. רייזעלע האָט אַלימען באַדינט. אירע קליינע בריסטלעך האָבן זיך גענומען באַוועגן און לאה׳לע האָט אין זיך גערעדט:

— מיין טייער קינד, וועסט געוויס מאַכן גליקלעך מיין זון, און וואָס פאַר שיינע אייניקלעך וועסטו מיר געבן, מיר שיינקען! . . . געבענטשט זאָלסטו זיין! . . .

פאַר אוועק גיין, נאָכן שמועס, נאָך מסקנה־זיין, אַז מען וועט בקיצור שרייבן תנאים פאַרמעל, און ווען די קינדער וועלן וועלן חתונה האָבן, וועלן זיי חתונה האָבן, האָט לאהלע צוגערופן רייזעלען:

— רייזעלע, קום נאָר אַהער צו מיר, מיין קינד; שטעל זיך קעגן מיר, נו מיך דיר גוט אָנקוקן, מיין קינד: ביזט אַ שיין מיידל, רייזעלע. געפעלט דיר נפתל׳קע? ווילסטו מיט אים חתונה האָבן, ניט תקיף, אין עתידות, ווען איר וועט אונטערוואַקסן. דערווייל וועט מען אייך פער׳קנסן, שרייבן די ראָשי־פּרקים תנאים. איר וועט זיין חתון כלה. און איר, ר״ב מענדל, יאָ, צו ווייסט איר, אַז מיין זיידע איז געווען אַ רב? נישט אַלע קרובים ווייסן, אַז מיין זיידע, פון דער מאַמעס צד, איז געווען אַ רב.

— יאָ, לאהלע, איך האָב געוואוסט! מיין טאַטע, ז״ל, פלעגט ריידן פון אייער זיידן: עקר־שכחת, — ער איז דאָך געווען אַ בעל־מקובל און אַ בעל־מחשבות: ער האָט דאָך אַ ספר פערפאַסט. אַזאַ גדול, — ער האָט מיט די ליפּן געמאַכט גרימאַסן און מיטן רעכטן האַנט געשאָקלט: אַ בעל־לשון . . . גאָר אַ קלייניקייט, יצחק׳ל זייטלין! הו! . . . אַזאַ גדול הדור . . .

— נו, געגוג, — האָט לאה׳לע געזאָגט. נו, וואָס זאָגסטו, רייזעלע? ווילסטו חתונה האָבן מיט נפתלין? געפעלט ער דיר? ווילסטו ווערן זיין כלה?

— זייער צופרידן. ער געפעלט מיר זייער, מאַדאַם לאה, און איך וועל איך ליבן ווי מיין מאַמען, ווי מיין מאַמען! . . .

— איך דאַנק דיר, רייזעלע. זי האָט אויפגעפּאַקט דאָס פּעקעלע, וואָס זי האָט געברענקט מיט זיך. זי האָט ארויסגענומען אַ קליינעם מעדאַליאָן מיט אַ גאָלדן קייטעלע. אין מיטן פון מעדאַליאָן איז געווען אַ דימענטל און אַרום דעם מעדאַליאָן, וואָס איז געווען ווי אַ הערצעלע — איינגעפאַסט מיט רויטע רובינען.

— בויג זיך איין, רייזעלע, איך האָב דיר געבראַכט אַ מתנה, — די מתנה האָט מיר אַמאָל געגעבן מיין שוויגער, ווען איך בין פער׳קנס׳ט געוואָרן, ז״ל, צו מיין זעליקן מאַן. זי האָט אַוועשגעטאָן מיט איר באַזטיכל איבער די אויגן . . .

רייזעלע האָט זיך געשטעלט אויף די קני, הארט צו לאה׳לעס קני און האָט איר געקוקט גלייך אין די אויגן מיט אירע בלאָע־ בליצנדע, אומשולדיקע אויגן.

— דיינע אויגן, — האָט לאה׳לע געזאָגט, — שייַנען ווי דימענטן, — און האָט אָנגעהאָנגען דאָס מעדאַליאָן מיט דער גאָלדענער קייטעלע אויף איר שוואַנען האַלדז . . . און האָט זי צוגעדריקט צו זיך און זי באַשאָטן מיט קושן.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט: ייצט מוז איך זיך היילן אַהיים, כ׳דאַרף אויפ־שטיין פרי עפענען די קראַם, מיין געשעפט.

— גיי מענדל באַגלייט לאה׳לען, און דו נפתלי אויך, גייט ביידע זי באַ־גלייטן.

די ווייבער האָבן ווידער זיך געהאַלזט און מיט טרערן זיך געקושט און זיי זיינען גרייט געווען אַוועקצוגיין:

— מעג איך גיין אייך באַגלייטן, מאַדאַם לאה? — האָט רייזעלע געפרעגט.
— מעג איך?

— געוויס, מעגסטו, מיין טייער קינד, — האָט זי לאה צוגעדריקט צו איר זייט און זיי האָבן פאַרלאָזן די שטוב.

— גייט געזונטערהייט, לאהלע און מזל־טוב צו אונדז אַלעמען . . . האָט חיה׳קע ביים טיר איר געזאָגט.

אין א ווינטער נאַכט פון יענע טעג

די נאַכט איז געווען אַ שטילע. די לבנה האָט מיט אַ געלבלעך־מאַטן גלאַנץ איינגעהילט די אַטמאָספערע. דער ווייסער שניי האָט געשפריצט ווי פינקלדיקע דימענטלאַך. פון ווייטן האָט זיך אַ פּאָרל, גייענדיק גיאַרעמט, צו־געטוליט איינער צום צווייטן. ער — אין אַ פוטערל, זי — אין אַ רעטאָנדע, אַ פייגע רעטאָנדע. דאָס גרוילעכע פאַרב פון דער רעטאָנדע האָט געמאַכט צו דערקענען, אַז ס׳איז אַ פייגע. אויך די היטעלע, וואָס זי האָט גיטראָגן איז געווען אַ פייגע. ס׳איז געווען אַ גאַנץ פשוטע היטעלע, ווי אַ פּאַן קיילעכדיק, מיט אַ פלאַכן דעקל. זי איז געווען יונג, אירע טריט אין דעם שניי האָבן געלאָזן קליינע טריטעלעך, אַפילו פון די קאַלאָשן. זי איז ניט קיין פעטע געווען.

ער, האָט אויסגעדוכט, אַז ער איז מער ווי צוויי מאָל פון איר דיק און העכער פון איר מיט אַ צען „אינטשעס״. זיין פוטעריל איז געווען פון אַ געוואַב־טענעם איבערדעק, נאָר דער קאָלנער פון קאַראַקול. זיין שוואַרצקייט האָט אַזש געגלאַנצט פון ווייטן אונטער דער לבנה, דער מאַנטל איז געווען פאַרקנעפּלט מיט געפלאָכטענע, זיידענע בענדלעך, וואָס זיינען געווען אַנגענייט אויפן אויבער־געוואַנט. ער האָט געטראָגן אַ קאַראַקולינע היטל, אַביסל העכער ווי אַ יאַרמלקע: ווי א חזנס יאַרמלקע. זיינע טריט האָבן אין דער ברייט פון זיינע קאַלאָשן געוויזן אין דעם שניי צוויי מאָל די ברייט, און כמעט איינס און אַ האַלב אין דער לייגג פון אירע טריט. ס׳איז געווען א היפּשער מאַנס־פּאַרשוין; נאָך זיין בערדל, איז ער, ווייזט אויס, נישט געווען קיין יונגער מאַנס־פּאַרשוין.

ער האָט אַרופגעטאָן פון איבערן וועג:

— איזוואָזטשיק!

דער איזוואָזטשיק האָט אַלאָזגעטאָן די לייצעס און די גלעקעלעך האָבן אַציטערגעטאָן, און דער גלאַנציקער שליטעלע האָט זיך אַגליטשגעטאָן, און אָט איז ער שוין געשטאַנען לעבן דאָס פּאָרל. דער קוטשער האָט אַהויב געטאָן אַצודעק פון שעפּשענע פעל, וועלכע איז אויבן געווען באַדעקט מיט לעדער. דאָס פּאָרל האָט זיך אריינגעזעצט, איינגעדעקט מיט דעם שאָפּענעם איינדעק, און געזאָגט אים וואו צו פאָרן. דער איזוואָזטשיק האָט אַהויבגעטאָן זיין פוטעריל, וואָס ס׳איז געווען פון שוואַרצע שעפּענע פעל, מיט אַהויכן קאָלנער, און האָט פאַרציינגן זיין רימענעם פּאַסיק און אָפּגעגלעט דאָס פראָסט פון זיינע לאַנגע וואָנצעס, אָנגעטאָן זיינע פּעלצענע הענדטשקעס, אריינגענומען די לייצע, און אַזאָג־געטאָן:

— העי, דאָוואַי! — מיט אַ שמיץ דערצו . . .

דער שליטל האָט אַציגעטאָן און די גלעקעלעך האָבן זיך צעזונגען און גע־וועקט די פאַרשלאָפענע, שטילע גאַס — און איז פאַרשוואונדן.

ער האָט זי געבראַכט צו דער הויפּט גאַס פון שטאָט, וואו ליכט האָט גע־בלענט די אויגן . . .

ער האָט ווידער דעם איזוואָזטשיק געהייסן וואו אים צופירן, אין וועלכן רעסטאָראַן. צוויי גרויסע קאַלפּאַקן האָבן פון ווייטן אויסגעדוכט ווי צוויי לבנה׳לעך און דער איזוואָזטשיק האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָרטן.

דער מאַן האָט באַצאָלט דעם איזוואָזטשיק, און יענער האָט אים שטאַרק באַדאַנקט.

אין רעסטאָראַנט, ווייזט אויס, האָבן די לאַקייען אים שוין געקאַנט; מען האָט אים אויסגעטאָן זיין פוטערל; אויך איר די רעטאָנדע און מען האָט זיי אריינגעפירט אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג. ס'איז דאָרט געשטאַנען אַ שיין טיש און עטלעכע שטולן און אַ קליידער אלמער און אַ דיוואַן אין ווינקל פאַר אָפּרוען זיך. דער טיש איז געווען כמעט פיר־עקיק, נאָר עטלעכע „אינטשעס" לענגער: ס'איז דאָרטן געווען אָנגעשטעלט אַלערליי ליקערס־ווײַנען, שנאַפּס און סעלצער, אָדער שאַמפּיין. אַלערליי דעליקאַטעסן: קאַוויאַר, אַלערליי וואורשטן און אַנדערע אַפּעטיטנע צוגרייטונגען.

—מאַך זיך באַקוועם, — האָט ער איר געזאָגט . . .

זי האָט אַראָפּגענומען איר קאַפּטל, צעלאָזן אירע בלאָנדע לאַנגע האָר און הויך אַהויבגעטאָן אירע אויגן, איר שיינעם קיילעך פּנים, און שטיפעריש זיך אריינגעזעצט אין שטול . . .

— גיב מיר עפּעס זיך דערפרישן, — האָט זי געזאָגט שטיפעריש . . . איר קליינער, אויסגעבויגענער גופל האָט געשטיפט . . . זי האָט אויסגעקוקט אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק.

ער האָט איר אָנגעגאָסן אַ גלאָז שאַמפּיין און זיך דאָס גלייכן. ער האָט אַראָפּגענומען זיין קוטשמע־הוט און אַ וואַלד מיט האָר האָט זיך צעשאָטן אַרום אים. ביי די שליפן האָבן זיך גראָיקייט באַוויזן. ער האָט אויסגעקוקט נאָך זיין גלאַטן, לאַנגלעך פּנים פון אַ יאָר פערציק. טיפע שוואַרצע ליידנשאַפטלעכע אויגן, מיט אַ לאַנגלעך סעמיטעשן נאָז, מיט פעטלעכע ליפּן, מיט אַ פראַנצייזיש בערדל. ער האָט גערעדט מיט אַ באַסאָווע שטימע.

זיי האָבן געטרונקען. ער האָט איר געוואָלט מער און מער געבן צו טרינקען . . .

זי האָט זיך אָפּגערופן:

— איך דאַרף מיר נישט מאַכן שיכור, — און איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אַרומגענומען — און אַ קוש געטאָן.

— איך ווייס וואָרום איך בין דאָ: איך בין דאָך מיט אייך געגאַנגען . . .

* * *

ווען זיי זיינען ארויס פון רעסטאָראַן, האָט ער אַרופגעטאָן:

— איזוואָזטשיק! — און זי אריינגעזעצט און זי אַ קוש געטאָן, — איך האָב מורא כ'האָב פאַרשפּעטיקט דעם טעאַטער, — האָט ער געזאָגט, — צום ווידערזען . . .

— מאָרגן פאָרט מיין מאַן קיין פּעטערבורג פאַר אַ גאַנצן חודש! . . .

— יאָ?! — האָט ער זיך צוגעבויגן און ארויסגענומען אַ באַנק־נאָט: — אָט וועט איר האָבן צו באַצאָלן דעם איזוואָזטשיק; כ'וועל אייך לאָזן וויסן . . . און איר ווידער אַ קוש געטאָן.

— אַ גוטע נאַכט! . . .

זי האָט אים געוואָרפן אַ לופט־קוש און געזאָגט:

איך וועל קומען צו אייך אין טיאַטער: איינשטימינג?! . . .

— יאָ, אין טיאַטער! . . . זייער גוט! . . . איינשטימיק! צום ווידערזען . . .

דער איזוואָזטשיק האָט אַ שמיצגעטאָן די פערד און דער שליטן האָט זיך צ'קלונגען און די יונגע דאַמע האָט זיך טיפער איינגענורעט אין איר פייענער רעטאָנדע, — אַ צופרידענע, מיט אַ קליינעם זאַטן שמייכעלע . . .

נ. י., 1912

ברוך אתה בבאך — ברוך אתה בצאתך

ס'איז געווען אין סוף, ווען דייטשלאַנד האָט זיך אונטערגעגעבן. אין קאָנ־צענטראַציע לאַגער זיינען די שומרים, די מושלים, ארומגעלאָפן ווי פאַרצווייפלטע חיות; אַנדערע ווי ווילדע חיות האָבן נאָך ניט געוואָלט גלויבן, אַז אַלץ איז פאַרלאָרן, קאַפּוט . . . נאָר אינעווייניק האָט געגעסן ווי אַ קאַנסער, — האָבן זיי נאָך עטלעכע שקלאַפן געשלאָגן און געמאַטערט און אָנגעטאָן יסורים . . .

די נייס איז דאָך דערגאַנגען אין קאָנצענטראַציע: גראַדע אַ דייטש, וואָס איז אויך געווען אין קאָנצענטראַציע — אַ פאַרשיקטער, האָט גראַדע די גוטע בשורה געבראַכט, אַז היטלער האָט זיך אונטערגעגעבן: ער, דער ערשטער האָט אַרויסגעריסן די בייטש פון אַ שומר, וואָס האָט געוואָלט שלאָגן אַ יידן.

דער ייד, ד"ר סאַלאָמאָן ראַוויטש, איז נאָענט געווען בעפריינדעט מיטן דייטש — אויך געווען אַ באַרימטער דאָקטאָר מיטן נאָמען מאַרק האָפּענגאַפּן. דער דייטש איז געווען אַ סאָציאַליסט, האָבן זיי אים פאַרשיקט אין 1944 — אַ קורצע תקופה איידער היטלער האָט זיך אונטערגעגעבן. ער איז נאָך גאַנץ שטאַרק געווען. אגב דער יידישער דאָקטאָר, וואָס איז שוין פילע יאָרן דאָרטן געווען, איז געווען אָפּגעשוואַכט . . .

ביידע, מיטן טיטל דאָקטאָר, זיינען זיי דאָך קיין מעדיצינער נישט געווען: דער יידישער דאָקטאָר איז געווען אַ פילאָסאָפער, און דער דייטש איז געווען ד"ר פון געזעץ. פאַר דער קורצער תקופה וואָס מען האָט דעם דייטש אריינגע־וואָרפן אין לאַגער האָט ער זיך גוט בעפריינדעט מיטן יידישן פילאָסאָף און ער איז אים טייער געוואָרן. אגב, דער ייד האָט זייער זיך געהיט פאַרן דייטש: ער האָט מורא געהאַט טאָמער איז ער געווען אַ שפּיאָן: ווי קומט צו אַ דייטש מען זאָל אים פאַרשיקן אין קאָנצענטראַציע לאַגער? מסתמא אים געשיקט שפּיאָנירן אויף די יידן. ער האָט תמיד געלאָזן אים ריידן און ער אליין האָט געשוויגן . . .

דער דייטש האָט אַמאָל צו אים געזאָגט:

— איך בין נישט בייז אויף אייך, וואָס איר לאָזט תמיד מיך ריידן און איר שוויגט. נו מיך אייך מודה זיין: איך וואָלט אָהער נישט אריינגעפאַלן; בין איך פון מיין קינדהייט אַ בונטאָר . . . איך האָב זיי קריטיקירט עטלעכע מאָל פאַר די רשעות וואָס מען טוט די יידן . . . האָט איינער אָנזאָגעטאָן: אפשר איז מאַרק פון יידישן אָפּשטאַם? און כך־הווה: עטלעכע זיינען אַוועק זוכן אין די ביכער — מיין אָפּשטאַם. צוויי יאָר האָבן זיי געגנישטערט און גאָרנישט גע־פונען. נאָר פּלוצים איז געקומען צו מיר איינער, וואָס איז געווען גאָר אַ גוטער פריינט מיינער און האָט מיר געבראַכט די בשורה, אַז איך בין נישט אַ פולער אַריער: מיין עלטער זיידע איז געווען אַ ייד. אַ גרויסער וויסנשאַפט־מאַן . . . ער האָט זיך אַפילו נישט געשמדט . . . מיין עלטער באָבע האָט אונדז דערצייגן פאַר קאַטאָליקן. און אמת, מיר האָבן גאָר נישט געוואוסט, אַז אין אונדזער משפחה פליסט יידישע בלוט . . . ער האָט אים געוויזן אויפן האַנט — אַ נומער . . .

ד"ר ראַוויטש האָט דאָך זיך צוגיהערט און געשוויגן: ער האָט אים אַלץ נישט געגלויבט . . . ערשט ווען ער האָט די בייטש ארויסגעריסן פון שומר, און האָט נאָך אים מכבוד געווען, און יענער איז פון אים אַנטלאָפן, האָט ד"ר ראַוויטש זיך צו אים צוגעטוליעט און שטיל, מיט טרערן, אַרויסגעמורמלט: שמי ישראל . . . אחי . . .

אין קומענדיקן פרימאָרגן האָבן שוין די רוסישע זעלנער פאַרנומען דעם שטח, וואו דער קאָנצענטראַציע לאַגער איז געווען . . . טרערן און פרייד האָבן הערצער געבראָכן . . .

ד״ר סאָלאָמאָן ראַוויטש האָט קיין צייט נישט פאַרלאָרן: ווי ער האָט גי־הערט, אַז מען שיקט די לאַגערניקעס אין אַמעריקע, אַנדערע קיין פּאַלעסטינע, האָט ער זיך אַנגעבאָטן פאָרן קיין פּאַלעסטינע . . . איך וויל לעבן אין יידיש לאַנד . . . אַז מען האָט אים געזאָגט: ס׳איז טאַקע יידישלאַנד, נאָר ענגלאַנד לאָזט אונדז ניט אַריין אין אונדזער אייגן לאַנד.

— איז ווי זשע פאָרן דאָרטן יידן?

— מען גנבה׳ט זיך אַריין, מען שמוגלט זיך אַריין, אגב קאָסט עס בלוט און טרערן . . .

— וועל איך נעמען מיין גורל: וואָס מיט אַנדערע, זאָל זיין מיט מיר!

— איר זייט צו אַלט, מיר דאַרפן יינגערע, שטאַרקערע: מיר דאַרפן זעל־נער, שווערע בעל־מלאכות; איר זייט צו שוואַך . . . איר פאָרט נאָך אַמעריקע! . . .

— ניין! — האָט ער זיך געבעטן, — מיין ווילן וועט פאַריאָגן מיין שוואַכ־קייט; מיט די נעגל וועל איך גראָבן, מיט די הענט! דאָרטן וועל איך מיין געזונט צוריקקריגן; דאָרטן וועל איך קריגן מיין זכר פאַר מיינעליידן און צרות; דאָרטן וועל איך פאַרגעסן, אַז איך בין געווען נידעריקער פון דער ערד; ניט די ווערדע פון אַ וואָרים. לדוגמה: מען דאַרף דאָך אינטעליגענטן צו פירן די מלוכה און איך בין אַ לינגוויסט. איך קאָן צען לשונות און תמימותדיק זיך געבעטן ווי אַ קינד מען זאָל אים שיקן נאָך פּאַלעסטינע . . .

* * *

אויף דער עקסאָדאָס; מענטשן איינער אויפן צווייטן; מען האָט קאָם זיך גיקענט לייגן. כמעט זיצנדיק איז מען געשלאָפן. ד״ר סאָלאָמאָן ראַוויטש איז אַקטיוו אויפן שיף — ער שרייבט, ער פירט די ביכער, ער איז גאָר אַ נייער מענטש געוואָרן! אויב ער פילט, אַז דאָ אָדער דאָרטן — טוט אַ שטאָך — לגמרי עס אַרט ניט, — ער טוט דאָך עפּעס פאַרן כלל . . .

ס׳איז איינמאָל געווען אַ שווערע נאַכט: ענגלישע דיסטראָיערס האָבן זיך אַרומגעדרייט, געזוכט שיפן — אַריינדרינגער . . . יידישע אַריינדרינגער אין פּאַלעסטינע . . . מען איז געלעגן פשוט אָן אָטעם.

די נאַכט איז געווען אַ כמאַרנע; דער ים איז געווען אומרואיק, און פון וויטן האָבן זיי געזען ווי די ענגלענדער וואַרפן די סוירטש־לייט (נאָכשפּירונג־ליכטער). פילע מאָל איז טאַקע געפאַלן די ליכטער אויף דער וואַנדער שיף. אגב די וואָלקנס און די כוואַליעס, וואָס האָט אויסגעמישט הימל און וואַסער, איז די שיף אין איר פינסטערקייט אויסגעקוקט ווי אַ כוואַליע . . . דער צודעק אויף דער שיף האָט דעם קוימען געמאַכט נישט איינצוזען; אויך ניט די לופט טרויבן. די גרויע פאַרב פון דער שיף האָט זיך ווירקלעך אויסגעמישט אין צעווישן וואָלקנס און כוואַליעס, און ווען נאָך אַלימען, ווען די ענגלישע שיף איז אַוועק, פערשוואונדען, ווען אַלע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, האָט דער קאַפּיטאַן פאַררייכערט זיין ליולקע און געהייסן דעם קוימען אָפּדעקן און זיך געלאָזן אין סוף דרך פון דער יאזדע . . . נסיעה . . .

ס׳איז נאָך טונקל געווען. די שטערן האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלאָשן. פון וויטן, צום ברעג, האָבן זיך אגב געגנומען דורכרייסן שאָטנס פון ביימער, און די ווייסע זאַמד פון ברעג האָט אַ העלקייט געוואָרפן. שטיל האָבן די שיפלעך פון

דער גרויסער שיף זיך דורכגעשניטן דעם קליינעם שטח און פון צווישן די בוימער האָבן זיך גענומען ווייזן וועגענער און לאַסט אָטאָמאָבילן און ניט וואַרטנדיק לאַנג, ווי אַ שיפל האָט צוגעפירט צום ברעג אַ צאַל וואַנדערער, האָט מען זיי גלייך ארויפגעזעצט אויף די וועגענער — געדיכט ווי הינער און היידאַ — זיי זיינען פאַרשוואונדן איידער די שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן . . .

דר. סאָלאָמאָן ראַוויטש איז געבליבן כמעט דער לעצטער; ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אין די פּאַפּירן. אַלץ איז איז כמעט געווען פאַרטיק, אַלץ אַרונטער־גענומען. די מאַטראָסן האָבן זיך געקליבן צו פאַרקירעווען די שיף קאַריק צום ים, נאָר פון אַ גאַנץ ווייטן שטח האָט אַ פינקל געטאָן אַ שטראַל . . . דאָס איז געווען אַן ענגלישער דעסטראָיער . . .

— אַרונטער! האָט דער קאַפּיטאַן אַ געשריי געטאָן, און די שיף איז כמעט פאַרטיק געווען צום דרך, מיט די איבערגעבליבענע עמיגראַנטן . . .

סאָלאָמאָן ראַוויטש האָט דערפילט עמיצער האָט אים אַכאַפּגעטאָן ווי ער וואָלט אַ קינד געווען און האָט אים אַראָפּגעטראָגן פון שיף־קלאַטקע און אים אַריינגעזעצט אין דער לעצטער שיפל. ער האָט אים נאָך אַלץ ניט געזען, ווייל ער האָט אים פּשוט אַריינגעוואָרפן אין שיפל. דער „קעפּטן" האָט איבערגעלאָזן דאָס שיפל און אין דער גיך זיך אָפּגעטראָגן. ביים ברעג האָט איינער פון די צוויי מאַטראָסן, וואָס זיינען איבערגעלאָזן געוואָרן פון קאַפּיטאַן, ווען דער עולם איז אַרונטער און אָנגעפּאַקט די וועגענער, האָט אַריינגעהאַקט אַ דיקן שטיק אייזן אין זאַמדיקן גרונט און אויף אַ לאַנגן שטריק דערטרונקען דאָס שיפל . . . אַז מען זאָל זי ניט אָנזען און דעם סוף פון שטריק פאַרקניפּט אָן דעם דיקן אייזן, אַז די כוואַליעס זאָלן זי ניט פאַרטראָגן . . .

אויף די וועגענער האָט מען נישט געטאָרט ריידן; איז מען געזעסן איינער צום צווייטן ווי סאַרדינען אין קעסטלאַך . . . ד"ר סאָלאָמאָן ראַוויטש האָט שטאַרק געוואָלט זיך דערוויסן ווער ס'האָט אים אַראָפּגעטראָגן פון שיפל, נאָר ער האָט געמוזט שווייגן און וואַרטן, וואַרטן ביז מען וועט זיי ברענגען צום מקום. אויס־געמאַטערטע זיינען פילע אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן וואָגן. ד"ר סאָלאָמאָן ראַוויטש האָט אויך איינגעדרימלט, און אויפן וועג האָט מען צוביסלעך פון די עמיגראַנטן אַרונטערגעלאָזן, און צווישן די אַרונטערגעלאָזענע איז געווען דער, ווער ס'האָט ד"ר. ראַוויטשן אַראָפּגעטראָגן פון שיף . . . ווען ד"ר ראַוויטש האָט דערוואַכט מיט די פּאַפּירן אין האַנט, האָט ער זיך דערזען נאָר מיט נאָך דריי וואַנדערער.

— וואו זיינען די איבעריקע, — האָט ער געפרעגט דעם אָנטרייבער?

— מיר לאָזן אַרונטער צוביסלאַך, כדאי, ווייל אויב די ענגלישע פּאַטרולן באַגעגענען אונדז, זאָלן זיי פיל נישט געפינען! — פאַרשטייט איר?

— אַ, יאָ, — האָט ד"ר ראַוויטש געזאָגט, — און וואו האָט איר זיי אַוועק־געפירט? — ס'איז דאָך מדבר; ניטאָ קיין וואוינונגען, קיין וועלדער אָדער פעלדער . . .

— זייט זיכער זיי זיינען שוין אין די קיבוצים, זיי זיינען שוין אַהיים! . . .

— דאַנקען גאָט, — האָט ד"ר סאָלאָמאָן ראַוויטש געזאָגט; איך וואָלט וועלן אויסגעפונען איינעם וואָס האָט מיך אַראָפּגעטראָגן פון שיף; ער האָט מיך פּשוט געראַטעוועט; דער קאַפּיטאַן וואָלט מיך צוריק געפירט אויפן ים; ער האָט אויך איבערגעלאָזן די מאַטראָסן . . .

— דאגה'עט זיך ניט, — האָט געזאָגט דער אָנטרייבער, — זיי זיינען אחוני־בני־ישראל . . .

אַלע מאַטראָסן, כמעט, זיינען אויף די שיפן: אחוני־בני־ישראל . . .

* * *

דר. ראַוויטש איז געוואָרן אַ שטיקל ראש אין אַ קיבוץ . . . ער האָט זיך גידאַרפט דערלערנען לשון־קודש צו ווערן אַ ביסל באַליבאַטישער . . . ער האָט געפירט די ביכער פון קיבוץ.

איינמאָל האָט ער געדאַרפט פאָרן אין תל־אביב וועגן געשעפט, מסחר, האָט אים אַ קיבוצניק געבראַכט אין תל־אביב. אַריינקומענדיק אין קאַנטאָר, האָט אים אַריסגעטאָן אין די עניים, — איז ער, איז ער ניט? גוואַלד, גאָט מיינער!, — האָט ער גאַנץ הויך אַזאָגגעטאָן; פילע האָבן זיך פאַרקוקט אויף אים.

— זייט איר בישט, מיין הער, — האָט ער זיך געווענדעט צו איינעם, וואָס איז געווען פאַרטיפט אין לייענען פאַפירן. ער האָט אויפגעהויבן די קאָפּ, און קוקנדיק אויף אים, איז ער אויפגעשפּרינגען:

— מיין פריינט ד״ר סאָלאָמאָן ראַוויטש! — וואו געפונען זיי זיך, טייער פריינט? — האָט ער זיין גרויסן קערפּער צוגעדריקט צו אים.

— האָט איר, אפשר, דאָס מיך אַראָפּגעטראָגן פון שיף, הער האַפּענגאָפּן?

— יאָ, יאָ, ווען ניכט וואָלטן זיי יעצט דאָ ניכט געווען . . .

— ווי־זשע קומט עס, הער האַפּענגאָפּן? . . .

— אָ, — האָט ער אַלאַך געטאָן, — איך בין אַ כשר׳ער יודע . . .

— ווען איז דאָס אַלץ געשען, הער האַפּענגאָפּן? ווען?

— אין דער ערשטער וואָכע . . . און וואו זיינען זי? וואָס טוען זי?

— ווי איך זע, זייט איר ביי אייער פּראָפעסיע; איך פערוואַלט אַ קיבוץ, איך פיר די ביכער . . .

— זאָ, זאָ, נו, קאָמען זיי אריין, זעצן זי זיך; אפשר קאָן איך אינען דינען? צוערשט זאָגן זי מיר, ווי איז אינען׳ס געזונט? ווי פילן זי זיך? זי קוקן אויס גאָר פיין: רויטע בעקעלעך, און אין אַלגעמיין לעבעדיקער; וויסן זי, אַז אויפן שיף האָב איך זיך פון אינען אויסגעהיט? . . .

— וואָרום, הער האַפּענגאָפּן?

— דאָן, וויסן זי, בין איך געווען אַ גוי; ווער וויס, אפשר וואָלט איר . . . ווער וויסט? . . .

— אַפילו א גוי; איר זייט דאָך אַפילו ביי די נאַציס נישט פאַרעכנט געווען פאַר אַ גוי, אגב האָב איך אין אייער דרך דערקאַנט, אַז איר וועט זיך אומקערן צו אייער זיידן׳ס גלויבן . . . וויפיל שוין, יאָ, באַלד צוויי יאָר ווי מיר האָבן זיך נישט געזען; דאָ, אַ יאָר און אַ האַלב.

— איך בין פאַרהייראַט דאָ, — האָט האַפּענגאָפּן געזאָגט, — מיט איינע אַ פרוי פון קאָנצענטראַצע־לאַגער: זי איז איין דר. מעדיצין און איך פיל זיך זייער גליקלעך און איך האָף, אַז פילע ווי אונדזערע וועלן זיך אומקערן צום יודענטום, און פּאַלעסטינע איז די דערלייזונג פאַרן יידישן פאָלק! . . . פאַר עם־ישראל . . . — האָט ער געזאָגט אין העברעאיש.

— נאָר ביז ענגלאַנד און די אַראַבער וועלן דאָס ניט איינזען, אַז דאָס איז אונדזער לאַנד . . .

— עס וועט, מיין פריינט, — ס׳איז גאָט׳ס וואָלן מיר זאָלן זיך אומקערן אין הייליק לאַנד; ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער ווינקל ווי דאָס לאַנד ישראל . . . גאָט האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן זיך פון יעדן ווינקל פון ערד־קוגל דאָ ווידער

איינגעזאַמלט ווערן. ווייסן זי, מיין פריינט: גאָר די יאָרן האָב איך ניכט צוגע־רירט זיך צום אַלטן טעסטאַמענט, כמעט גאָר ניכט!! און אַזוי אַלע גוים . . . נאָר די גלכים האָבן געלייענט דאָס אלטן טעסטעמענט, ווייל זיי האָבן געמוזט דאָס לייענען; אונדז האָט מען געהייסן לייענען דאָס נייעם טעסטאַמענט . . . ווען אַלע גוים וואָלטן געלייענט דאָס אַלטן טעסטאַמענט, וואָלטן אפשר קיין אַנטיסעמיטן נישט געווען. זינט איך האָב גענומען לייענען דאָס תנך, בין איך אַ ניי־מענטש געוואָרן: ווי רייך ס'איז אונדזער פאַרגאַנגענהייט! . . . איך בין שטאָלץ געוואָרן וואָס איך שטאַם פון פאָלק־ישראל און נאָך שטאָלצער בין איך, וואָס איך בין ייצט אַ ייד! . . .

— זייט געבענטשט, הער האפענגאַפן, זאָל אייך גאָט פירן אין דרך הישר . . .

ווען דר. ראַוויטש איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין עבודה, האָט ער איינגע־לאַדן דר. האפענגאַפן מיט זיין פרוי צו באַזוכן דעם קיבוץ וואו ער איז געווען דער פערוואַלטער, דער שרייבער, דער בוכהאַלטער . . .

* * *

ווען די יו־ען האָט פראָקלאַמירט פאַלעסטינע פאַר יידן, דאָס הייסט, פאַר־נאַנדער געטיילט אין האַלב פאַר אַראַבער און האַלב פאַר די יידן, האָט ענגלאַנד און די אַראַבער זיך געשלאָגן מיט די יידן; געוואָלט די יידן אין ים אריינטרייבן. אַ גאַנץ יאָר האָבן די יידן, די קליינע צאָל יידן פון אַ האַלבן מיליאָן גיקעמפט, מלחמה געהאַלטן מיט פערציק מיליאָן אַראַבער און ענגלענדער.

נאָר גאָט איז געשטאַנען ביים צד פון ישראל און די אַראַבער האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן און די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזן ארץ ישראל . . . און סוף איז דער קלענער שטח, וואָס איז פאַרבליבן פון פאַלעסטינע אַריבער צו ירדן מלוכה, און די יידן האָבן צוגעקראָגן אַ היפשן שטח ארץ־פאַלעסטינע צו דער מלוכה פון ישראל.

אין צייט פון קריג איז דר. האפענגאַפן געווען אַ קאַפּיטאַן אין דער ישראל אַרמיי; ער איז אויך געווען ביי די דייטשן אַ קאַפּיטאַן, איידער מען האָט אויס־געפאָרשט, אַז ער איז נישט קיין פולער אַריען . . . דר. האפענגאַפן האָט געשלאָגן די אַראַבער וואו ער האָט נאָר געקענט. ער איז פשוט אין פייער געקראָכן: ער איז עטלעכע מאָל פאַרוואונדערט געוואָרן. דעם לעצטן מאָל איז ער פאַרוואונ־דערט געוואָרן מיט אַ וואונד אין דעם רעכטן לונגען און ער איז צוגענומען געוואָרן ווייט פון מלחמה־פראָנט . . . זיין לעצטער וואונטש איז געווען: איך זאָל דער־לעבן זען, ווען די אַראַבער וועלן זיך אונטערגעבן . . . ער האָט קאָם גיאָטעמט...

ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די אַראַבער האָבן זיך אונטערגעגעבן און די מלחמה האָט ישראל געוואונען, האָט ער געזאָגט:

— ייצט אַרט מיך נישט דער טויט; ייצט גיי איך צו מיין זיידן; זאָל ער זעען, אַז איך בין אַ יודע און שטאַרב פאַר דעם אויפקום פון מדינת ישראל, אַ מקלט פאַר דעם פאַרפאָלגטן עם־ישראל . . . און ער האָט געשלאָסן זיינע אויגן און, ווי מיט אַ שמייכל, האָט זיך זיין פנים איינגעדעקט . . .

ל י ד ע ר

אַ ל ע ג ע נ ד ע

ווייט פון מענטשן, טיף אין פעלדער, האָט געלעבט א יונגער פויער,
אין אַ קליינער אַלטער חורבה, מיט אַ פנים־פארב א גרויען.
אָנגיטאָן אין אַלטע שמאַטעס, האָט זיין שטיקל פעלד באַארבעט,
האָט געהאָט אן אַלטע שקאַפע, האָט געפלעגט זי און געגלעט.
און זיין הונט דער קודלעוואַטער, האָט געליבט דעם יונגן פויער.
האָט געהיט אים, נאָכגעגאַנגען, און געוואַכט ביים אַלטן טויער.

איינמאָל איז פערבייגעקומען אַן אַלטערמאַן מיט שאַרפע אויגן.
האָט דער הונט זיך שטאַרק צעבולן. פויערס בליק אויף אים געצייגן:
— קום אריין דו אַלטער מאַן — און דעם הונט באַפעלט צו שווייגן;
— וואַש ארום זיך, רו זיך אויסעט, היינג דיין מאַנטל אויף די צווייגן.
איך וועל גיין דיר עסן גרייטן, כ׳זע דעם הונגער אויף דיינע ליפּן.
— לאַנג שוין, לאַנג גיזען אַ מענטש דאָ, און זיך אַ קראַץ געטאָן די ריפּן . . .
— „רעקס״! — האָט ער באפעלן, — היט דעם אַלטן און זיי באַשיידן . . .
ביז איך וועל דעם עסן מאַכן און זיך ריין אליין באַקליידן.

„רעקס״ האָט דורכגעבליקט זיין מייסטער און געדרייט זיין לאַנגען ווידל
מיט אַבורטשען זיך אויסגעצייגן, מיט אַ בייזן קוק דאָך — איידל.
האָט דער הונט מיט ביסטרע אויגן, זיך איינגעוואָרצלט אין דעם אַלטן.
ווי ער וואַשט זיך קלאָר ארונטער און זיך מחיה מיט אַ טרונק אַ קאַלטן.
אונטער „קראַן״ די קאָפּ באַנעצט זיך, מיט די פינגער האָר פאַרקאמט זיך,
אויפן פּריזשבע צוגעזעצט זיך און אראָפּגעצייגן זיינע שיך.
האָט צום כלב זיך געווענדעט מיט אַ בליק פון א גוט באַקאַנטן,
ווי ער וואָלט גיקאָנט פון לאַנג אים און האַנט גיהויבן אים צו דאַנקען.
איז „רעקס״ צו אים צוגעקראָכן, געדרייט זיין ווידל און שאַרף גיאייגלט,
און זיך צעבולן און גיוואָיעט און געבייגלט . . .
ארויסגעקומען איז דער פויער, שיין באַקליידט, מיט אַ שמייכל אויפן פנים;
גאָר אַ נייער. ס׳איז געווען שווער צו דערקאָן־אים;
— קומט, שטילט דעם הונגער, דער טיש געגרייט איז — אַ פולער.
אייער מידקייט וועט פאַראיבער, איך וועט פרישער ווערן — קילער.
א זאַטער, דורשט־געקילטער, וועלן מיר זיך ערשט פארהערן.
זיך אַדורך שמועסן: איר וועט דערציילן. אפשר — דערקלערן?
ווי אַ מענטש ווערט דאָ פאַרבלאָנדזשעט; ווי קומט אַ מענטש — דאָ אַהערצו?
וואו קיין פוסטריט און קיין סטעזשקע, קומט דאָ זוכן — רו! . . .

געגעסן, געזעטיקט, ארויס אין דרויסן. דער מאַן איז מיטן פויער,
זיך רוען גיזעצט אויפן פּריזשבע און טאַבאַק פאַררייכערט.

דער הונט האָט זיך אויסגעציי‏גן, פול מיט אומרו ביים טויער
און זיך איינגעהאָרכט ווי ער וואָלט פערשטאַנען זיי —אויכעט.
די גרויסע קאָפּ פון פויער מיט זיינע פלאַקסענע האָר,
מיט אויגן בלאָע, אַ נאָז אַ קורצן ווי אַ פּראָפּקע;
דער מאַן געקוקט האָט אויף אים רואיק, מיט אַ קרומען מאָדנעם שמייכל
און זיך געזעטיקט מיטן בליק פון שטאַרקן גוטן פויער,
האָט געקנייטשט זיין רעכטן אויג, ווי אַ מענטש אַ בעל־שכל,
און האָט גאַנץ אָפּט מיט די פינגער גיקאַמט זיין באָרד די גרויע.
— און דו לעבסט דאָ לאַנג מיין זון? אליין דאָ אין דער וועלט?
כ׳זע דו פאַרשטייסט מער פון אַ פויער; אליין דאָ אין דער וויסט:
עפּעס זון מיין האָט דיר דער מזל, מאָדנע, דיך פאַרשעלט —
האָסט זיך פאַרהיימט דאָ, פאַראיינזאַמט — ס׳איז ניט אומזיסט . . .
— ניין, זיידענו . . . ס׳איז נישט אומזיסט! כ׳בין געקומען רו געפינען:
דאָ האָב איך מיין אומרואיק געמיט מיר איינגעשטילט:
ווייט פון שמערץ, פון מענטשנסליידן, מיט קלאָרן זינען —
אונטער גאָטס הימל האָב איך זיך דאָ פריי געפילט . . .

כ׳ווייס מיין זון, כ׳זע די רו אין דיינע אויגן:
ס׳שיינט אַראָפּ די פרייד פון דיין רואיקן געמיט;
זאָרגלאָז, אגב, כ׳זע אַ קנייטש אויף דיין שטערן טוט זיך לייגן: —
כ׳זע אַ ציטער אין די שטאַרקייט פון דיינע פעסטע טריט . . .
— דערקלער מיר זיידעניו, ווי קומט טראַכט דיין צו מיין טיר?
אפשר האָט דיין פוס געזוכט מיך? אַזוי שנייט דער דימיון מיר . . .
וואָס האָט דיך אַהער געטריבן אויף מיין איינזאַם שטילן וועג?
כ׳בין אַוועק פון שטאָט געטומל — איינזאַם לעבן מיינע טעג . . .
צופיל אומרעכט, הגם, יונג נאָך, האָב פיל בלוט זיך אָנגעזויגט!
מיט פרעמדן ווי זיך אָנגעזעטיקט — תשובה׳טאָן, זיך דאָ באַזעצט;
יידיש ליידן האָב איך געטרונקען, מיט יידיש ווי בין דורכגעווייגט:
אַ נזיר בין איך און מיט שוויים און איינזאַמקייט — עס מיין ברייט!
ס׳האָט צו מיר זיך גאָט באַוויזן, ווי צו משהן דורך אַ פלאַם,
אין אַ חלום, נאָר ענליך — דורך אַ דיקן וואָלקן־ווינט: —
„גיי״, — האָט דורכגעווינט אַ שטימע, מיט אַ ביטערניש און סם;
„גיי, זיי נע־ונד; מיט שוויים און מאַטער רייניק דיינע זינד.“
כ׳האָב אליין דאָ באַזעצט זיך אויף מיין פאַטערס וויסטער ערד;
ערד געוועזן מיט שטיין און טרוקן, מיט שוויים האָב זי גרייט געמאַכט.
רו געפונען דאָ אין מצב, קעגן טייפל זיך געווערט —
גאָטס פאַרגעבונג האָב גיהערט — פון די בערג דאָ אַלע נאַכט . . .
אויפגעלייזט מיינע באַגערן: נישט קיין פרוי . . . עס קיין אבר־מין־החי . . .
כ׳לעב מיט וואָס גאָט האָט מיך בעגנאַדיקט און געשווינקען:
פרוכטן, גרינצייג, וואַסער־זיסע. ס׳איז מיין לעבן רואיק־פריי.
אויך מיין כלב עסט קיין חי נישט און נאָך פלייש טוט אונדז נישט בייגקען . . .
עפּעס זאָגט מיר, נישט אומזיסט ביסטו אַהער צו מיר געקומען!
צי האָסטו פאַרבלאָנדזשיעט, צי האָט דיין וועג געפירט אַהער? —
כ׳גלויב, אַז גאָט האָט מיינע תפילות אָנגענומען, —

מיין האַרץ געלייטערט איז, — כ׳פיל נישט מער זיך שווער! . . .
— איך וויל נישט פיל: איך זוך נישט ערדיש פאַרגעניגן.
— וואָס האָט דער ערדיש לעבן, גאָר און גאָר אַוועקט?
— אַ בליק, אַ בליץ, אַ פינטל מיטן אויג, — אַ גרויסער ליגן!
אַז סוף כל סוף, דיין אייביג וויגעלע — איז ערד . . .
כ׳לעב ווי ס׳לעבט זיך מיר; כ׳האָב קיין מורא פאַרן טויט! . . .
— אויב דו ביזט דער טויט! אויב דו ביזט דער מלאך־המות!
עס שרעקט מיך נישט: כ׳בין אויף אַלעס גרייט! . . .
האָב עס לאַנג פאַרדינט: צו גרויס געוועזן איז מיין רשעות . . .
— פלאַטער אויף דיין מאַנטל; זיידע, וויז אויף וואָס ביזט גרייט!
נו, וואָס פערוויילן צייט אומזיסטע, כ׳האָב זיך נאָר וואָס אויסגעוואַשט,
כ׳האָב צוגעגרייט מיט ריינע הענט, דיין זאַלץ און ברייט:
כ׳האָב אַ תפילה צום יידישן גאָט פון לאַנג פאַרפאַסט . . .
כ׳זע דאָס טונקל אין דיינע אויגן: זע דער הונט מיט שרעק ער קוקט דיך אָן!
ער זיצט געליימט, ווי אַ היפּנאָטאַזירטער, — זע זיין קוק! . . .
נו, טו דיין מלאכה, צי וואָס אָפּליגן: צי אויף דיין שוואַרצע פאָן! . . .
אין דיינע אויגן טאַנצט אַ שוואַרצער זשוק . . .
זע דער הונט, ווי ער דרייט זיך הינטערוועגנס,
די שרעק טרייבט אים פון דיין בליק: —
זע ווי נאַס, זיין פעל שוויצט, ווי באַגאָסן וואָלט פון רעגן:
זע פון מויל ווי ס׳רינט אים שוים; זע ווי ער קריכט קאַריק . . .
נו, באַפעל! כ׳גראָב מיין אייגן קבר — די רידל — בליצט —
און ווער וועט מיך דאָ איצט באַדעקן מיטן צודעק־ערד?
אפשר וועסטו צו מיר זעליג זיין, ווי געוועזן ביז איצט?
און וועסט מיר גאָר פעראַשן מיט דיין פייער שווערד.
„רעקס״, ווי שטיל ס׳איז דיין אומרואיקער בילן!
דו קאָרטשעסט זיך, ווי אַ וואָרים אויף דער ערד.
דו גסוס׳ט, דו שטאַרבסט, אַ טויט — אַ שטילן.
דיין טויטן בליק מיין מוח האָט דערהערט . . .
איך וויין נאָך דיר, אָן דיר איז האַלב מיין לעבן:
אַ האַלבער לעבן וועט זיין מיין איינזאַם וועלט . . .
אַ, זיידע, — אַדער טויט! ווי אַנדערש אין דיר וועבן —
ווי רואיקער דיין בליק אויף מיר איז אָנגעשטעלט! . . .
— נעם דעם הונט, באַגראָב אים ווי דיין קבר;
האָט געזאָגט דער אַלטער מיט אַ שטריינג באַפעל:
זע, פאַרוואונד אים נישט — קיין אבר —
אַ מצבה מיט דיין נאָמען אויף אים שטעל! . . .
געטאָן האָט אַלץ דער פויער נאָך זיין באַפעל:
מאַשין־גלייך האָבן זיך הענט באַוועגט אים.
געוואָרן איז פלוצים פון אַלטן אַ בערגל מעל —
האָט דער פויער געקניט זיך און געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים . . .
פלוצים האָט דער פויער זיך פאַרביטן אין אַ הונט
און געבולן און געוואָרטשעט זיך, געגערט זיך פון בערגל־מעל.
און די בערגל האָט זיך נישט געמינערט: אָנגיהאַלטן דעם זעלבן גרונט,
האָט אַ פויגל זיך געשטעלט דאָרט — איז געוואָרן פון איר אַ תל! . . .

אין נעץ פון שטן

(אַ דראַמאַטישע פּאָעמע; איבערזעצט פון מיין איינגלישן בוך „דואַליזם")

(פּערזאָנען: דיכטער, שאָטן, מיידל, מיידלעך, אַלטער מאַן;
די סצענע אויף אַ ראָג אין גאַס)

דיכטער:

איך ווער פאַרבלענט פון זייער רייץ; זיי צינדן בלוט מיט פייער לוסט,
ווען זייער אויג גיט אַ פאַרפלייץ, טרעפט ווי אַ פייל מיר אין ברוסט.

שטן:

נו יאָ, ביזט אַ דיכטער, אַ פּאָעט; ווער דען זאָל ליבן די שיינע געשלעכט?
די מוזע נאָר פון פרויען—רעדט,—זיי לייכטן ווי שטערן אין דער נאַכט.

דיכטער:

יאָ, מיין פריינט, דבֿרסט גערעכט: די פרוי אַ בלום, פון מענטשן מין,
זי גיט אונדז רו אין שווערע נעכט, און פיל מאָל ווי די שוואַרצע שפּין . . .

שטן:

נו, וויל מען האָניק זיסן עסן, דאַרף מען דערוואַרטן אַ בינען ביס:
פּראָוו אַמאָל אַ בלום אָפּרייסן — וועט אַ דאָרן דיר געבן אַ ריס . . .

דיכטער:

טראָגסט פיל חכמה אין דיין וואָרט, די משלים דיינע זיינען רייך:
פון וואַנען שעפּסטו, פון וועלכן אָרט? פון וואַנען שטאַמסטו, פון וועלכער קעניגרייך?

שטן:

צו דאַרף מען זיין אַ פּרינץ, אַ טראָן? צו האָבן ברייטקייט אין געדאַנק.
אַ פויגל זינגט מיט זיין אייגן טאָן, ווייל זיין לשון איז — געזאַנג! . . .

דיכטער:

דו רעדסט שענער פון אַ פּאָעט: עפּיגראַמיש איז דיין יעדער זאַץ;
אַ פילאָזאָף, — אַזוי־אַ רעדט; דיין יעדער וואָרט איז אין אָרט און פּלאַץ.

שטן:

אַדאַנק, מיין פריינט, פאַרן קאָמפּלימענט; דערפאַרונג האָט מיך אַזוי אויסגעבויט.
פון זיצן אין איינגעפּרעסטע ווענט, מוח וועט קריגן אַ האַרטע הויט . . .

דיכטער:

דאָך איז דיין וואָרט מיט חכמה ברייט; דו ביזט נישט פון אַ פויערס הויז,
איידעלקייט פון אַרום דיר וועיט, — פון דיין צונג קומט חכמה בלויז.

שטן:

האָסטו פרויען פיל געליבט? זינגסט פון זיי מיט בענקשאַפט גרויס?
צי האָט דיך איינע ווען באַטריבט? — פאַרגעס זי, — אַ בלום פון גאָרטן בלויז . . .
ס'איז פול מיט פרויען יעדע גאַס, טרינק וויפיל נאָר דער לעבן לאָזט;
נעם דעם לעבן מיט אַ שפּאַס, — טרינק פרויען וויין — מיט פרייט,אַ טאָסט!

דיכטער:

איך ליב אַ פרוי, איך ליב זי צאַרט, הגם זי שווייגט אין שמוץ איר לייב:
אָט זעט, כ'וואָרט אויף איר, איך וואָרט; סאָנעטן בענקענדע פאַר איר כ'שרייב.

שטן:

אַ פּאָעט דאַרף זאָרגן זיך פאַר מוידן? פרויען קניען צו זייער וואָרט:

קוק זיי אָן דאָרט, ווי זיי פּלוידערן, זע, זיי פינגערן צו אונדזער אָרט . . .
זע, ווי ערע־פּול, זיי דיך באַבליקן; זיי באַגערן פילן דיין האַנט:
מיט דיר שמועסן וואָלסטו זיי באַגליקן, אפילו ווערן מיט דיר באַקאַנט . . .

דיכטער:

דו מוזט זיין אַ קענער פון פרויען טיפן; איר פילט שאַרף זייער געדאַנק;
איר קאַנט לייענען זייערע ליפן; זאָלציק די טיפן פאַר מיר, — אַ דאַנק!

שטן:

קוקט אָן דאָרטן: אַ באַשיידן מיידל, זשעדנע בליקט זי אין אייער זייט;
זעט ווי צאַרט זי איז, ווי איידל, — נישט ווי אַנדערע פערשייט! . . .
זעט ווי פאַרביינקט איז אירע אויגן, שניידן דורך אייך מיט באַגער;
זעט אַ קערפּער, ווי שיין געבויגן, — צו ליבן האָבן זי איז אייך ניט שווער!

דיכטער:

פרויען, פרויען, בריען־פרויען; לייכטזין, פאַרגעניגן זייער ציל.
ווי מאַגנעט, אויגן ציען, — יעדער טייפל ליגט אין זייער שפּיל
— יאָ, איך ליב זיי, זיי זיינען רייצנד, — פאַררעטעריש ווי די שיינע שלאַנג;
זייער אויג איז אימער גייצענד: — וויפיל ביטערקייט איז זייער גאַנג.

שטן:

דיינקסט אַלע גראָזן, גרין און זיס איז? ס׳איז קראַפּיווע צעווישן זיי . . .
ניט אַלע בלומען מיט פאַרפיום איז, — פיל אָן ריחות אַלערליי! . . .
ליבער פריינט, אייער הארץ איז ביטער, אנגעפילט פון בעטרוג און האַס:
זע, פושקין איז געווען אַ ריטער — פאַר מאַכן מיט אַ פרוי אַ שפּאַס! . . .

דיכטער:

אַ נאַר געווען איז דער גרויסער פושקין; זיין יונגען לעבן האָט ער פאַרשווענט;
פאַרוואָס? פאַרוואָס? וואו איז דער זין? דעם שטנס אָטעם האָט אים פאַרברענט.

שטן:

טייפל ליגט אין יעדער פרויען צימער; דער פרוי באַזיגן איז אים גרינג.
אַ שווער מלאָכה איז פאַר אים תמיד, — אַ מאַנצביל פאַרווערבן, ביז אים געלינגט . . .
אגב דער טייפל האָט פילע וועגן, דער קרבן וועט שוין ניט אַנטרינען —
ער וועט מיט שטורם און מיט רעגן אין זיין נעץ אים איינשפּינען . . .

דיכטער:

יאָ, דער טייפל האָט טויזנט דרכים, נאָר שטאַרקער ווילן קאָן אים באַזיגן!
כ׳בין שיער אין זיין נעץ פאַרקראָכן, זיך שיער געלאָזן פון אים פאַרוויגן.
ווי אַ פליג מיט לעצטן כח דורכגעריסן, דעם זיסן־האָניק־נעץ אויסגעמיט: —
יאָ, גערייצט האָט מיר טעם דעם זיסן, — מיט גאָטס כח זיך אויסגעהיט.

שטן (דעקט צו דאָס פּנים ביים נאָמען גאָט):

מיט וואָס האָט שטן דיך געוואָרגן? ווי דיין ווידערשטאַנט האָט דיר געגילט?
האָט דיך ניט געשטיקט די זאָרגן? האָסטו זיינע קלעפּ גאָר ניט געפילט?

דיכטער:

יאָ, בוכצעס שווערע, קניפּ־געריסן, וואונדן טראָג איך טיף אין זיך;
שמערצן, ווי פון אַ שלאַנג געביסן, די וואונדן היילן זיך ניט גיך.
האָב זיך גיוועדט: — איך קעמף אַצינדער, כ׳ווייס, ער רינגלט מיך מיט אַ קייט.
איך גראָב אין זיך ביז בלוט די פינגער, אויף יעדן טראָט מיט מיר ער גייט!

שטן:

גלויבסט ער וועט דיך נישט באַזיגן? גלויבסט ביזט שטאַרקער פון דעם שטן?
כ׳ווייס, אונטער זיינע טריט וועסט ליגן, און זינגען וועסט נאָך זיינע נאָטן . . .

דיכטער:

אַ שווערער ביסן איז דער שטן: זעצט ער אָן זיך, איז ווי אַ פּיאַווקע.
ער האָט אייגענע געבאָטן — און ווי אַ הונט ער בייסט און האַווקעט.

שטן:

קוק נאָר אָן די מויד דאָרט, דיכטער; קוק, זי שמייכלט מיט זיסע אויגן.
איר חן שיכורט, ווען דו ביסט ניכטער, — אויף אירע בריסטן זיך צו לייגן.

דיכטער:

נישט אַנדערש שטן האָט זי געשיקט דאָ; ווי ס׳רעדט פון איר אַ יעדער אבר:
עס ברענט פון איר די חיה־רעה, און אפשר טראָגט איר גוף אַ קבר? . . .

שטן:

האָסט אויגן שאַרפע און מח אָפן; אַפילו שטן מעג דיר קאָמפּלימענטירן.
פאַרן טייפל טיילסטו שווערן האָפן, — וועסטו נאָך דעם שטן אַמאָל פאַרפירן! . . .

דיכטער:

ניט שווער אַ דיכטער, אַ מאָל נאָך גרינגער אין חלומות־וועלטן זיך פאַרבלענדן.
יעדער פּאָעט, יעדער זינגער — פון שיינקייט קאָן זיך נישט אָפּווענדן.
אַלץ איז שיין אין זיינע אויגן, אַלץ איז אמת אין זיין געדאַנק.
ער זעט שיינקייט אין בוים געבויגן: פאַר אים דער ווינט איז אויך געזאַנג!
איך וועל די פּרוי געוויס אויך באַזיגן, איר בלומען־פּנים, אירע וואַלן־האָר;
איר קיילעך קערפּער, רונד ווי רינגען, — פאַר איר גוף וועל זיך היטן נאָר . . .

שטן:

ביזט פאַרן שטן אַ האַרטער ביסן, דיך צו קייען, וועט אים זיין שווער.
מאַכסט אים האַרט זיין ווייכן קישן; ער מוז מיט צרון אַוועקגיין לער . . .

דיכטער:

ער האָט שוין פילע מאָל פאַרפירט מיך; פילע מאָל מיין ווײ געפליקט:
יאָ, מיט שוואַרצן בלוט באַשמירט מיך, — מיט דער וועלט — מיך צעקריגט.
ער האָט געשיקט מיר פריינט גנבים, ער האָט געשיקט מיר פאַלשע פריינט:
אַ מאַסקע טראָגט אַ יעדער פּנים; צעמישט די טעג פון נעכטן — היינט!

שטן:

קוק נאָר אָן דעם אַלטן נאַר דאָרט! ער טאַשט באַנקנאָטן אין מיטן גאַס.
דעם יצר־הרע וועקט ער אויף; ביי אים איז דאָס ניט מער אַ שפּאַס:
זע ווי ס׳פאַלט פון זיינע הענט אים, צענערלאָך ווי פּראָסט־פּאַפּיר;
אַנו, דו אָרימער פּאָעטל: — נעם, קיין צייט פאַרליר!

דיכטער (קלייבט אויף אָפּאָר באַנק־נאָטן):

אָט האָט איר אייער געלט, מיין הער, זייט פאַרזיכטיק מיט מזומנים:
די וועלט, זי שלאָגט זיך האַרט פאַר געלט, — די קלוגע, ווי די נאַראָנים . . .

שטן (שפּרינגט אויף):

איר לא־יצלח; ווי שווענדט מען אַוועק אַ הויפן צענערלאָך נאָך פרישע?
איר זייט אַ גרויסער קינד אָן אַ ברעג, — אַזוינע צוקערקעס, זיסע . . .

---

* דאַנקיכאַט׳ס געליבטע.

איר וואָלט דאָך פאַר אייער — דולניצע,* וואָס טראָגט איר גוף פאַר אַ רענדל,
געוועזן וואָלט אַ גרעסערע מצוה, ווי דעם עובר־בטל, דער אַלטער הענדל . . .

דיכטער:

איז נאָר ווייל ער האָט אַ הייקער־רוקן? אפשר איז ער פון זין אַרונטער?
ס׳האָט דאָס עלנט געמאַכט אים צוקן; אפשר אַ פרוי וואָלט אים אויפגעמונטערט?
אַ קלוגע, גוטע פרוי, וואו געפינט זיך? אין וועלכן ווינקל פון דער וועלט?
די שענסטע מיט אַ לומפּ פאַרבינט זיך: אויב דער לומפּ האָט נאָר געלט;
דערפאַר פרויען זיך פאַרקויפן, אַ לעבן וואָס צופליקט זיי גיך:
פון איינעם, צום צווייטן לויפן: — האָסטו געלט, דאַן קריגסטו מיך?!

שטן:

ווי דו באַווייבסט זיך, ווילן זיי דיך גלייך פאַרקנעכטן;
דו דערזעסט, ס׳איז נישט די יענע, וואָס געטראָפן האָסטו נעכטן.
גלייך ווייל זי דו זאָלסט זי באַדינען: גלייך באַפעלט דיך וואָס צו טאָן;
אַ קלוגער מאַן דאַרף זיך באַזינען, איידער לעבן שטעלסטו איין קאָן . . .
— שוין בעסער האָבן אָט־די טויבן . . . דער פערגעניגן איז אַ מאָמענט . . .
זיי ווילן דיין פאַרדינסט ניט רויבן: — געגאַסן . . . און מיט פרייע הענט! . . .

דיכטער:

אגב זיך בינדן, האָט אַ זין, וואָס ציט מאַן צו דער פרוי.
וואָס ציט צום בלום, צום בלום, דעם בין? איר ריח און איר טוי.
די פאַרזעצונג פון מענטשנס מין. פון קינדער פרייד — אַ פאַרגעניגן:
דאָס איז דער אמת, דאָס איז דער זין; אַ וויגעלע, — אַ קינד צו וויגן.

שטן:

טייער צאָלט דער מאַן פאַרן ברעקל גליק, שפּאַנט אין יאָך, ווי פערד אין וואָגן
און זי האַלט אים אויף אַ שטריק און תמיד האַלט זי זיך אין קלאָגן:
יענעמס מאַן ברענגט מערער „פיידע״; יענעמס ווייב איז רייך געקלייד.
זי מאַכט דעם מאַן אַלט — ווי אַ זיידע — מיט איר נעגענדיקע רייד . . .
פאָלג מיך . . . יונגער־מאַן, — פּאָעט: נעם אַ מויד אַ היים פון גאַס: —
זעטיק אָן זיך אין דיין בעט און פון דעם יאָך, — לאַך און שפּאַס!

מיידל (זי קומט צו צו זיי און שמייכלט):

כ׳קאָן אייך . . . יונגער־מאַן, איך קאָן אייך, איך האָב געלייענט אייערע לידער:
ווי וואונדערלעך שיין, און ווי רייך, — זיי וואַקסן איין אין די גלידער.

דיכטער:

איר האָט געלייענט מיינע לידער?

מיידל (ווייזט אים דעם בוך לידער):

אָט, זעט איר, איך זאָג דעם אמת! כ׳האָב גילעזן זיי צוויי מאָל—ווידער.
האָט געשליידערט מיטן אויג, — א רמז, — פול מיט חכמה זיינען די לידער.

דיכטער (אין פערלעגנהייט):

אַ דאַנק, אַ דאַנק פאַרן גוטן מיינונג: — איר אַליין בליט ווי אַ ליד.
אייער קאָפּ פערלאַנגט אַ קרוינונג, — ווי אויסגעקינצלט יעדער גליד! . . .

מיידל (שמייכלט, שעמענדיק):

אָ! איר זאָגט די בלומען־ווערטער צו יעדעס מיידל, וואָס איר רעדט?
אַ דיכטער וואַרפט מיט בלומען־ווערטער צו יעדער פרוי, וואָס ער דערזעט!...
דיכטער (ערנסט):
עס צינדן אמת די ווערטער שיינע, וואָס עס זינגט פון אייער קלאַנג:
אייער ליב־וואָרט, ס׳פאַר מיר אַ האַרפּע וואָלט אויסגעפינגערט אַ געזאַנג...
שטן (שמייכלט זיגרייך):
כ׳גלויב, איך בין דאָ איבעריק, — אַ דריטער שטיי:
אַ גוטע נאַכט צו אייך, יונגע צוויי... (אָפּ).
דיכטער (פינגערט נאָך דעם שטן):
פול מיט חכמה, איז אָט דער קלוגער מאַן; רעדן, רעדט ער ווי אַ פילאָסאָף.
אַ קלוגן ענטוועך אויף יעדן שפּאַן: מיט אים פאַרברייינגען פרעמד ווערט שלאָף...
וואו־זשע בלאָנדיעט איר דאָ אַרום? ס׳איז שוין טיף באַלד אין האַלבע נאַכט:
אפשר ווילט איר הערן?... קוקט ער שטום, און געבליבן שטיל פאַרטראַכט...
מיידל (שמייכלדיק):
איר לאַדט מיך איין — לידער הערן? אויב יאָ, — דאָס איז מיין גרעסטע פרייט.
כ׳וועל מיט טויזנט שבועות שווערן — אַ גאַנצע נאַכט גרייט צו הערן.
דיכטער (נעמט זי אונטער אָרעם):
נו, קומט! מיר וועלן זיך דערפרישן; מיט לידער און מיט שטאַרקן טיי.
האָב אויך קוכן, מיט צימערינג־זיסן: אַוועק ווי פאַרליבטע זיינען זיי...
שטן (באַוויזט זיך, רייבט די הענט זיך):
כ׳האָב גיפּאַקט דיך, דו איינגעשפּאַרטער; האָסט געמיינט כ׳וועל דיך ניט פאַרוועבן?
געווען פאַר מיר ביזט אַ נוס אַ האַרטער, — אַ דאַנק מיין „ליליס”, זאָל זי לעבן!...

אויפן טויט פון דוד פינסקי — מיין פריינט און לערער
(עלעגע סאָנעט)

אומזיסט איז פאַר מיר דער שמייכלענדער מאָרגן שיין,
די ראָז־רויטע זון גע׳גנבה׳ט דעם גאָלדן פייער,
די פויגל אומזיסט מיט זייער צערטלעך שמועס זיך באַטייליקן,
די פעלדער קריגן צוריק זייער גרינעם פוץ־צנייער.

די אויגן, אוי וויי! פאַר אַנדערע צייטן קלאָגן;
פאַר אַן אַנדער צוועק די אויגן פערלאַנגען:
מיין אומעט, ליידן, צוגייט, נאָר ניט מיין האַרץ;
און מיין ברוסט די ניט פולע פרייט איז פערגאַנגען.

דאָך דער מאָרגן שמייכלט, די פערהאָוועטע מענטשהייט היילן
און זיי געבאָרן. פאַרגעניגן — ברייינגט צו גליקלעכע מענטשן,
די פעלדער צו אַלע, וואָס ווילן אַנערקענונג טראָגן:
דערוואַרעמען זייער ביסל ליבע, די פויגל באַקלאָגן;
אַ פערלאָרענער מאָרגן פאַר אים, וואָס וועט ניט הערן —
איך קלאָג נאָך אים און די אַלע פריידן קאָן איך נישט פאַרטראָגן...

קיינער לאַכט שוין דאָרטן מערער

פון די וועלדער, פון די חורבות, זיפצן ברענגט דער קאַלטער ווינט;
אַש צעשפּרייטע און אין הורבעס פון זיידעס, טאַטעס און פון קינד.
קלאָגן גאַסן, טראָטואַרן, זיפצן צווייגן האַלב פאַרברענט;
ליידיק בענק אין די בולוואַרן, ניטאָ קיין יידן וואו מען וועגט.
וואו זיינען אַלע יאַשקעס, נאַטעס? יידן בערדיקע, לאַנגע, גרוי;
וואו די שטריימלעך און קאַפּאָטעס? גרוים אין אויגן פון דעם גוי!
שולן חורבות, סקעלעטן שטאַרצן, קיין מתפּללים ניטאָ מער.
טוט עס ווי און רייסט אין האַרצן—געמישט מיט בלוט זיידנס טרער...
גאָט, ווי האָסטו, זאָג, געשוויגן? ווי קאָן אַ פאָטער זען זיין קינד:
קינדער אומגעבראַכט אין וויגן, האָסט באַגאַנגען גרעסטע זינד!
גאָט דיין שטראָף איז פיל נאָך גרעסער; שטראָף זיך מיטן גרעסטן שטראָף!
לאָז אונדז לעבן אַ ביסל בעסער, ברענג אונדז אומנישט ביזן סוף.
וואָס וועט העלפן אונדז די טרערן? וואָס וועט העלפן אונדז געוויין?
אפשר וועט אונדז גרינגער ווערן, טראָגן, האַרטן, שווערן-שטיין?
ס'האָט דער דונער אונדז געטראָפן, ס'האָט די בייז אונדז באַדעקט;
ס'לאָזט מיך אויך ניט רוען, שלאָפן, און דער מוח רו-לאָז וועקט.
וויי, אוי וויי, דער מוח רירט, ווי האָט דאָס געקענט געשען?
ייד פון אַלעמען מער פאַרלירט: ווער דעם וויי אונדז פילן קען?
דורות, דורות איינגעפלאַנצטע, שולן אַלטע, הייליק וואָרט;
יידישן לשון—אַ פאַרגאַנצטער, יידיש לשון געווען איז דאָרט.
יידיש וואָרט איז דאָרט געקלונגען, יידיש קינד האָט דאָרט געלאַכט;
יידיש ליד ט'מען דאָרט געזונגען; אין יידיש ט'מען שפּאַס געמאַכט.
צו לוויות און צו בריתן, צו חתונות און צו גט'ן:
קריעה האָט מען אויך געריסן און אין יידיש מחילה געבעטן.
קיינער לאַכט שוין דאָרטן מערער, מע הערט נישט זינגען יידיש ליד:
נישטאָ קיין קינדער, נישטאָ קיין לערער; ניטשאָ קיין שמחות ביי אַ ייד.
וויי וויי וויי, צו אונדזער לעבן, גאָט האָט גאָר אָן אונדז פאַרגעסן
און די אַנטיסעמיטן—וועבן—אַ יידן וואָלט מען אויפגעגעסן.
אָ, גוישע וועלט, איר וועט פאַרלירן! האָס צום יידן וועט אייך פאַרניכטן:
עפנט, עפנט ברייט די טירן, זעט די אומרעכטן פאַרריכטן!
וועבט אַ חבר'שן לעבן, אַ לעבן אין אַ רעגנבויגן.
זון און רעגן זאָלן וועבן, פרידן, פרייהייט אין די אויגן.

1946

האַס

איך בין איך, קאָן זיך נישט איבערמאַכן,
כ'בין דער ריכטער איבער זיך אַליין.
איך האָב געפּרופט שוין פילע זאַכן —
נאָר האַרט מיין ווילן איז ווי שטיין.
די וועלט און צייט האָט מיך פאַרשטיינערט,
געטרונקען האָב איך סם פון צייט ;
איצט מיר טרייסטן ניטאָ קיינער :
דער האַס געוועלטיקט : שמייסט און רייט ! . . .

צו א ברעט

ברעט, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט? אַך! וואָס איז פון דיר געוואָרן?
דיין שטאָם געוועזן איז—דיק—אַ פּראַכט; אַ שטאָם געווים אַ טויזנט יאָרן.
און איצט אַ ברעט צוועלף ביי צווי, אונטערשפּאַרן אַ פּאַדלאָגע;
פון זעג די שניטן ס׳טום דיר וויי און ס׳ברויזט אין דיר טריוואָגע.
נעסטן פלעגן דאָרטן אדלערס-קינדער, אַוועק טראָגט דיך יענער טרוים?
וואָס געבליבן ז׳ פון דיר אַצינדער? — אַ זכר פון אַ שטאָלצן בוים.
מ׳האָט דיין האַרץ צעריפּעט דיר, צעטרויבערט און צעשניטן:
אַ שטיק פון פלייצע פאַר אַ טיר, פאַר אַ קאַרניז פון האַרץ פון מיטן.
ביסט פון רויטן, פיינסטן האָלץ, טורמאָטן קאָנען דיך ניט רירן.
פון אַלע האָלצן ביסטו דער שטאָלץ, מע מאַכט פון דיר די שענסטע טירן.
דיר באַשערט אַן אָנשפּאַר זיין, וואָס מענטשן וועלן אויף דיר טרעטן;
זאָרג נישט, טייערער, כ׳פיל דיין פּיין; אויף מיר איַעדער אויכעט טרעטן.
דער מזל, האָט אונדז ביידן גלייך, פאַר אָנשפּאַר אונטער פיס צו ליגן:
דו, איך אין אונדזער קעניגרייך—צי וועל איך אויך אַ גוט וואָרט קריגן?

וואו זייט איר, פריינט?

וואו זיינען אַלע מיינע פריינט? וואו זייט איר אין מיין עלנט צייט
ווען ס׳האָט מיין בליק מיט פרייד געשיינט, זייט איר געקומען
פון יעדער זייט.
ווען זון מיט ווארעמקייט האָט געגריסט, ס׳האָט געשמייכלט
בלומען אין מיין וועג;
ט׳איר מיט זיסע ווערטער מיך באַגריסט; וואו זייט איר
אין מיינע שוואַרצע טעג?

דער אמתער פּאָעט

ער איז פּשוט, נאָר אין זיך טיף, ווי דאָס זאַפטע רייפע טרויבן;
שאַצט און וועגט, מיט טיף באַגריף, אין יעדן וואָרט, איז תפילה, גלויבן.

איך באַליידיקט דעם שוויגער

איך באַליידיקט, דעם שטילער, דעם שוויגער.
איך לויבט דעם שרייער, דעם טומלער;
איך לויבט דעם פאַלשער, דעם לאַיגער
און גאָר די קענער — זיינען — מורמלער . . .
דערזע איך אַ קריכער, אַ שטופּער,
ווייך איך זיינע דלד-עמות;
איך ווייך דעם קאָריק-דרייער, דעם שטופּער —
אומעטום וועט ער גבאי — דער שמש . . .

האָב זיך נאָך ניט דערהאַלט

כ׳בין היינט פון בעט אַרונטער,
ערשט פאַר וואָכן פריש לופט געצויגן.
בין אַלץ נאָך ניט קיין גאָר געזונטער,
ס׳שווינדלט מיר אין מיינע אויגן.

זון להכעיס ווי זי וואָלט זיך רייצן.
פרעג זיך: פרעג איך זיך, פאַרוואָס?
אַרוים פאַר וואָכן זיך אָפּפרישן,
זון פאַרגינט ניט, ס׳איז מיר פאַרדראָס . . .

כ׳פיל ס׳איז צו פרי — די שאַרפע לופט,
אָטעם קורץ; ז׳איז מיר צו שפּאַנען שווער;
דאָך פילט זיך פרילינג אין קאַלטן דופט.
ביימער שפּראָצן וואו כ׳טו זיך אַ קער.

וואָלקנס קריכן, זון זי רייסט זיך,
קום וואַרימקייט, וואַרים מיך אוים.
ווינטן קאַלטע ווי בייטשן שמייסט זיך,
מידע פים זיי ווילן רו; צו פרי אַרוים.

כ׳טראָג צוריק מידן קערפּער אין בעט,
מידע פים זיי ווילן רו, פילן גוט.
מאָרגן זון אויך שיינען פאַר מיר וועט?
כ׳פיל אין קאָפּ קריכט מיין בלוט . . .

ביזן לעצטן וואָרט

מיינע קינדער פאַרזאָרגט, און מיינע לעצטע יאָרן
האָב איך זיך פאַרקירוועט צו מיין יונגן טרוים.
מיט שבת׳דיקע רואיקייט און מיט הבדלה׳שע ניגונים
זיך איינגעוויגט און איינגעצאַמט, ווי אַ פערד אין צוים.

מיין וואָכיקע־וואָך, האָב יום־טובדיק יעדע שעה געקליידט
און שמחהדיק, יעדע תפלה־שורה און איינגעראַמט אין גראַם,
און זכות־אבותדיק געלונגען, האָט מיר מיין ציל —
מיט באַגינען־זון צעהילכט, האָט אַ העלער פלאַם . . .

ס׳וועקן אין מיר קלאַנגען, טויזנטער, און צויבערן די לופט.
די ערד שימערט מיט שרייענדיקע פאַרבן;
פילע ווי טליתדיק געהילט און אויג האָט געזוכט,
מיט קליינע תפילהדיקע לידער, ביזן לעצטן וואָרט־
שטאַרבן! . . .

באָריס פּאַסטערנאַק

צוזאַמענטרעפֿן

דער שניי וועט באַגראָבן די וועגן,
וועט ליכטיק באַדעקן די דעכער.
אויב איך גיי ארויס אויסשטרעקן
מיינע פיס,
ווע׳ל איך דיך זען אויס דער טיר.

אליין אין אַ הערבסט־מאַנטל,
אָן אַ הוט און אָן קאַלאָשן;
דו ווילסט זיין רואיק,
צופּסט דיינע שניי־ווייסע ליפּן.

פון ווייטן בוימער און אומצאַמען
שטרעקן אַרויס אין דער פינסטערקייט.
דו שטייסט אויפן ראָג
אליין אין טומאַן פון שיטנדיקן שניי.

וואַסער רינט אַרונטער פון דיין שאַרף,
אינעווייניק דיינע אַרבל און קאַלנער,
און צושמעלצטער שניי פינקלט
און טוי טראָפּנס אויף דיינע האָר.

און אַ פלאַקסענער ראַנד פון דעם
לייכט אויף דיין פּנים, דיין שאַרף,
דיין העלדיש געשטעלטיקע פיגור,
האָט צוקנייטשט דיין מאַנטל.

שניי שמעלצט איבער דיינע וויעס,
טרויער איז אין דיינע אויגן.
און אַלץ אויף דיר איז צו דער מאָדע
אויסגעשניטן ווי פון אַן איינציק שטיק.

פונקט ווי דיין געשטאַלט
וואָלט געווען אויסגעקריצט פאַר
אייביג
מיט בראַנדן און שטאַרקען אַליעם
צו מיין סאַמע האַרץ.

אויך קאָן ניט דיין אונטערטעניק
געזיכט
וועט קיינמאָל ניט אָפּבלאַקיווען.
און אַזוי, וואָס מאַכט עס אויס
אויב די וועלט איז שטיין־האַרט?

און אַזוי, די נאַכט דאָפּלט זיך
מיט גאַר זיין דונקלקייט און שניי
איך קאָן נישט מאַכן אַ שורה
אָפּטיילן דיך פון מיר.

ווער זיינען מיר און פון וואַנען,
אויך נאָך די אַלע יאָרן
לשון־הרע לעבט נאָך אַלץ
ווען מיר שוין לעבן נישט.

יידיש ב. דיימאַנדשטיין

וואָלט וויטמאַן (1892—1819)

THE COMMON PLACE

אין אַלגעמיינעם זאָל זינג איך.
ווי ביליג ס׳איז געזונט! ווי ביליג איידל לייט!
צוריקהאַלטן, אָן פאַלשקייט, נישט קיין זויפערריי־לוסט:
אין פרייע לופט זינג איך, פרייהייט געדולדיקייט.
(נעם זי, די הויפטזאַכלעכע—ווייניקער—ווייניקער פון שולן.)
דער אַלגעמיינער טאָג און נאַכט — די אַלגעמיינע ערד און וואַסער,
דיין פאַרם, דיין אַרבעט, באַשעפטעגונג, פאַרנומענקייט,
דער דעמאָקראַטישער שכל, ווי אַ געזונטער באָדן פאַר אַלעמען.

—יידיש ב. ד.

מיינע יידן ברידער טוען מיר וויי

(בן־עולם־הבא)

איך האָב געוואָלט צעשרייען זיך און שילטן, דעם רשעה, דעם גוי,
וואָס טוט רשעות און וויטיקט מיין געמיט:
וואָס האָט פון כלו גזרות, און מאַטערט אונדז אזוי,
ווי אַ קליין פויגעלע אין די נעגל פון קאַץ — ווען גססט — פאַרגעניגן איר גיט

יאָ, ס'איז ביטער דעם ייד וואָס ווערט געפּלאָגט ווי דאָס פויגעלע.
ס'איז ניט שווער דער טויט — ווען גזל'ען הויפּט די האַק: — אַ סוף! . . .
אגב איז שווער דער מאַטער; דאָס ציען די אָדערן, דאָס שוואָרצל פון אייגעלע —
אוואו קיין רעטונג איז נישטאָ, קיין האָפנונג — ניטאָ: וואו גיין — וואו לויף! . . .

פרעג איך: בן־אדם, וואָס ביזטו אַזוי פאַראָבולט און פאַרקלערט?
צי ווייסטו ניט, אַז דאָס פערד וואָס פירט און ברייננגט סגולה אין עות־צרה —
ווערט נאָך געשלאָגן און געזידלט און געשאָלטן און פאַרשעמט
פון דעם וואָס ער האָט גוטס געטאָן און ער באַצאָלט אים מיט געבן עסן קאָרע . . .

איך האָב אין מיין גאַנג נאָר געטראָפן דעם שלעכטן: פאַר טובות — רשעות.
נישט פון גוי, נאָר פון מיין ברודער, וואָס רופט זיך — ייד!
און אין גאָר מיין לעבן, מוטשעט מיך מיין ברודער — כל־די־שעהות
פון מעת־לעת: פאַר העלפן אים, פאַר לערנען אים — פאַרביטערט מיין ליד . . .

יאָ! איוב, וואו נעמט מען דיין כוח און ווילן דעם יאָך צו טראָגן?
און טראָגן דעם שווערן עול אין רעגן ווי אין זונשיין?
אגב, ווערים וואָס איך האָב אויפגעהאָדעוועט — קריכן אין מיין מאָגן —
ווי שלעכטע קינדער — פאַרשעמען דיך — מיט רוגזה און מיט פיין . . .

יאָ! ניט די גוים, ניט די וואָס טראָגן האַק אין האַנט — פאַרבלוטיגט —
האָבן מיר וויי און זאָרג פערשאַפט, — נאָר האָבן מיר מיט בלומען מיין
טראָט באַשאָטן;
נאָר מיינע ברידער, וואָס איך האָב זיי מיט מיין שוויס געמוטיקט —
גייען קאָפּ אַ הויך, און שימפּען מיט נקמה; די קטנים האָבן מיך באַשפּאָטן . . .

כ'האָב לאַנג פאַרזען, ווי ס'שיינט דער בלויער הימעל אויף מיין טרויער קאָפּ.
זיי, די ברידער, די יידישע, האָבן מיינע וועגן מיט שטיינער פאַרזייט!
אָ, גאָט! גאָט! ווערסטו פערשווייגן מיינע פייניקער, וואָס בייגן מיר מיין קאָפּ?
אָדער איז מיין גורל: סבל, בושה, צרות, ביזן לעצטן אָטעם פון מיין טויט?

לעבן איז ביליג

לעבן איז ביליג ביי דעם שלעכטן מענטש, אום זיין ציל — דערגרייכן.
דערום בענטש איך גאָט דיך, בענטש, פאַר געבן מיר דעם צייכן;
נישט לאָזן זיך פאַרפירן פון שלעכטע שיינע רייד;
איך זאָל אים גלייך דערשפּירן — מיידן זיין טראָט וואו ער שטייט.

דער העברעאישער דיכטער און עסייאיסט מרדכי גאָטפריד, האָט זיין ליד: „ב. דיימאָנדשטיין פון וויטנס״ פאָרגעלייענט אין א מסיבה פון דער שרייבער גרופּע אין ישראל.

דאָס ליד איז אַ שטימונגספולער אויסדרוק פון די העברעאישע שרייבער אין ישראל צו אַ יידישן דיכטער אין די תפוצות.

ב. דיימאָנדשטיין פון וויטנס

כ׳זע אים אין זיין נשמה וואנדער
ווי עס צינט אָן אַ שטראַל זיין פּנים
ס׳צוקושן צוויי פלאַמען —
שקיעה־שראַלן פון זון און מענטש.
מישט זיך שטראַל פון שקיעה
אין דיכטער׳ס טרוימען,
הערט זיך דער ווידערקלאַנג
פון סודות, חלומות און טרויער.
כ׳זע אים הויערן און שאלן עמפּיריש
טרינקען פון טרוימער, פאַר דער
זון דער מילדער,
אָבער אָן אַ באדויער, אַזוי גוט און
וואויל,
שעפּענדיק פון קוואַלן.
ס׳דוכט מיר, אָט זע איך
אין לבנה־שיין אַ בליק שיין
געשטאַלט
און אָט זע איך אים
אַ באַגילדעטן פון זונען־שיין.
פון אַ בלענד־ליכט, וואָס פאַרפירט .
כ׳זע זיין קאָפּ באַגילדעט
אין די זון־שטראַלן,
אין פורפּענעם שיין כ׳זע אין אין רעג
פול מיט ביינקשאַפט ר׳זוכט, די
שטראַלן גלעטן
און ער זוכט אָן אויסגאַנג, אַ שטעג.
און אַז שטורמיש שלאָגן אַרום,
ס׳שלאָגן ארום די כוואַליעס,
דערהערט זיך זיין קול, זיין ניגן
צעשפּילט
מיט דער שטים, פול מיט שטילן־סוד.
די שטים, וואָס באַרירט עלנט
גליענדיקע,
טרויער מיט בליאַנגען צעפליטערט
אַזוי רואיק און פאַרטיפט כשופדיק
אין פעלזיך־זיכערע רעיונות פאַרפירן.
אַזוי זע איך פון וויטנס דעם דיכטער
ב. דיימאָנדשטיין אין ליד, אין טאָן
אין לעבנס פלאַם און אין גליענדיקן
פולן פורפּודיקן פלאַמענשפּיל —
אין פלאַם פון מחשבה און שירה
אינאיינעם.

FRIENDSHIP

(פון מיין ענגליש ליד)

גרויסע פריינטשאַפט איז אַזוי שטאַרק ווי ליבע,
היט עס אָפּ מיט גרעסטע פאָרזיכט;
קלענסטער פונק קאָן אויפפלאַמען מיט האַס:
פריינטשאַפט און ליבע הייגט אויף געוויכט.

פריינטשאַפט און ליבע, איז ווי אַ שיינע וואַזע,
וואָס איז שיין און איז טייער;
ס׳איז בראָכבאַר און צעפּיצלט זיך ווען ס׳פאַלט —
וואָך איבער דעם — מיט שרעק, ווי פון פייער . .

לידער פון וויי און פון צרון

פרעמד די פרייד

מיינע פולע רייד ז׳וואַסערדיק צעשוואומען, פרעמד ז׳מיר דער שמייכל,
פרעמד די פרייד:
אַפילו די טרער, שטילערהייט — מיט באַשייד, ווי פאַרשעמט געקומען.
איך האָב דערפילט דעם זאַלציק שוויס, וואָס האָט געגליטשט זיך אויף די באַקן;
איך האָב באַנומען מיין וויי ווי גרויס — אַזש יעדע טרער האָט מיך געבאַקן.
ס׳איז האַרט מיין האַרץ, טרערן פרעמד, — ווי קומט צו מיר די טראָפּנס הייסע?
אַציטער האָט דורכגענומען ביזן העמד, — צושמעטערט האָט וועך מיין האַרץ
די גרויסע.

מען דאַרף נישט זיין רייך צו האָבן גליק

מע דאַרף ניט זיין רייך, צו האָבן גליק;
מע דאַרף ניט אַ צדיק זיין צו זאָגן דעם אמת:
אַ גוט־מענטש קאָן מען געפינען — אין רואיקן בליק, —
גוטעס־טאָן קאָן מען תמיד — אדורכן מעת־לעת . . .

אַ פריינט צו געפינען, — איז אויך גאָר נישט שווער: —
זוך נישט פון צווייטן ער זאָל דיך פאַרערן: —
אויב דו טראָגסט נאָר אַ שמייכל וועט ער
ברייינגען דיר פריינט און, נאָך מערן . . .

ניט געלט און ניט רייכטום, וועט ברייינגען דיר פריינט;
ס׳וועט פון דיר בלייבן אַלעס פון הינטן;
וועסט קיינעם נישט פעלן: ווי נישט געוועזן ביז היינט! —
היט דיין נאָמען, — זאָלסט נישט פאַרטינטן . . .

טעג פון מיין נעכטן

חלומות פון נעכטן, טשייט איר פאַר מיר,
ווי קינאָ אויף לייווענט גייט איר פערביי,
ברייט איז געוועזן, מיין אריינגאַנג אין טיר, —
ייצט, געפאַנגען, אין שטייג, — גיי און שריי! . . .

טעג פון מיין נעכטן, אַוועק אָן אַ שטראַל,
געיאָגט פון אומעט, — געפאַרן און שרעק;
פאַרחלומט, פאַר׳כישופט, געגאָסן וואָלט גאַל —
סם האָט מיין בעכער, — געטרונקען ביז דעק . . .

חלומות, צערונען, צעגאַנגען, — ווי אייז, —
צוקומפט געמאָלן מיט גאָלדענע פאַרבן:
ייצט איז מיין קאָפּ — הייל שוין און ווייס, —
איך גרייט זיך אין וועג, — אפשר שוין שטאַרבן? . . .

שטימונג

אַ, הימל בלאָער, אין אַ פרילינג טאָג, מאַכסט מיין בלוט אין מיר צו זידן;
ס׳ווערט מיר גרינג דאָס שווערסטע וואָג און גלייכסט מיר אויס מיין לעבן מידן.
אַ, מילדער זומער, מיט לינדע ווינטלעך, מאַכסט מיין לעבן גרינג און פריי:
בינסט אויף מיינע — עלנט־בינטלעך און איך פיל מונטער, יונג און ניי . . .
הערבסט, דו וואַרפסט אויף מיר אַ שרעק, זאָגסט: די עלטער קומט שוין אָן;
דיין נאַסקייט, טוכעלעקייט מיך זעגט אין יעדן ביין מיין, ביזן צאָן.
— ייצט, אַ ווינטער, גיב דיר שלום, איך קוק אויס שוין פונקט ווי דו:
כ׳קוק צוריק — ס׳אַלץ אַ חלום און מיין ווייסער קאָפּ זוכט שוין רו! . . .

האָט גאָט דערהערט דיין געשריי?

עס האָט מיר מיין טאַטע ירושה געלאָזן: דריי ווערטער געשריבן
אויף אַ צעטל אַ ריינעם פון אַ ספר, וואָס נאָך אים ז׳איבערגעבליבן:
— זון מיין, דאָס איז מיין ירושה: אַ שירות קאָן דאָס נישט איינהאַנדלען.
כ׳לאָז נאָר דיר איבער דריי דיבורים, אין עשירות קאָנסטו זיי פערוואַנדלען.

די ווערטער: ערלעך, ליבע און געדולט; צוויי, פון ירושה היט אָפּ:
ערלעך, ליבע — נאָר נישט גידולט; צו גידולט פאַרליר איך מיין קאָפּ . . .
מיין יעדן וואָרט האָב געמאָסטן און איבערגעמח׳ט מיט שכל.
יעדע שורה — איינגעצייגן, ווי איך וואָלט געטראָטן אין אַ היכל.

וואו כ׳זאָל נישט טרעטן און גיין, גייט מיין יידישקייט ערשטע טריט;
כ״גיי איר נאָך ווי אַ קינד און וויין און זיפץ ווי ס׳קאָן אַ ייד . . .
וואָרט ליד מיין — ווינ ניט מער, פרעמד זאָל זיין דיר אָך־און־וויי: —
לאָנג דיין אויג ט׳געזאָטן אַ טרער: האָט גאָט דערהערט דיין געשריי?
1945

חלום׳ן איז גליק

ווען סע טראָגט מיך אַוועק מיין פאַנטאַזיע, פיל איך ווי אַ קינד.
בילד איך איין־זיך קינדער־מעשות, היידאַ־הו־געשווינד.
פלי איך פלי, צו דער לבנה, אין דער אטמאָספער
און מיט קינדערשער קונה — מלאכים זינגען — הער.
זע פלאַנעטן, זע איך שטערן, מיינע פליגלען ברייט.
וויל איך, גיב איך — אַ באַפעל, — שריי איך אויסעט: — שטייט! . .
בלייבן, שטערן, זון, לבנה, שטיין, צו מיין באַפעל;
איך באַוואונדער — פון מיין גבורה און צופרידן קוועל . . .
אָבער פלוצים, די געדאַנקען, קומט געשווינט צוריק.
ווערט מיר שווער אַזוי אין האַרצן: חלום׳ן איז גליק . . .

1914

זאַמל איין

זאַמל איינעט, זאַנגען פון דיין פעלד, באַלד וועט אָסיען קומען.
פייכקייט, רעגן, וועט צופוילן, אי די זוימען, אי די בלומען.
פוילן וועלן פרוכטן אויף די בוימער, ס׳ועט דיין פראַצע גיין אומזיסט.
גאָט וועט דיר דערפאַר באַשטראָפן, — ס׳וועט דיין פעלד ווערן פאַרוויסט.

גוט שבת וועל איך אויסזינגען

גוט שבת וועל איך אויסזינגען צו מיין פויגל,
צו מיין ציג, וואָס בעט מעקעדיק — אַכילה
און ראָזיק, פריידיק, מעקעדיק, דרייט זי צו מיטן וויידל
און דאַנקט אַ דערלייזטע, טרייסלט דאָס בערדל ווי אין תפילה.
מע, מע, און מעלה־גרה׳ט מיט שמחה אין די עינים.
אירע איברים האָבן מוסקולדיק געציטערט
און חן־עוודיק האָבן ווי שערן געריבן די שנים
און מיט ריח־זאַפטיקן היי זיך דערפיטערט.
ווייל צו אייך, חיות מיינע: הונט, קאַץ און פויגל,
איך היט אייך אָפּ מיט יום־כפורדיקן ציטער;
ווי קינדער, און פריינט, איר זייט מיר, ערליך און איידל, —
היימיש, וואַרעם, פריינט, און טיף, ווען איך אייך אַלעמען, פיטער . . .

אַ ל י ד

ס׳ליגט אַ שלאַנג אין מיר, זויגט די זאַפט פון האַרצן,
און האָט מיין בלוט פּערסמט, אַ ביטערקייט עס נאָגט:
תמיד פאַר די אויגן, שוועבט אַלץ אין שוואַרצן —
אויף שוואַרצן פערד דער טויט ער יאָגט און יאָגט . . .
כ׳מייד אויס זיין וועג, איך דריי זיך אין זיג־זאַגן,
ווי אַ שלאַנג איך דריי זיך אונטער זיינע טריט־געוועב:
ווייסן ווייס איך, אַז ניט לאַנג . . . שטעל זיך פראַגן:
זיך שטעלן קעגן? — ווען דו ביזט שוין אָפּגעלעבט! . . .

פאַר שבת אליין

אָ, גיט מיר אַ ביסעלע פריד פון שבת׳דיקע רו,
דעם טעם פון קידוש־וויין, געפילטע פיש,
די חנ׳עוודיקע אויגן פון אַ צנוע׳דיקע ווייב,
וואָס פאַרגרינגערט די וואָך־יאָך און מאַכט זיס.
גיט מיר אַ ביסעלע רו פון די שווערינקע וואָך־יאָך.
זאלץ־בשמימדיק — פריידיקן די האַרץ.
מיט אַ שבת׳דיקן מאַכל, מיט אַ יידיש ליד; אַ ברכה צו גאָט, —
פאַר שבת אליין, איז ווערט זיין אַ ייד.

דאָן זינג איך

ווען אין מיר צעצינט זיך די פרייד און יום־טוב׳דיק דערפילט מיין געמיט,
ווי מיט זאַטקייט מיין האַרץ וואָלט פאַרזייט, איז גרינג צעטראָגן מיין געמיט.
דאָן זינג איך צו גאָט מיין שיר, אַ ליד צום הימל דעם בלויען,
מיט שטראַלן גאָלדענע ווי אַ וויר, צינדן דעם בן־השמשות גרויען.
דאַן פיל איך צו גיין שטיל אליין, די נאַכט וועט מיר סודות פאַרטרויען,
און שטערן גלאַנציקע, ווי דימענט־שטיין, טוען אין חלל בלויען . . .

האָב נישט מורא פאַרן טויט

כ׳גלויב: כ׳האָב ניט מורא פאַרן טויט. כ׳ברען און כעס, וואָס האָב ג׳האָוועט
אַלע יאָרן, פאַר מיינע אויגן שטייט, געשלעפּט אויף אַלע פיר קאָם געזשאָוועט...
כ׳קוק, טראַכט און דיינק פון סוף, ווען מוח וועט שוין מער ניט טראַכטן:
ווען פאַרוויגן וועט דער אייביק שלאָף, אין ארון וועל פוילן אין פערמאַכטן.
כ׳טו אַ ציטער: וואָס לאָז איך נאָך אַוועקגיין? ווייניק פריינט — ווייל כ׳קאָן
קיין אַוולהס ניט פערשווייגן;
צייט האָט מיר באַהאַנדלט ניט שיין, — כ׳וועל נישט פאַרגעבן: ווען אין קבר
וועל ליגן!
פילע פאַרשאָלטן, זיי זיינען אַוועק, לעולם־האמת מיט מיין קללה נאָך זיי.
ווען מיין קללה טרעפט — ווי אַ קלעק פון יעדן דריי: געטראָפן צווי...
און פילע טראָגן מיין קללה אויף זיי און פילע מיין קללה וועט זיי פאַרפלוכן:
אָט די אַלע וואָס האָבן מיר אָנגעטאָן ווייי — וועט מלאך־המות זיי אין קורצן
באַזוכן...
אגב וואָס ברייננג איך—באַגאַזש—לעולם־האמת? ווער וועט נאָך מיר קדש זאָגן?
וועל מיינע שנאים ניט פאַרגעבן־ווען ליגן אַ מת: כ׳וועל פון קבר זיי פאַרפאָלגן
און יאָגן...

אַ ל י ד

געזוכט האָב איך פאַרמעג. יאָרן געהאָוועט אין כמאַרנע טעג.
קיילעכדיק, ווי רענדלעך־רעדער — יאָגן גיך אַוועק.
איך בליק צוריק — עס יאָגט; אָט נאַכט, אָט טאָגט.
ווי עמיצער פאַר מיינע יאָרן — וואָלט געקלאָגט...
אַ וואָרעם זונשטראַל — אַ בלום — ביידע — ווינקען — שטום,
כ׳וועל באַלד נישט זיין — ווינטער — קומט!...

האָסט קיין פּנים פון אַ פּאָעט

האָסט קיין פּנים פון אַ פּאָעט, און גראָב איז יעדער וואָרט דו רעדסט:
האָסט קיין פּנים ניט — פון אַ ייד; הארטע, גראָבע הענט — פון אַ שמיד.
אַ ריז, ווי אַ קאָזאַק פון דאָן; צייטנווייז, דאָך — שרייבן דו קאָנסט!
דיין ליד איז האַרט און אומגעפיילט, נאָר פאלט דיין וואָרט, — ווערט געביילט,
די באַק, די אויג, אַ יעדער אָרט, — אַ האַק, אַ האַמער — איז דיין וואָרט!...

ש י י נ ק י י ט, ח כ מ ה

טו אויס די וואָכיקייט פון שווערן לעבן און גיי דעם דרך — פרומען וועג;
געדאַנקען קלאָרע הויב אָן וועבן, — וועסטו פילן יום־טובדיקע טעג.
„נישט מיט ברויט אליין מאַכט זיס דער לעבן”; נישט מיט מאָגן זאָט
לעבט דער מענטש אליין:
נאָר צו שענערס און גייסטיק־שטרעבן, — וועט יום־טובדיק דיין טיש זיין
רייך און שיין.
גייסטיקייט, פאַרליכטיקט די נשמה, ווי עסן מוז זעטיקן דעם מאָגן:
שיינקייט, חכמה, האָט אַ וואָגיקע כונה, און ס׳ליכטיקט אויף די נאַכט —
אין טאָגן...

צו אַן אַלטן פּאַבל שרייבער

פּאַרפּיום זיך נישט, דו חניפה'ניק, דו אַלטער דאָן דזשואַן
און זאָג נישט די אַלטע ווייבער, זיי בליען נאָך און יונג:
ווי קומט צו דיר, דו אַכציק-יאָריקער-שאַרלאַטאַן, —
דו שמירסט האָניק אויף דיין צעפוילטן צונג.

דיין רוקן איז געבויגן, דו אָפּגעלעבטער פערד.
הגם, זויפן, זויפסטו פלעשער נאָך פלעשער,
און ס'שמעקט פון דיר שימל, ווי איבערגעפוילטע ערד,
און שטופּסט איז זיך דאָס ברויט מיטן—מעסער . . .

פינגער האָסטו, קלעפּענדיקע און פלינקע,
וואָס זיי רירן אָן, ווי מאַגניט ציען צו דיינע הענט,
און ס'שפּיצן די אויגעלעך — צו ווייבער ווינקען: —
דו וואָלסט באַגבה'ט זיי, ווען דו וואָלסט נאָר געקענט.

גיב אַ רואיקע שלאָף-נאַכט צו מיר

גוט מאָרגן, שלאָפלאָזע נאַכט, די אויגן נאָך רויט פון נישט שלאָפן.
דאָך טו איך נאָך האָפן, מיט ליפּן פיבורדיקע — פערסמאַכט,
אַז איך וועל זען נאָך אַ שמייכל פון פרייד, ווען אין מיטן זון-ליכט, וועל חלומן,
שמייכלען,
אויף דעם שיינעם חלום פון פרייד, און אין טיפן שלאָף דיינקען און שכלען . . .
גוט מאָרגן מיין רולאָזער קאָפּ, ווי בליי-שווער און מיט זאָרגן פערהאַרט:
ווערסט אַלט און דיין געזאַנג איז אַן טראָפּ,—ווער האָט מיין רו מיר פעשפּאַרט? . . .
איך שיק גאָט, דיר מיין תפילה; איך טראָג מיין געבעט צו דיר,
מיט ליפּן ציטערדיקע און שטילע, — גיב אַ רואיק שלאָף-נאַכט צו מיר . . .

איך קאָן אויך שרייען

— איר מיינט ווייל איך פערשוויג, בין איך אַ לעמעלע, אזא?
— טעות'ט איר מיין פריינט!
„אַ הינטער וואָלקן די זון אויך שיינט": —
כ'קאָן אויך שרייען: הגם בין שטיל און שאַ! . . .

— ס'טרעפט אַמאָל, ווען צרון טוט אַ שפּיל אין מיר;
טוט אָברען די גבורה, — אַזש מיט פיענע,
און ווער אַקעגן קומט, — נישט וואויל איז יענעם, —
וויי איז יענעם, וואָס שטייט אין וועג פון טיר . . .

אַ לייבן-קראַפט, אָן חשבון און אָן מורא,
און שטאָלץ און זיכער איז מיין טראָט:
וויי איז יענעם, וואָס רעדט צו מיר מיט שפּאָט;
ער וועט שוין צאָלן טייער פאַר זיין עבירה! . . .

גאָט׳ס וועלט

ווי גוט ווערט האַרץ צו זען אַ יונגע פרוי ווי זי זיצט
מיט איר קינד צו איר ברוסט פערטראַכט;
די רונדקייט פון די אַלבאַסטער בריסט בליצט!
ווען זי בורקעט צום ברעקל און לאַכט.
ווי שיין ס׳איז דאָס קינד, וואָס ציט דאָס מילך
און פאַרכלינעט זיך, ווען ס׳זוכט דאָס הונגער שטילן;
ווי ס׳וואָלט אַ פלאַטערל געזויגט דאָס זאַפט
פון אַ בלום זיין מאַגן אָנצופילן.
די אויג ווערט פול פון נחות זאַט,
צו זען ווי דאָס בלום ציט איין די טוי אין מאָרגן,
און דאָס פייכטע בלאַט, ווערט פאַרבנרייך מאַט,
און אַלץ אין חלל צו גיסט אין קלאַנג ווי אַן אָרגל.
ווי שיין צו זען, ווי די מירטל טויבן,
זיך ליבן, טוליען זיך און קושן.
אין האַרץ פאַלט צו, אַ שטאַרקער גלויבן —
אין אַ תפילה צו גאָט, ווילט זיך שמועסן.
ווי דאָס פויגל זיצט אין איר נעסט אויף אַן איי,
און געדולדיק, ליב זאָרגיק, וואַרעמט זי אויס,
און דער ער, העלפט צו: ווי ליב ס׳איז זיי
די זאָרג ,דער נאָך — ביז ס׳וואַקסט אויס גרויס . . .
ווי שיין צו זען ווי דער בוים צעוואַקסט:
אָט ערשט געבליט און פרות שוין גלאַנצן—
און זון באַפאַרבט ווי באַזאַפט מיט וואַקס
און מיט איין אויגנבליק שוין פרוכטן טאַנצן . . .
די קינדער זאַט, שפּרינגען און זיך שפּילן.
ווי דאָס קעצל שפּילט, ווי דאָס קליינער שאָף,
ביים זייט פון מוטער, זוכט איר הונגער שטילן:
— אָ, גאָט, דיין וועלט וועבסט אָן אַ סוף . . .

מיין כלה

מיר זיינען צעווישן ביימער געגאַנגען, פון די זייטן באַוואַקסן מיט זאַנגען.
די לבנה האָט געוואָרפן מיט פאַסן, אַ פאַרחלומ׳טן ליכט — אַ בלאַסן.
זי האָט זיך צו מיין אָרעם געטוליעט, אין האַרץ מיר פאַר פרייט האָט געהוליעט;
איך האָב זי גיהאַלטן אין טאַליע, מיין מיידל, מיין ליבלעכע כלה.
שפּעטער, ווען כ׳האָב זי באַגלייטעט, האָבן געבליט אירע באַקן ווי קוויטן;
פאַר מיר איז געשטאַנען אַ בילד ווי געמאָלן, — איך האָב זי באַקוקט און געקוואָלן.

אָפּגאָט

אָפּגאָט, ווען כ׳האָב זיך געקניט, האָסטו שפּאָטיש געלאַכט;
און מיט זיג־בליקן געבריט פון דיין מאַכט . . .
האָסט מיך פאַר אַ קנעכט געמאַכט, — מער קניען פון מיר פאַרלאַנגט . . .
און תמיד זיגעריש געלאַכט — אין דיין גרעסטן עקסטאַז — ניט באַדאַנקט . . .

אין מיין גאָרטן

טאָג איין, טאָג אויס שטיי אויף פרי, נעם מיט פליס זיך צו מיין מי.
איך טראָג דעם יאָך מיט ווילן ליב, און מיין הויז צוכט — עסן גיב.
די קליינע פאָפוגאָלעך מיט זייער מעטאַלן־קלאַנג
באַגריסן מיך, מיט שמחה, מיט געזאַנג;
די ווייסע טויבן, מיט אויגן גרויס און מיט גלאַנץ
שפרינגען אונטער: עה, עה, עה, — מיט פרייד און טאַנץ.
עה, עה, עה, — מיינט עסן, און עסן איז א פרייד,
און אין מיטן שיסל־הירזש, דער מאַנצביל שטייט.
גיט איינער אַ פיק, דער אַ קלאַפּ: דרך־הרץ פאַרן מאַן!
אַלע בלייבן שטיין, ביז ער מאַכט אַ ברכה אויפן טעם,
הויפּט אויף זיין קאָפּ, באַטראַכט זיין האַרעם ארום זיך,
און טוט אַ ברום: עה, עה, עה, און אַלע פלינק און גיך
אַרום דעם שיסל, מיט אַפּעטיט: שנאָבלען, פויקן זיך צום טאַקט,
און שיסל הירש פאַרשווינט און מען פאַרטריבקט געשמאַק,
נאָר די אָדלער טויב, טרויט ניט מיינע הענט,
נאָר זי צוגעוואוינען האָב איך ניט געקענט.
און אין גאָרטן מיינע פויגל, פילע סאָרטן:
הינער, קאַטשקעס, פילע טויבן, גייען, פליען אום אין גאָרטן.
קעץ און הינט, אַ ציג אַ ווייסע, קיין פגימה, ווייס און קלאָר:
ענטווערט ווען איך גיב ארוף זי — איר ס׳פעלט דער לשון נאָר,
קוקט, באַטראַכט אייך, ווי מיט שכל, ווי פערשטאַנען, וואָס איר רעדט;
זי באַגריסט אייך מיט אַ מעקען, — מיטן צונג זי עסן בעט.
גוט מאָרגן, — אַלע מיך באַגריסן, ווען איך טראָג דעם פרישטיק גרייט.
שוין דאָס הענדל רופט: קאָ, קאָ, קאָ: — קאָ, קאָ, קאָ — מיינט עסן גייט.
טשיר, טשיר, טשיר, שפרינגט קאַנאַריק, אומגעדולדיק שפרינגען זיי,
און די טויבן בורקען: או, או, או, און די „דאָווס״* ווייס ווי שניי.
און די פישעלעך זיך פרייען, און מען הויפּט די קעפּלעך אויף.
און מען שלינגט די ברעקלעך זוימען, אַלע זאַטע אין מיין גאָרטן הויף.
טראַכט איך, איך בין דאָך ניט איינזאַם, איך האָב פריינט אָט דאָ אַסך.
און מיין הונט דער שוואַרצער „בלעקי״ ווי אַן אוצר, מיך היט — באַוואַכט! . . .

* קליינע ווייסע טויבן.

הויפּט מיך ניט צום הימל

גרוי איז מיין לעבן, ווי אַ קויל באַדעקט מיט אַש;
נאָר אונטער אַש נאָך וועבן — פונקען שפריצן האַס . . .
האָב דער וועלט געגעבן מיין מוח און מיין קראַפט;
מיט אײדל זייד געוועבן, — וואָס איך האָב פאַר זיי געשאַפט.
כ׳בעט ביי אייך קיין דאַנק ניט, זוך קיין גאָלדן קרוין:
זוך פון אייך קיין שאַנק ניט, — נאָר לאָזט מיין גאַנג מיר גיין . . .
הויפּט מיך ניט צום הימל, וואַרפט מיך ניט צום גרונט;
לאָזט מיך מיט מיין דרימל און מיט מיין טרייען הונט.
לאָזט מיך טרוימען, דיכטן, שטיל זאָל גיין מיין צייט;
עס גרינגט מיר שווער געוויכטן, — פון אומעט ווער בעפרייט . . .

1945

האָב ביטערקייט גיטרונקען

וואו איז מיין פרילינג, מיין יוגנט איז וואו? ווער האָט די זון מיר פאַרשטעלט?
כ'האָב גיוואַנדערט, גיזוכט, אַ ביסעלע רו; בלומען און זון — מיין וועג האָט גיפעלט.
האָב אַ נעסט גיבויט, האָט אַ פיינט מיר צושטערט.
האָב אַ ליכט גיצונדן, האָט ווינט אים — פאַרלאָשן.
האָב זיך קעגן שטורם גיוואָרפן, מיט כח גיוועהרט —
א חלום, א בייזער, אַוועק אין רויך פון פאַפּיראָסן . . .
אין ברען פון אַלקאָהאָל, אין טומול פערגאַנגען,
וואו די פיס־טריט האָט געוויגט אין מיין וועג,
ווי פון ווינט, וויגן זיך פולע, שווערע זאנגען, —
ווי אין אַ וואָלקן—ברויז—אַוועק איז מיינע טעג . . .
א גוטן טאָג איך זוך, געפינען אין מיין לעבן,
וואָס איז אין וואַסער־שטראָם פאַרזונקען.
גישטאָלטן מיאוסע, פאַר מיר גייען — וועבן:
אין גאַר מיין לעבן, האָב ביטערקייט גיטרונקען . . .

ווי דיר אליין

מיט ציטערדיקן, זיניקן לשון, ביזט דערשינען ווי אַ נביא:
נישט אויסגעפוצט, נישט געזוכט פאַרוואָסן, מיט ערלעכקייט — ווי עליהו־הנביא.
ביזט געקומען מיט שטראָפענדע דיבורים, מיט האַרטע, שפּיציקע, שאַרפע.
געפילט האָט מען דיינע יסורים טענער, ווי פון אַ צעבראָכן האַרפע.
אַלץ וואָס איז געווען פאַרזען, פאַרבאָרגן, האָט אויפגעפלאַמט מיט לינדע פלאַמען.
אין דיין שטראָף האָט געוויטיקט זאָרגן, אין דיין וואָרנונג — ביטערע סמ'ען . . .
דיין שילטן; ווי דו וואָלסט זיך געשאָלטן. דיין שטראָפן: ווי דו וואָלסט זיך געשטראָפן.
דיין וואָרט, איז ניט געווען — אַ געוואָלטן — ווי דיר אליין וואָלט עס געטראָפן . . .

1920

ס'איז מיר באַשערט

ס'איז מיר שוין באַשערט מיין וואָרט זאָל פאַרשוויגן ווערן.
קיין לויב־בליק האָט קיינער מיר געוואונקען;
געלאַכט, שפּאָט, הילכט ווי דונער וואָלט הערן, —
כ'גיי פאַרשעמט, די קאָפּ — געזונקען.

אַך! וואָרום מיין וועג איז אָן זון באַלייכטן?
וואָרום האָסטו פאַרשאָלטן מיר, מיין גאָט?
מזל מיינער, ווען וועסטו באַרייכט און,
זיכער טרעטן וועט מיין טראָט?

* * *

לייבוש פאַרטיזאַן

(פאַר גרויס און קליין)

ווילט איר קינדער אַ משה הערן? — זיצט באַר רואיק דאָ און הערט,
וועט איר נייגעריקע ווערן? — פערבייסט די ליפּן און נישט שטערט.
אַ ייִנגל מיטן נאָמען לייבוש, אַ ייִנגל אַ יאָר צוועלף,
פאַר זיינע אויגן האָבן נאַצים, ווי די ווילדע וועלף,

דערשאָסן זיין טאַטע, מאַמע, אַן אַ ווען אַן פאַרוואָס.
האָט דאָס לייבוש ניט פאַרנומען: אוי, פאַרוואָס איז דאָס?
האָט אַ שטימע — אים גערופן: לייבוש, — גיך אין וואַלד;
דאָרטן וועסט אַן אָרט געפינען, געפינען פריינט אויף באַלד.

גיך האָט לייבוש פון די דייטשן נאָכגעפאָלגט די שטימע־רוף,
האָט ביינאַכט דורך שטילע גאַסן אָפּגעטראָגן זיין דאַרן גוף.
הינטער שטאָט — ווי אַ וואָלף געיאָגט זיך. די שטימע שרייט: לייף! לייף!
גיכער לייבוש, אין וואַלד וואָס גיכער, פשוט יאָגט זיך, ווי אַ רייף.

הינט זיינען אים נאָכגעלאָפן, נאָר לייבוש לייפט, — ווי אַ אינד.
פילט נישט מיד, וויל נישט שלאָפן, — יאָגט זיך גיכער, ווי דער ווינט . . .
די נאַכט איז פינסטער — פאַר אַ רעגן, און קיין שטערן, נישט קיין — שפּריץ.
ווייס נישט וואו ס'פירט די וועגן, און פון לויפן שלאָגט אים שוויץ.

פּלוצים איז אים פאַר די אויגן אָנגעקומען אַן אַלטער מאַן,
מיט אַ הייקער אויסגעבויגן, קאָם וואָס מאַכט אַ טראָט, אַ שפּאַן.
לייבוש, שטיין איז אַ ווייל געבליבן, אגב שרעק האָט נישט געוועקט.
האָט די אויגן זיך געריבן און פון אָרט זיך נישט באַוועקט.

וואו זשע לויפסטו, ייִנגל קליינער? — פרעגט דער אַלטער האַלב נישט ווייך,
און אין מויל ניטאָ קיין ציינער, און דער פּנים הויט און בלייך.
לאָזט מיך, לאָזט, — זאָגט אים לייבוש: איך אַנטלויף ייִצט פון דעם טויט:

— —

נאַריש, ייִנגל, זאָגט דער אַלטער, — אַלימען דער טויט פאַרגייט . . .

דאָך דעם טויט דאַרף מען אויסמיידן, אויסמיידן, מען מוז זיין גאַנג:
נאַציעס, האָבן מיין טאַטן, מאַמען — זיי פאַרשניטן ווי אַ זאַנג.
וואו זשע, קינד־מיינס, וואו זשע יאָגסטו? וואו זשע זוכט דיין וועג, דעם ציל?
ס'האָט אַ שטימע מיר באַפעלן: גיין אין וואַלד וואו פריינט איז פיל . . .

און דער אַלטער ציט זיין האַנט אויס, נאָר לייבוש טוט זיך גיך אַ רוק
און גיך די פיס, זיך יאָגן, רוישן און גיך אויף הינטן ער טוט אַ קוק:
ס'איז דער אַלטער נישט געבויגן, יאָגט און רופט, מיט בייזן קלאַנג:
לעכער אויפן אָרט פון אויגן, און דרייט זיך פלינק, ווי אַ שלאַנג . . .

איז לייבוש, שוואַך, פאַר שרעק געפאַלן, און שפּעטער, ווען ער האָט דערוואַכט,
האָט די זון שוין פול מיט שטראַלן און נייע כוחות אים געבראַכט.
פאַר אים געשטאַנען זיינען מענטשן, פילע אינגלעך אין זיינע יאָרן.
אויך דערוואַקסענע און מיידלעך, די מיידלעך קורץ די האָר געשאָרן . . .

אַלע יונג און אַלט, באַוואָפנט, ווער מיט ביקסן און רעוואָלווערן:
רעדן רעדט מען: פּויליש, רוסיש — אגב יידיש רעדט מען אויכעט, הערן . . .
לייבוש האָט דערקאָנט פיל יידן, און זיך שטאַרק מיט זיי דערפרייט,
האָט מען אים געגעבן עסן, טרינקען, מיט אַ קורצן מאַנטל אים באַקלייט.

אים געגעבן אַ רעוואָלווער און געלערנט אים צו שיסן;
ווי אַ נאַצי צו דערקאָנען, ווי צו שפּיאָנירן, קאָנען, וויסן . . .
האָט לייבוש איינגעלעבט אין וואַלד זיך, אויסגעלערנט זיך שפּיאָנירן,
אַזוי אַוועק אַ יאָר און צוויי, און אליין אַן אַרבעט קען שוין אַדורכפירן . . .

פּופצען יאָר איז לייבוש אַלט שוין, פילע נאַציעס ט׳ער דערשאָסן.
צו זיין געבורטס־טאָג וויל ער כאַפּן אַ פּאָר נאַציעס — זיך באַשלאָסן.
איז ער שטיל, אין האַנט אַ רעוואָלווער, פּונקט ווי אַלע נאַכט, ביי שפּיאָנירן.
הערט ער ווי צוויי דייטשן רעדן: נו, פיל קיין צייט טוט ער פאַרלירן.

זעט ער אַ פּאָר געזונטע דייטשן, מיט פּולעמיאָטן אין די הענט,
אויגן וואָרפן זיי ווי בייטשן, — זיי שפּיאָנירן — האָט ער דערקענט.
פערגנבעט הינטער אַ בוים אַ דיקן, און די דייטשן, ייצט שטיל זיי ריידן.
האָט ער אויסגעשריען: הענט ארויפצו! — אַדער כ׳לעכער דורך אייךביידן . . .

קורץ די מעשה, לייבוש האָט זיי געבראַכט געפאַנגען צו די פּאַרטיזאַנען.
פון דאַן געוואָרן אַ העלד איז לייבוש; מען פאַרטרויט אים אויפצורייסן באַנען.
אַלט איז לייבוש שוין זעכצן יאָר, מיט פּלייציעס ברייטע און גרויסע הענט;
דורך ווינטער קעלט, דורך זון און רעגן — איז זיין פּנים שוואַרץ־פאַרברענט.

פיר יאָר איז ער אַ פּאַרטיזאַן שוין, אים ליבן אַלע ווי אַ ברודער,
און ווי ער דערשמעקט נאָר — וואו אַ נאַצי, — מאַכט ער אַ טומל, אַ גערודער.
און איז גלייך אַ הינטער פּלייצע, ווי אַ קאַץ נאָך אַ מויז זיך יאָגט,
לאָזט ער לויפן אַ קויל אַ הייסע: פאַר מיין מאַמען, שטיל ער זאָגט.

און ווען די נאַציעס ליגן טויטע, זאָגט ער קדיש נאָך טאַטע, מאַמע:
טאַטע, טאַטע, זיי צאָלן — טייער: באַשערט פון הימל איז אַלץ, מסתמא!
לייבוש האָט אַ גרויסן נאָמען, וואו אַן אַרבעט לייבוש דאָ איז:
די דייטשע חיה האָט געמאַכט אים נאָך בלוטיקער, פאַר זיי די שעה איז . . .

מערער, מערער, מערט זיך פּאַרטיזאַנער, מערער, נאַציעס גיט מען קוילן . . .
טאַנקען, וואַגאָנען, רייסט מען אויפעט, — קריגט מען שטיוול מיט שטאַרקע
זוילן . . .
וואַגאָנען פולע, פול מיט ברייטן, וואַגאָנען אָנגעפּילט מיט וואורשטן:
וואַגאָנען פולע, מיט גראַנאַטן און שאַמפּאַניער, ס׳זאָל נישט דורשטן . . .

אַלץ גענומען, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזן, פון הינטער בוימער זיי געשניטן;
נאַציעס אויסגעלייגט ווי זאַנגען, — הגם זיי האָבן אויך געליטן . . .
פאַר איין פּאַרטיזאַן, זייער פּופציק . . . פון הויכע בוימער זיי צעריסן.
מיט גראַנאַטן און מיט קוילן, וואו מיר זיינען? טויטע — מעגן וויסן!

אין גריבער, טיפע פֿאַרדעקט מיט שנייען, דאָרט ליגן דייטשן און זיי פּוילן:
געזשאַלעוועט פּאָר זיי אַפֿילו — צו פֿאַרלירן אַ פּאָר — קוילן . . .
שרצים האָבן זיי געפֿרעסן; מייז און שלאַנגען אויך און ווערים;
פּאַר טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער; רייסן שרצים, זייערע געדערים . . .

ביז איינמאָל, לייבוש אויף אכאַטע נאָך די דייטשן זיך דערוואוסט, דאָס;
טאַקע פֿון די דייטשן גופֿא — דערוואוסט האָט ער זיך — אַטאַ־וואָס:
אַז ס׳איז אויס שוין, אויס מלחמה: נאַציעס האָבן זיך אונטערגעגעבן
און די „אויבער” היטלער העלדן — געבעטן לייבושן זאָל זיי לאָזן לעבן . . .

האָט לייבוש זיי געבראַכט געפֿאַנגען, און דער פֿירער פֿון פּאַרטיזאַנען
נאָך די נייס — זיי אויפֿגעהאַנגען, — צופֿיל דייטשן — נאָך פּאַראַנען . . .
האָט מען זיך פֿון וואַלד געלאָזן, וואו אַ דייטש מען האָט דערטאַפּט:
האָט מען אים אריינגעלאָזן — קוילן פֿילע אריינגעפּאַקט . . .

סאַטירע

ניט מיט ווערסאַליען וועלן דיינע לידער בעסער ווערן.
נישט מיט פֿרעמדע ווערטער וועט זיי מאַכן בעסער;
קאָנסטו זאָגן: „וועני,ווידי, וויצי”, — אגב ביזט ניט אַ סיזאר.
האָסט דיין קאָפּ פֿאַרהויבן; האַלסט זיך העכער ווי ביזט אַ גרויסער.
דו ביזט נישט פֿון היובן זשאַנער, ניט אַפֿילו זאַמאַגנעטיש.
דו ביזט אַ גרויסער קלאַץ־האַמער — נאָר צו זעצן.
ביזט נאָך אַלץ אַ קנאַפּער, נאָר גרויסע שטאַלצקייט — חוצפּהניק!
פֿולע גוזמעס דיינע שטיוול קוועטשן . . .
נאָר מיר דוכט אויס דיין דערמאָנען, וואָס דו האָסט געלייענט,
דאָס פּרוּווט האָסט ווייניק וואָס געלייענט, קיצלער:
ווי דער קבצן קלאַפּט די פּעניס, מען זאָל מיינען ער האָט די מזומנים . . .
וואַלסטו בעסער זיך גענומען צום זעג און האַמער — וויצלער.

מיין צוואה

כ׳האָב זיך געיאָגט מיט הירשן־טריט, פֿון מיינע ציניקער אַנטרינען;
אַ וונדיק פֿון יאָגעניש שוין מיד, און קיין רו־אָרט קאָן איך נישט געפֿינען.
איר, וועלכע האָבן מיך אומזיסט פֿאַרשעמט, איר, וועלכע האָבן דערנידעריקט
מיך אומזיסט;
מיט ווערטער פֿאַלשע מיך איינגעקלעמט, און מיט צינישער גרויסקייט אליין
זיך פֿאַרזיסט.
אייער צינישקייט — וועט נאָך אייך פֿאַרשווינדן, אייער אָפּשאַצונג קומט מיט
צייגער פֿוילע:
אונטער אייערע יאסלעס, ברענען, צינדן — די אויטערדיקע סם׳ען, רויע,
הוילע . . .
איר האָט מיט שוואַרצן גיפֿט פּערסם׳ען מיך געזוכט; דערנידעריקן —
ביז ערד מיט בלאָטע;
כ׳האָב פֿילע מאָל פֿון האַרצן אייך געפֿלוכט, אָבער דערנאָך געהאַט חרטה! . . .
ווען איך וועל אויסהייכן מיין לעצטן אָטעם, זאָל די צוואה פֿון מיר בלייבן:
כ׳פֿאַרגיב אַלימען: דעם און דעם — מיט בלוט פֿון האַרץ טו איך עס פֿערשרייבן.

וואַגלער

וואַגלער, אויף דיין וועג דעם שווערן, האָסטו ווען געהאַט אַ שיינעם טאָג?
האָסטו דיין מאָגן זאַט געגעסן אין דעם נע־ונד פּאַרמאָג?
היינט האָבן אויף דיר געבולן, אַן אַ ווען און אַן פאַרוואָס,
און סבלן האָסטו זיי געדולדעט, — אַנגעפילט מיט ביטערקייט דיין כוס.
מיר האָט אין מיין וואַנדער־וועג אויך קיין גליק געגאַלטן;
אַזוי וויינט ער איך מיינע טעג פון שיקזאַל פאַרשאָלטן.

מיין אייניקל פהילים

כ'האָב היינט צוועלף דאָלער, אַ מתנה געשוינקען—צוועלף יאָר, אַ ליכטיקע געשטאַלט;
ווי אַ זעג, צוויי שאַרפע ציינער, ווי בוימער, צוויי אויסגעוואַקסן אין וואַלד.
צוויי שוואַרצע קאַרשן־אויגן אינם ווייסל, ווי ס'וואָלט זיך געבאָדן אין אַ שיסעלע פון מילך;
האָר געשאָרן ווי באַשניטן גראָז, — ווי זילבער וואָלט געשאָטן זיך פון איר געהילך.
קינד פון מיין קינד; אָבשטאַם פון מיין זוים, — ס'איז אויסגעמישט אין דיר מיין בלוט:
ווען אויסברוך טוט פון דיר אַ רויש, — דאַן ווייס איך, מיין אויפברויז אין דיר רוט! . . .

צו אַ פּאָעט

פּוסטע רייד פון פרעמדע ווערטער, אויסגעזויגט פון פילע ערטער;
חכמה'לעך און וויץ געפּעפּערט — ס'זאָל דוכטן ווי אייגענע — געשעפּערט . . .
וואָס זויגט ער — ווערטער נאָר פון יענעם? יעדער ווייסט אים, יעדער קאָן אים.
זוך ווערטער פון אויגן־טיפן, פון אויגן איבזיך — מיט באַגריפן —
זאָלן שפּראָצן גראָז — אייגענע גריבע, איידער פרעמדע — ראָזן: ווי אייגענע — אַ מינה . . .

פריילאך יידן

פריילאַך, יידן, ס'איז שמחת־תורה, לאָזט די זאָרגן הינטער זיך:
דאַנקט דעם ליבן, אונדזער בורא, אַז טאַנצן, פלאַצן זאָלן שיך.
אין אונדזער פינסטער קאַלטן לעבן, פירט די תורה אונדז צו ליכט,
און פון ליכט מיר כח וועבן — דעם שנאה — איבער וועגן אין געוויכט.
ס'זוכט דער גוי אונדז אויסצוראָטן, ס'איז דער עשו אין זיין בלוט;
אונדזער האָפנונג איז גאָטס געבאָטן, — גאָט גערעכט איז, וואָס ער טוט!

אַ פליג

אַ פליג, אַ, זשומענדיקע, גלאַנציקע, פּערהאָוועט דאָ און דאָרט;
דיין לייב אַ פּערלמוטערדיקע, געפינסט זיך נישט קיין אָרט.
אַ פּיק, אַ ביס, אַ צי, אַ זופּ; פיל מאָל מאַכסטו בייז אַ האַנט;
שפּיזלסט טיף אריין דיין שאַרף, דיין סוף איז שוין באַקאַנט . . .
אַ, פליג, דיין זשום־געזאַנג. צו זינגסטו ווען דיר דריקט?
דו זויגסט ביז בלוט אַ האַנט: ביז דיך די האַנט דערשטיקט! . . .

מ׳לאַכט פון מיר

מ׳לאַכט פון מיר, מ׳רופט מיך אידיאָט, וואָרום כ׳ליג אונטער דיין טראָט.
מ׳זאָגט דו ביזט מיר גאָר ניט ווערט, — פון פילע האָב איך דאָס גיהערט.
און אפשר זיינען זיי גערעכט? האָסט קיין ברעקל־גוטס, — נאָר שלעכט . . .
האָסט פאַרכישופט מיך, דו שלאַנג. האָסט מיין האַרץ פאַרצוקט פון לאַנג . . .
ייצט צום מוח קריכט דיין בליק: כ׳זע דיינע אויגן, וועבסט פאַר מיר אַ שטריק. . .

אויף וואַנדער וועג

גייי פריי, מיין פריינט, גיי פריי דיין וועג;
פאַרזע דעם היינט, זוך נייע טעג.
זוך נייע טעג, אַ נייעם היינט: —
אַמאָל אין וועג, געפינסט אַ פריינט.

און מעג דיין פריינט דיך רופן: „איר“ —
די זון אויף־שיינט אין האַרץ ביי דיר . . .
עס טרעפט אַמאָל, אַ פריינט — אַ זי —
וועט זיין באַצאָלט דיר — פאַר דיין מי . . .

דער סוד פון לעבן

דער סוד פון לעבן, טראָגט פיל סודות באַהאַלטן
צו׳ווישן די פאלדן פון גורל־סכנות.
פאַר איינעם: רווח און זון, פאַר אַ צווייטן, נאָר סיבות פערהאַלטן,
נאָר בייטשן דעם צדיק, וואָס האָט ניט קיין שלעכטע כונות.

דער פאַרהאַנג פון צייט, לאָזט דורך אַמאָל שטראַלן,
מעג ווי וואָלקנדיק זיין — דער חושך פון נאַכט
אַ ריינע האַרץ, אַ קלאָרער מוח, וועט פאר קיינעם ניט פאַלן —
ווען ער ווערט פון פריינט פאַרלאָזן — אין מיטן פון שלאַכט . . .

שבת־קודש

ס׳האָט אַ ייד געדאַרפט גאָטס ברכה, צו קאָנען טראָגן שווערן יאָך;
צו קיין זאַך, ניט געהאַט הצלחה; געשלעפט דעם יאָך אַ גאַנצע וואָך.
שבת, שבת, הייליק שבת, רו פון שווערן לעבן האַרטן.
האָט דער ייד זיך גאָר מחדשט, פלעגט די גאַנצע וואָך דערוואַרטן:
צי געווען איז פיש פאַר שבת? צי חלה, צי אַ פענעץ ברויט?
צי אַ ליכט אין לייכטער, צי אַ לעמפל? נאָר קידוש וויין, תמיד שטייט! . . .
די ווייב אַ בלייכע, קינדער דאַרע, נאָר שבת איז דער רייכסטער טאָג:
אַלע שמייכלענדע — מאַכט אַ וואַרע — שבת קדוש — איז זייער פאַרמאָג . . .

אן נעקראָלאָג

(אויף אַ באַרימטן פּאָעט מיט זיין פּרוי)

זיין נשמה האָט געצייגן, צו פּאָעזיע, צו שיינקייט;
אפּגעלאָזן, נישט געפּירט זיך — ווי אַ פּאָעט!
ס׳האָט אים געטריבן אַ באַהאַלטענע ביינקשאַפט —
געשריבן צו דערגרונטעווען עפּעס נייקייט ער וועט . . .

געשריבן ראָמאַנען מיט גראָבן פּאָנאגראפישן וואָרט;
וואָס איז דער אונטערשייד צו באזינגען אַ בוים
פון צו באַזינגען די שיינע געפילן פון געשלעכט —
די עמאָציעס פון פאָרן זיך — דער שענסטער טרוים? . . .

ער האָט אין נאָוועלע, ער האָט אין פּאָעמע,
עראָטיקע, אַמשטאַרקסטן באַוועלטיקט:
פאַר אים איז וויין, פרויען און געזאַנג געווען זיין טעמע
און זיין דרך האָט אים איבערגעוועלטיקט . . .

אין קלאַנג פון צייט האָט ער זיך פאַרפלאָנטערט;
דערפּאָלג, און רום, האָט אים פאַרזשמורעט . . .
און האָט זיך צום ווייב, וויין און ליד פאַרקערט
און ס׳האָט אָנגעפאַנגען אויסריינען דער פּאָעט . . .

און ווען די מוזע האָט אים ניט צופרידן געשטעלט,
האָט ער זיך פאַר׳שדחן׳ט צום ביטערן טראָפּן,
וואָס מער ער האָט געזוכט אין דעם געפינען, זיין וועלט,
האָט ער באַגעגנט — פעראַכטונג און שפּאָט . . .

אָנגעזאַפּט מיט טאַלאַנט און אָנגעזויגפן מיט וויסן —
געבענטשט פון דער געטן אַטענע
און דאָס האָט נאָך שטאַרקער זיין ווילן געריסן
האָט קיינמאָל פאָגליאַטיוועט פון די און פון יענע . . .

זיין שפּאָן און זיין טראָט, זיין אויגן וועג.
נאָר הצלחה, צו סוף, איז ווייניק געקומען.
און ביטער געווען איז און טונקל די טעג
און שטן האָט צו אים זיך גענומען:

ער האָט אים געשלעפּט צו גהינום־אַראָפּ.
צו עלנט און דחקות און מוטלאָז געפילט;
ער האָט אים געבויגן צו שאַנדע, זיין קאָפּ
אין האַנט פון דעם שטן געווען אַ געשפּיל . . .

פאַרלאָרן דעם מוט און פאַרלאָרן דעם ווילן,
צי שטעלן זיך קעגן דעם רוצח פון צייט
און טיפער געבויגן דעם דורשט איינצושטילן,
געזונקען, אַלץ טיפער אין עלנט און ווייט . . .

געחבר'ט זיך מיט שיכורים, געחבר'ט מיט טרעמפס;
פערוויילט פילע טעג אין שיינקען, וויין קעלערן:
אַרומגעגאַנגען הונגעריק, דער מאָגן מיט „קרעמפס"
און וואָס נאָר געשאַפן ז'געווען פול מיט פעלערן . . .

און וואָס נאָר געשאַפן — און וואָ סנאָר געשריבן.
האָט זיך ניט צעגאַנגען; הגם טיפע געפילן:
פארלעגער באקלאָגט זיך: ס'איז פיל פיל־פאַרבליבן —
שפּאָסט ער, מיט זיין ווײ — טוט ער זיך שפּילן.

זיין נאָמען, וואָס האָט גערימט אין וויטסטע לענדער
איז נידעריק געזונקען און פארשוויגן געוואָרן:
מען האָט ניט דערמאָנט — זיינע פילע, פילע בענדער
וואָס האָט זיך געמסחר'ט פאַר פילע יאָרן.

זיין יונגע ווייב האָט אים נאָכגעשלעפּט, ווי ציגיינער:
מיט אַ ליד באַצאָלט, פאַר אָנפילן דעם מאָגן
און אַ בעט נישט געווען פאַר זיי זיך צו לייגן —
און פיל מאָל אַרומגעשלייכט, ביז ליכטיק פרימאָרגן . . .

איינמאָל האָט מען זייביידן געפונען
טויטע — צוקצבט, און פיל מאָל געשטאָכן.
און ווען זייער בלוט איז נאָך גערונען —
דער מערדער געווען איז, זייער פריינט, זייער שכון.

S'trugt Di Tzait Mich

Text :B.Dimandshtein — Maxim Brodyn



ס'טראָגט די צייט מיך אויפן רוקן
און הייסט מיך נאָכגיין ווי אַ נאַר!
פאַרן גאָלד־געץ זאָל זיך־בוקן
וועל איך עסן זאַט דערפאַר . . .

וויל איך ניט קיין אייזל ווערן,
שטויס איך צייט פון מיר אַוועק;
זוך איך נייע קלאַנגען הערן —
טרינקען לעבן ביזן דעק . . .

דאָס איז די פּאָרעדע פון מיין ענגלישן בוך „יוטאָפּיע"

UTOPIA

PLAINLY TOLD

My preface in the Hebrew edition is an answer to writers and readers who have complained about the "Volcano Island" in the Yiddish translation, as a "Stalin book". I have received about a hundred letters from authors and readers. Now I will try to answer the complainers on the Hebrew translation. I surely believe this book has been translated into Russian also.

Dear reader: When I have written this Utopia in the year 1924, although I was not a Communist, I hoped that Communism would redeem the world and the Jew would be a man equal with every other man; I mean, like the Russian, the German or Polish, etc. That is why I have written this book. When it was written, Stalin did not yet emerge as a leader. Not one word about him is mentioned.

The book is a utopian idea as Bellamy's Utopia, "Looking Backward" and other utopias. And in my opinion this Utopia has more weight and is more beautiful with its great moral, psychological and philosophical ideal, envisioned of a world worth living in.

What is the difference between Communism and Socialism? In idea they are both alike **almost**, though the goal is the same. Communism is a revolutionary party: it believes in stealing, robbing and grabbing and take the power of dictatorship and force if necessary the idea upon the masses by dictatorship . . .

Socialism is a peaceful ideal: it wants to reach its goal by education and by the ballot. That means, to educate the masses they should know where they are going. No one forces them to vote for a certain candidate as the Communists do. As, for instance, the Laborites in England do: they also began to socialize the industry, as we all know. But the people voted them down. They returned the government to the Conservatives. That is the socialistic way. The Communists would never give the government to other hands. They would arrest the leaders of the opposing party, or kill them off together with other thousands of people. Because the Communists know that if they wouldn't do it, they wouldn't stay in power. **There the minority rules . . .**

The Communists don't believe in evolution. They are the greatest opportunists! They shorten the way to revolution, grabbing by physical might, to get into power at the first opportunity. They force the revolution, not only on the Capitalists only, but they choke the enslaved, the toiling masses, which wouldn't happen even under Fascism . . . They force the working masses to obey the will of their theoretical and practical hegemony. They care not for the individual. Any dissatisfaction, they suppress with heavy punishment; by exile to Siberia or death; that is an everyday occurrence. Destroying a people, or a nation, is a plaything to them . . . The Bolshevik dictatorship destroyed more people than the first and second world-wars together. All because of their force upon the masses. And why this cost of so much blood and tears? Because the masses do not want forced Communism! . . .

The deeper one ponders, the more faults one finds in Communism. Mostly in Stalinism and his followers. You cannot violate the

dignity of man; man's protest against insult to his inner ego. It is man's integrity to consider and criticize ideas. Spinoza says: "Laws against free speech are subversive to all law; for men will not long respect laws which they cannot criticize."

The dream which I carry around from my youth about a beautiful world of equality for all men, drilled my brain all the time. I weaved a socialist world into my Utopia; "Volcano Island". In my opinion, the "Volcano Island" is much richer and more beautiful than Bellamy's "Looking Backward," because I developed not a tale of a ready socialistic world, as does Bellamy in his "Looking Backward." I **build** upon an **uninhabited** volcano island a world of beauty and happiness. Seeing how my dream leaked out under Soviet socialism, for me and my people, my hopes went up in smoke!

Also England wronged my people: she didn't carry out her mandate with which the League of Nations entrusted her, and drew me to seek for justice from the Soviets. Seeing how England treated the Jews, I hung my hope on the Soviets. I really hoped that the only hope for the wandering Jews lay not with the lion England, but with the Soviets as their new heaven.

I believed that the world would become sovietized in a short time . . . The Soviet Union promised the Jews an autonomic State with their own culture, with their own language. And so they pressed every cent out from home and abroad to foster their promise which turned into a big lie. Instead they closed the Jewish press, the Jewish theaters, the Jewish schools and all the Jewish cultural activities. They killed the best Jewish writers, actors, artists, composers, and many they have sent to slavery in Siberia, as did Hitler in his concentration camps . . .

That nearly drove me out of my mind: "Is that Socialism? Is **that** what became of the hope for a better, freer world of equality for all peoples under equal justice?" They are not better than the Nazis. Is Stalin a madman like Hitler? . . . Is that his Socialism?!

This opened my eyes and I began to unveil the iron curtain in my magazine "Literarishe Heften". Soviets will go down as Hitler did; as other dictatorships went down into oblivion. No nations became great who persecuted the Jews . . . This is History!

Thanks to the trouble due to those Jews such as the American Council for Judaism, as in Russia some of the Jews called themselves "Yevsekies." Many of them who have squealed upon the Jewish masses, were later killed with the others who in turn informed on them . . .

The only solution to the Jewish problem is a free Jewish State, which will not only be of benefit for the Jewish people equally, but for the world in general . . .

This book has been written in the year nineteen hundred and twenty-four.

I consider this preface proper for the English edition.

You will find in this book, love, adventure, philosophy and Utopia.

This book can be gotten through the Literarishe Heftn, Tujunga, Calif., or Dimondstein Book Co., New York 3, N.Y.

THE LAST NIGHT IN THE WARSAW GHETTO

The morning sun like a red-teared eye, went out,
As though it wept the whole night through;
The rays shot through the window in the house,
And told a tale of bloody battle, of gory fight.

The sky was purpled and blending with lead;
The trees, the green ones, since yesterday burned!
In the streets of the Ghetto walked gloomy Death,—
From the houses only perforated walls were left.

The silent night was stabbed with woeful moans,
The Jews like one stood-up to combat Death—
When he came with the early glow of the new day.
Also the Germans had a bloody wreath . . .

"Blood for blood!" screamed the night. "Go, Jew,
Go, Jew, against Death's henchman, the murderer, the Hun;
Cut the snake in pieces, in tiniest parts and shreds—
Die a valiant Maccabean,—show that you can!" . . .

The Germans were turned frantic!—the masterless Jew
That let himself be burned at the fiery stake,—
A Jew renewed, in brotherly unity bound,
Defies the gas-chamber, and to the fray runs wide-awake! . . .

Dazed were the Nazis: the feeble Jew stands up!—
The "superman," the "Aryan," cringed in numbing fear:
The weakest has risen a giant, and fights!—
It melted their legend of "superior," this to them was clear.—

Heroes from ghettoes, from Warsaw, from Lodge!
You have the Nazis confused and drove them to rue,
You are the first to show them how man's Will transforms . . .
You terrified them, and taught: For honor you can die as do . . .

O you "supermen," you're heroes but against the timid, weak;
You can burn, shoot, gas, torture, maim, you saddists!
From the graves the bones are calling, the ashes call for vengeance
You rapers of mothers, infants suckling at their breasts!—

The morning sun like a red-teared eye went out,
As though it wept the whole night through;—
In the Ghetto you cannot find an undemolished house,—
But Nazis' blood had also streamed in that fight . . .

JOSEPH IN EGYPT

Joseph, beautiful and tall and very wise,
Eyes like the sun and charming as the day;
His father Jacob mourned for his loss,
None could comfort him nor drive his care away.

Joseph wore the silken shirt, his father's gift,
And well-nigh had forgot his home and his descent;
With craft his brothers this shirt dipped in blood,
And to their father as Death's sign have sent.

Petipherah's wife, by Joseph's beauty charmed,
In amorous throes her wicked heart had throbbed;
She planned a trap and to her room him snared,
And in her feverish arms she Joseph grabbed.

She flirted and her naked body to him unveiled,
But Joseph in his purity her charms declined;
She sang and serenaded him without success,
Yet her passionate eyes had shown she pines.

She used her feminine wiles and charms,
And cried: Come love my body of purest alabaster,
But Joseph watched his steps and shunned her eyes,
And true remained to his Lord and Master.

She fumed and raged in fated love unanswered,
And made display of pitiful weakness infantile;
And as he strove to leave her incensed chamber,
She tore from off his shoulders his only mantle.

No cries, no passionate arguments availed her,
He hastened to escape her trap and rape;
And stripped of cloak that was left in her grasp,
And through the door he made his fast escape.

She lied that Joseph by his strength had raped her,
And Petipherah's vengeance found a dock;
He soon imprisoned Joseph in a dungeon,
To lie there in the cold without his cloak.

There he remembered his brothers' foul betrayal,
Who stripped him from his gift, his silken shirt,
And sold him for a slave, deceiving their father,
And he cursed the day and hour of his birth.

Yet was his faithfulness in time well rewarded,
As he was raised to eminence second to the throne;
For being true in heart to his own Lord and Master,
He wisdom gained and highest triumph won.

THE PHONOGRAPH AND THE NEEDLE

The phonograph, who thought himself superior
To the little needle in his tightened grip;
That it is a thing whose rank is much inferior,
Since it is 'below' him, in his keep,—
Addressed it flippantly, and with certain pride:
"I trust you realize your littleness and secondary place,
That you're my servant whose duty 'tis to trace
The music in the spinning record's disk,
Not slow, not fast, but with agility, and brisk.
You serve me only while your point is sharp,
To sense the faintest tone of piano, violin, or harp;
But once your point is dull, your tracing bad,
Another needle serves me in your stead..."
The humble little needle deeply felt the sting,
But soon replied: "You rate me an inferior thing...
Forgetting that without me you are mute.
Why speak so haughtily and like a brute,
When you're but made of wood, an empty shell,
Wherein the *real* Mover of the record dwells?...
Nor does your self-praise add to your estate,
And burning into charcoal is your destined fate.
You're not my master, nor am I your slave,—
One hand to each of us a function gave,
That we the record's music reproduce.
And lastly when by work and age we tire,

MORAL: Let not your eyes deceive you
By the outer form, size,—
They can no knowledge give you,
Nor indicate who's wise.

SONNETS AND SCULPTURES BY BORIS DIMONDSTEIN

Boris Dimondstein's Poetry does not equal his ability as a sculptor and it is unfortunate that the illustrations of his sculptures are so poorly reproduced in this book, because much of his work, especially his heads, are very fine. Mr. Dimondstein's sculptures are worthy of clear reproduction in a volume devoted to them exclusively. However the verses are legible.

—*The Book Exchange, London, England*

MY CHOSEN WAY

Please do not give me wine to make me drunk,
I want my brain to serve me crystal clear;
I do not want in depths of dreams be sunk,
Or ghastly nightmares fill my heart with fear.

Please do not give me rich food for my meal,
That makes me indolent, phlegmatic, oversate;
I must alert be uprightly to deal
With fellow-men, nor come to them too late.

Please do not give me finery of glossy silk,
Lest I the poorly-clad humiliate.
I'm not for braggarts made a fitting ilk,
Who thrive on others' toil and dissipate.

Please do not place me in a lofty castle,
With servants stiff, erect, to take commands;
When wretcehd men in dingy hovels wrestle
With choking death, with blue-veined long hands.

Please give me pure cold water, 'stead of wine,
And simple corn-bread for my plain repast;
And plainest clothes will suit me well and fine,
A humble room, a cot my head to rest.

There shall I wings give to my searching mind,
And be an equal with my poorest brothers,
Encourage them the path to Life to find,
And pen my songs for them, and for none others.

I KNOW, MY DEAREST, WHY

You care not for my gnawing pain,
You care not for my cry.
You wouldn't answer to my call,
I know my dearest why.
I long for you by night and day,
To tell you 'tis in vain—
For you are summer, and autumn I,—
I'm doomed to suffer pain.



● לכבוד ב. דיימאָנדשטיינס 60־טן געבוירנטאָג, האָט פריינט מאַקסים בראַדין, מיין טייערער פריינט, פאַרפאַסט נאָטן צו מיין ענגליש ליד „פרענד־שהיפ״, צו זינגען און פאַר פיאַנאָ; ער האָט שוין פון פריער אויך פערפאַסט עטלעכע נאָטן־מוזיק צו מיינע לידער. דאַנק איך אים פון טיפן האַרצן.



Friendship and love, a lustre vase—
That's beautiful and dear.
It's fragil, and it's brittles when it falls;
Watch over it with care and with fear.

FRIENDSHIP

Poem by Boris Dimondstein — Music: Maxim Brodyn



FRIENDSHIP

Great friendship, is great as love,
Watch over it with greatest care;
The littlest spark can flame up hate,
Friendship and love, hangs on a hair.

Words by.
B. Diamondstein

Music by
A. Mann

Emitz Hyt di Welt.

Bright March Tempo.



שרעקט די שוואַרצקייט, שרעקט די נאַכט, ווען וועט טאָג שוין קומען?
ווער געווינען וועט די שלאַכט? פאַלשקייט מוז אומקומען!
קומפט די גוטסקייט קעגן שלעכט, — ווער פון זיי וועט זיגן?
שטייט שטאַרק אמת, פאַלשקייט ברעכט, — אמת קעגן ליגן! . . .
ליכט מוז שניידן דיקסטע נאַכט, — זון וועט שטראַלן געבן;
עמיץ היט די וועלט און וואַכט: — אויף איר זאָל אייביק לעבן . . .

BEIMELE

****
****
****

Poem by B.DIMONDSTEIN

Lento andantino

Maxim Brodyn



פאָלקס-ליד

ביימעלע, ביימעלע, זיי דו מיין עדות,
ער האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט מיך ליב;
ער האָט מיר געשוואָרן, אַז איך בין זיין איינע —
איצט גיי איך אַרומעט דערשלאָגן און טריב.

ביימעלע, ביימעלע, דו זיי מיין עדות,
אַז כ'האָב ניט געקאָנט מער די בושה פֿאַרטראָגן;
טאָ, ביימעלע, ליבינקער, זאָג נאָך מיר קדיש —
ווייל כ'בין אַ יתומה, זאָלסטו מיך באַקלאָגן.

ביימעלע, ביימעלע, דו זיי מיין עדות,
אַז מענטשן פֿאַרשטויסן מיך, מיט קללות פון טיר
און איך האָב מיין ליבע, מיין ליבע פֿאַרטרויט אים —
איצט לאַכט ער זיך אויסעט ביי אַ צווייטער פון מיר . . .

ביימעלע, ביימעלע, דו זיי מיין עדות,
כ'באַצאָל מיט מיין לעבן אַצינד פֿאַר מיין חטא;
כ'וועל טיף אינם טייך מיינע סודות באַגראָבן —
און זיין וועט מיין קבר מיין חתונה־בעט . . .

אָפּרופן איבער דיימאָנדשטיינס נייעם בוך לידער „דואַליזם" און די „ל. ה."

חשובער ב. דיימאָנדשטיין:

א טייערן דאַנק אייך פאַרן בוך „דואַליזם".

איך האָב געלייענט און הנאה געהאַט פון גאָר א סך לידער.

א פיינער פּאַלקסטימליכער טאָן גייט שפּילענדיק אַדורך אין די מערסטע פון די לידער. מ'זעט ווי דער דיכטער וויל נישט פאַרבויגן דעם אמת צוליב מאָדערנע וואוילקלאַנגען:

„שרייב דיין וואָרט און פייל און שטעל
ווי דימענט זאָל עס שטראַלן.
דורכגעוויקט, ריין זאָל זיין דיין זעל
ווי פון מים־חיים קוואַלן . . . (ז. 15)

איך האָף אין קורצן אייך אָפּצודינען . . . דערווייל וואונטש איך אייך, קאָלעגיע דיימאָנדשטיין, א געזונטן זומער און מזל והצלחה אייער נייעם בוך.

אייער, זעליק דאָרפמאַן

ליבער ב. דיימאָנדשטיין, שלום וברכה:

אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר אייער טייערער און חשובער מתנה — אייער ספר „דואַליזם".

איך האָב געלייענט אַ צאָל פון אייערע לידער, און הנאה געהאַט פון זיי. אייערע פּרעכטיקע בילדער ברייינגען אריין יום־טוב'דיקייט. מאַלעריי און פּאָעזיע שאַפן, — אַ וואונדערלעכע קאָמבינאַציע.

מיר ווינטשן אייך אסך שעפערישע יאָרן אין נחת און גליק.

אייער, נפתלי קראַוויץ,
— רעדאַקטאָר פון „אונדזער וועג"

זייער חשובער קאָלעגע ב. דיימאָנדשטיין:

איך באַשטעטיק מיט דאַנק, אַז איך האָב דערהאַלטן אייער לידער זאַמלונג „דואַליזם". שיין אַרויסגעגעבן מיט געשמאַק.

איך ווינטש אייך הצלחה. מיינע בעסטע גרוסן און בעסטע ברכות. אייער,
ירחמאל בריקס.

ליבער פריינט און קאָלעגע ב. דיימאָנדשטיין:

איך דאַנק אייך זייער פאַר די „העפטן". איך האָב גלייך טועם־טעם געווען פון אייערע איבערזעצונגען פון די ענגלישע פּאָעטן. זיי זיינען גוט. עס איז אַלע מאָל גוט צו טרינקען פון אַלטע קוואַלן, וואָס בלייבן אויביק פריש.

אייער, — ב. ביאַלעסטאָצקי

מאַי 9, 1959

חשובער פריינט און קאָלעגע ב. דיימאָנדשטיין:

אַ דאַנק פאַר דער שיינער מתנה, אייער לידער־זאַמלונג „דואַליזם", וואָס איז באַצירט מיט פּרעכטיקע בילדער. די לידער דערציילן וועגן די שטימונגען פון אַ יידישן מענטש אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן אין אונדזער קולטורער צייט.

אייער פּראָדוקטיוויטעט איז ממש צו באַוואונדערן.

אגב, אַ דאַנק פאַ רדי „ליטעראַרישע העפטן", וואָס איר שיקט מיר כסדר. איך לייען די נומערן מיט גרויס אינטערעס.

איך ווינטש אייך נאָך אַ סך יאָרן פון שעפערישקייט.

מיט די בעסטע גרוסן און כל טוב, אייער, א. ניסאָנזאָן

מיין ליבער ב. דיימאָנדשטיין:

אייער רעצענזיע איבער מיין בוך — „אַן אויסגעטאָקטע סקולפּטור", — א יישר כוח!

איך ווינטש איך לאַנגע און שעפערישע יאָרן.

אייער, י. העשעלעס

חשובער פר. דיימאָנדשטיין:

אַ גרויסן דאַנק איך פאַר צושיקן מיר דעם לעצטן נומער „ליטעראַרישע העפטן". כ'האָב נאָך ניט באַוויזן צו לייענען און פאַרדייען, אָבער איך זע, אַז דער אינהאַלט איז אַ ריינער און אַן אנרעגנדיקער.

כ'באַוואונדער טאַקע אייער אויסדויער, אייער עקשנות און אייער אָן־סוף־פיקע ענערגיע אין שייכות מיט אייער ליטעראַרישער אַרבעט. איר קריגט אייער „שכר" מיט דער דערשיינונג פון יעדן נייעם נומער. טאָ זייט מצליח און זייט ממשך אין אייער שעפערישע, ניצליכע אַרבעט.

אייער, מיט כבוד, דר. דוד ברידזשער

זייער ליבער פריינט ב. דיימאָנדשטיין:

איך האָב היינט באַקומען אייער ליבן זשורנאַל, די „ליטעראַרישע העפטן", און האָב געפונען דאָרט אייער רעצענזיע וועגן מיינע לידער. איך דאַנק אייך זייער.

דאָס וואָס איך האָב ניט געגעבן מיין בילד און ניט מיין ביאָגראַפיע, איז דערפאַר, וואָס איך האָב ניט געוואָלט קיין באַגלייטער, וואָס זאָלן אויף מיר עדות זאָגן. איך האָב געוואָלט גיין אַליין און אַליין קומען צום אָנגעצייכנטן אָרט. און אויב מיין בוך האָט ביי אייך אויסגענומען איז אַוודאי גוט און איך דאַנק אייך נאָכאַמאָל פאַר די וואַרעמע ווערטער וועגן מיר.

וואָס איר פאַרגלייכט מיר מיט גאָגען איז געוויס אַ גרויסער קאָמפּלימענט פאַר מיר. צי איך האָב דאָס אויף אַן אמתן פאַרדינט, בלייבט אַ פראַגע פאַר די 60־70 מענטשן וואָס האָבן געשריבן וועגן בוך.

עס איז געווען פאַר מיר אַ גרויס שמחה אייער אַרטיקל, איבערהויפּט נאָך גאַנצע פיר יאָר זינט דער בוך איז אַרויס.

אויב איר קענט מיר אַרויסשיקן נאָך פיר נומערן וואָלט איך אייך געווען זייער דאַנקבאַר. איך קלייב די אַרטיקלען וואָס מען האָט געשריבן וועגן בוך.

וואָס מאַכט איר אַליין, פריינט דיימאָנדשטיין? איך האָב געזען אייערע סקולפּטורן.

אַ האַרציקן גרוס איך פון מיין פרוי. און זייט מיר געזונט, ווי עס ווינטש איך,

אייער, יוסף ראָלניק

„מחברות לספרות"

בטהנגה שבקליפורניה מוסיף ב. דיימונדשטין (מאָז כמה חדשים יחד עם ד״ר דב סטולר) להוציא ולערך את ה„מחברות" שלו. בחוברת האחרונה (65־66) מפרסם מרדכי גוטפריד מישראל שתי רשימות על אליהו מיטוס ועל נתן אַלתרמן; כן מתפרסמת שם בקרת על המונוגרפיה של יצחק פנר: „שלם אֵש בביתו האַחרון" (זכה בפרס דימונדשטין). את רב החוברת ממלא העורך עצמו בפרי עטו: שני ספורים ושלש סקירות בקרת, תרגום שיר של בוריס פסטרנק — כל אלה תופסים שני שלישים של החוברת (בת 32 עמודים). ספק אם זוהי פרופורציה בריאה.

„אומר", י״ח חשון טש״ק

ג׳בטבת, תשי״ט

ליבער, טייערער חבר און קאָלעגע ב. דיימאַנדשטיין, שלום!

כ׳האָב מקבל געווען אייערע „ליטעראַרישע העפטן״ נומער 64־36 (יולי־דעצעמבער, 1958) — און מיינע אויגן זיינען געפאַלן אויף דעם ערשטן ארטיקל: „טויזנט פריינט — ד. פּערסקי״ פון ש. ערנסט. מה אומר ומה אדבר? אַ וואַרעמער געפיל האָט מיר אַרומגענומען. הגם, ברוך השם, כ׳האָב שוין זוכה געווען צו מיין זיבעציק יאָר יובל צו אַ סך וואַרעמע אַרטיקלען און באַגריסונגען, דאָך מוז איך מודה זיין, האָט מיר דער דאָזיקער אַרטיקל געפרייט באַזונדערס. ווייסט איר וואָרום? דערפאַר, וואָס אייער זשורנאַל ווערט געלייענט בכל ארבע פינות הארץ און אויך אין מדינת ישראל. אויך דערפאַר, וואָס איר זייט אַזוי גוט־הארציק און אמת־איבערגעגעבן צו אַלע אונדזערע שרייבער אין אידיש און העברעאיש. איר זשאַלעוועט ניט קיין פלאַץ, איר מאַכט ניט קיין חשבונות, איר זוכט ניט קיין עבירות, — איר האָט אַלעמען, בלי יוצה מן הכלל ליב. איר ווילט אַלעמען גורם זיין אַ נחת־כוח, ספּעציעל אין שעת־רחמים פון אַ יובל אָדער אַן אַנדער וויכטיקע דאַטע.

מי ידמה לך ומי שווה לך, ב. דיימאַנדשטיין? איר זייט ביי אונדז אַ בן יחיד. זאָלט איר מאריך ימים זיין און אויך אויף ווייטער מהנה זיין אונדזערע איינזאַמע פען־מענטשן, צו ווען איר דערלאַנגט תמיד די שענסטע בוקעטן בלומען. בידידות דבה, דנאל פּערסקי

חשובר פר. דיימאַנדשטיין:

אַ גרויסן דאַנק אייך פאַר צושיקן מיר דעם לעצטן נומער „ליטעראַרישע העפטן״. כ׳האָב נאָך ניט באַוויזן צו לייענען און פאַרדייען, אָבער איך זע, אַז דער אינהאַלט איז אַ ריינער און אַן אנרעגנדיקער.

כ׳באַוואונדער טאַקע אייער אויסדויער, אייער עקשנות און אייער אָן־סופיקע ענערגיע אין שייכות מיט אייער ליטעראַרישער אַרבעט. איר קריגט אייער „שכר״ מיט דער דערשיינונג פון יעדן נייעם נומער. טאָ זייט מצליח און זייט ממשך אין אייער שעפערישע, ניצליכע אַרבעט.

אייער, ניט כבוד,

דר. דוד ברידזשער

חשובער פריינט און קאָלעגע באָריס דיימאַנשטיין:

איך האָב איבערגעלייענט אייער אָפּהאַנדלונג אין די „ליטעראַרישע העפטן״ נומער 64־36, וועגן מיין „חיים סאלאמאָן״. ווי זאָגט זיך דאָס ענגלישע ווערטל: „בעסער שפּעטער, ווי קיינמאָל ניט״. די אַרבעט אייערע באַווייזט, אַז איר פאַר־שטייט די טעכניק פון דער דראַמע און איר קענט זיך פאַרטיפן אין אַ ווערק און דערפילן דעם תמצית, דעם הויפּט מאָמענט.

איך האָב אויך געלייענט אייער דערציילונג „בהי סח׳־הדעת״. עס איז אַ שיינע, קורצע דערציילונג. זי איז שטימונגספול, בילדער־רייך און האָט באמת לעבעדיקע מענטשן. איך דאַרף זאָגן, לעבעדיקע יידן, מיט יידישע הערצער. אַ באַזונדערן ישר כוח דעם נחת רוח, וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפט מיט דער דאָזיקער דערציילונג. אַ האַרציקן ישר כוח.

זייט מיר גיזונט. איך ווינטש אייך הצלחה. מיט דרך ארץ, אייער,

יעקב זינגער

ליבער פריינט דיימאַנדשטיין:

איטלעך מאָל, וואָס איך באַקום א נייעם נומער „ליטעראַרישע העפטן", חידוש איך זיך: וואו נעמט איר אַזוי פיל כוח פאַר אַזוי פיל אַרבעט? (איך רעד שוין נישט פון די הוצאות, וואָס איך בין זיכער אַז קיין רווח בּרענגען זיי נישט).

איך דאַרף מען ווינטשן נישט בלויז דערפאָלג, נאָר טאַקע א סך געזונט. און דאָס ווינטש איך אייך טאַקע. יצחק האַראָוויץ

סעפּטעמבער 1, 1959

חשובער קאָלעגע ב. דיימאנדשטיין:

אַ האַרציקן דאַנק פאַר דער מתנה — אייער בוך. וועל מיט דער צייט לייענען, — זיך באַקענען מיט אייערע שאַפונגען. די „ליטעראַרישע העפטן" לייען איך.

מיט פריינטשאַפט, מ. פערעלמוטער

חשובער פריינט ב. דיימאנדשטיין:

איך האָב דערהאַלטן אייער לידער־זאַמלונג „דואַליזם". איך דאַנק אייך האַרציק.

מיט רעספּעקט, אייער, שיע טענענבוים

מאַי 03, 1959

כבוד ר' ברוך דיימאנדשטיין:

א שיינעם און אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר דער ווירדעריקער מתנה — „דואַליזם".

איבערגעלייענט פון טאָוול צו טאָוול און באמת געהאַט גרויס נחת רוח.

אין אייניקע לידער האָב איך באַמערקט צער, — אייער אייגענעם צער . . . און דאָס האָט מיך באַאומרואיקט.

מיט עטישן גרוס, אייער חבר און קאָלעגע,

בצלאל פאַרגמאַן

יוני 26, 1959

ליבער פריינט און קאָלעגע ב. דיימאנדשטיין:

א דאַנק פארן בוך לידער „דואַליזם". ס'איז פּראַכטפול ארויסגעגעבן און די בילדער מאַכן רייכער דעם בוך. פארגיט מיר, וואָס איך האָב נישט געקאָנט אָפּשפּאָרן צייט אייך צו באַזוכן.

די לידער לייענען זיך גלאַט און געשמאַק און די אָפּטייל — די נייע לידער, איז באמת גוט!

איך שיק אייך ארויס מיין בוך. גריסט גאָלדבערגן (ער מוז מיינען נח גאָלדבערגן—ב. ד.).

זייט מיר געזונט און פאַרגיט: שאַפט, שאַפט — שעפערישער מענטש . . .

אייער, חיים פעט

דער גערעגנגל פון א דיכטער

איך האָב ערשט איבערגעלייענט אייערע לידער ביכער און איך האָב געפונען אין זיי אן אויסדרוק פונ׳ם גערעגנגל פון א גרויסע פּאָעטישע נשמה.

דער פילבארער דיכטער מערקט זיך אין יעדע שורה, זיי זיינען פול מיט אַ שפע פון דרייסטע פאָרמען און איך האָב אין זיי געמערקט אַלע רייפע סימנים פון אַט די דיכטער, ליריקער וואָס איך האָב אַזוי ליב.

ביי אייך איז פאַראַן אַ וואונדערלעכע מז׳גה, אַ האַרמאָנישע קאָמבינאַציע: אַ דיכטער און אַ קינסטלער.

מיר דוכט אין אַייער לידער בוך „דואַליזם׳ האָט איר אויסגעדריקט אויף אַ פּאָעטישן אויפן אייער וועלט-באַנעם, און מיר געפעלט גראָד דאָס, וואָס איר זענט אַזוי אָריגינעל אין אייער לעבענס-בליק. איר זענט זאַט און אַפילו איבערזעטיקט פון קולטור — און דאָס מערקט זיך אין אייער צייטשריפט „ליטעראַרישע העפטן״, וואו איר פירט צעניוף אונטער איין דאַך שרייבער פון פאַרשידענע ריכטונגען, ספערעס און טענדענצן.

און איר האָט שטענדיק א מקום מקלט פאַר איינזאַמע דיכטער און שרייבער — ניט קיין גדולים . . . דערמיט מיר ידמה מי ישווה לך, ליבער קאָלעגע ב. דיימאָנדשטיין.

אייער מרדכי גאָטפריד (תל אביב)

יולי 9, 1959

ליבער קאָלעגע ב. דיימאָנדשטיין:

אַ דאַנק פאַר די צוויי ביכער וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט. איך וועל זיי לייענען און אַביסל אריינגעלייענט און איר פאראינטערעסירט מיך . . .

אייער מיט בעסטע גרוסן

ש. ד. זינגער

28 מאַרטש, 1959

מיין ליבער דיימאָנדשטיין:

איך דאַנק אייך ב׳אמת פאַר די מי וואָס איר נעמט זיך מיר מהנה זיין מיט אייערע „העפטן״ און אויך מיט אַלץ וואָס אייער פּראָדוקטיווער פעדער באַלעבט. אַ באַזונדער יישר כוח אייך פאַר נישט אויסלאָזן אייער לעצטע לידער זאַמלונג.

ביז גאָר זיינען מיר אויך געפעלן אייערע מאָלנגען. כ׳וואָלט באמת שטאַרק געשעצט ווען אייערס א בילד וואָלט געקראָגן אַן אָרט אין מיין קאָלעקציע.

זייט געזונט, האָט נחת פון אייערע ארבעטן און אייער לעצטן בוך. אויב איר פוילט זיך ניט, שרייבט אַמאָל אַ פּאָר ווערטער.

מיט נאָענסטע גרוסן, אייער,

יאָסל קאָהן

נ. ב. האָט איר עפּעס פון מיינע ביכער?

זייער חשובער דיכטער מר. ב. דיימאָנדשטיין און דר. דוד סטאָליר:

איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז אין קאַליפאָרניע — אין גן עדן התחתון פון דעם אַמעריקאַנעם קאָנטינענט זאָל דערשיינען כסדר אַזאַ פיינע ליטעראַרישע אויסגאַבע, ווי די „ליטעראַרישע העפטן״.

זייט געגריסט מיט אַ כתיבה וכתימה טובה און דאַנק,

הרב מאיר שוואַרצמאַן, וויניפעג, קאַנאַדע

Ministry for Foreign Affairs, Jerusalem, Israel
Dear Mr. Dimondstein,

I should like to thank you, on behalf of Mrs. Meir, for your book "Yockel tht Melamed" which you were good enough to send to her.

Yours sincerely,
Beba Yannay,
Office of the Minister

New Delhi, India
June 29, 1957

Dear Sir,

I write to acknowledge the receipt of ypur letter dated the 18th March, 1957 and to thank you for the three books which you have been good enough to send to the Prime Minister.

Private Secretary to the Prime Minister
Yours faithfully,
S. P. Khanna

Prime Minister's Office
Jerusalem, Israel

November 18, 1956

Dear Mr. Dimondstein,

I wish to thank you for your kindness in sending the Prime Minister a copy of "Yockel the Melamed and other Poems", in which, I am sure, he will find great interest.

Very truly yours, Sara Shoresh

The White House
Washington, D. C.
PERSONAL
Dear Mr. Dimondstein,

Thank you so very much for sending the President an inscribed copy of your book, "Utopia." He is most appreciative of your thoughtfulness.

Personal Secretary to The President
Sincerely,
Ann C. Whitman

Muncipal Libraries Tel-Aviv-Yafo
Dear Mr. Dimondstein,

Thank you for sending us a copy of your book "Sculptures". The many examples of your work display a fine talent and a rare gift for capturing the feeling of your subjects.

All good wishes.

Sincerely yours,
Ithamar Leef,
Director of Libraries

February 10, 1954

British Embassy Washington

Dear Mr. Dimondstein,

I have pleasure in informing you that the book of your poems which you were good enough to send to the Prime Minister under cover of your letter of December 9 was safely received. I am asked to convey to you an expression of the Prime Minister's sincere thanks for your kind thought.

Yours sincerely,
Peter Marshall,
Private Secretary to Her Majestey's Ambassador

Dear Mr. Dimondstein,

Thank you for your kindness in sending me an autographed copy of your volume of poems, Dualism. I am pleased to be able to add the book to our Library collection.

Sincerely yours,
Harry Truman

Dear Mr. Dimondstein,

It was most kind and generous of you to send me the autographed copies of your books "Utopia" and "Yockel the Melamed". I am indeed grateful. I am looking forward to reading these books with a great deal of pleasure.

With all good wishes to you.

Very sincerely yours,
Jomes Roosevelt

December 2, 1953

Dear Mr. Dimondsttin,

Thank you very much for your fine poems showing the old Jehovah in a somewhat modernized form.

Sincerely yours,
Albert Einstein

א י נ ה א ל ט

ע ס י י ע ן

במקום הקדמה — ל. בערקאָוויטש 3
ירמיה העשלעס „סאָנעטן פון
„תוהו ובוהו״........... 6
משה קנאָפּהייט — 100 סאָנעטן.. 8
חיה עלבוים דאָרעמבוים — „אויף
דער אַרישער זייט״....... 10
רייזל גלאס פענסטער —
„זון אויף בארג״........ 12
דוד פינסקי — „גברי און די
פּרויען״ 14
סערי זוויג־בעטצקי — „ציבע־
לעס, אוגערקעס און פלוי־
מען״ 17
יצחק פּאנער — „שלום אַש אין
זיין לעצטער היים״....... 18

חיים שוואַרץ — „אונדזער דור" 21
אהרן קורץ — „מאַרק שאַגאַל".. 23
ה. רויזנבלאַט — „אונטער גאָטס הימל" 25
סעם ליפּצין — „אַמאָל איז גע־וועזן" 28
אברהם וויסבוים — „מעקסיקאַ־נער זיגזאַגן"........ 29
הערש שישלער — „ערנסטער שפּאַס" 32
שאול ראַסקין — „אין אויסגע־טראַכטער אמת" 33
וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן...... 33
אנקלאַגע קעגן די מושלים פון „לעקסיקאָן" 39

דערציילונגען

בהי סת־הדעת 43
מצה אשה, מצה טוב......... 52
לייבל דער אַרענדאַטאָר....... 58
וואו ס'איז דאָ ווילן......... 64
דעפּרעסיע (1930)......... 69
אָרעמקייט 83
דער צלמ'ל 89
די שטילע פּרוי 99
ייציקל שטאַלער 108
אין יענע טעג.......... 114
צער־גדל־בנים 119
ברך אתה בבאך — ברוך אתה בצאתך 125
אין אַ ווינטער נאַכט.......... 127

לידער

כ'האָב דיין פּנים ניט געזען.... 13
גליקלעך איז יענער........ 16
ס'איז נאָך ניט........... 20
וואַרנונג 31
וואָס בין איך............. 38
עקסטראַקט 42
וואָלט וויטמאַן........... 51
האַלוציניאַציע 68
די שיטה............... 86
דאָרט אַ בלומעלע.......... 107

אַ לעגענדע 135
אין נעץ פון שטן — דראַמאַטישע פּאָעמע 138
דער טויט פון דוד פּינסקי....... 142
האָס — קיינער לאַכט שוין דאָרטן 143
דער אמתער פּאָעט — איר באַליי־דיקט שווייגער 144
צו אַ ברעט............... 144
האָב זיך ניט דערהאַלט — ביזן לעצטן וואָרט 145
באָריס פּאַסטערנאַק — וואָלט וויטמאַן 146
מיינע יידן טוען מיר וויי — לעבן איז ביליג 148
מ. גאָטפריד — צו דיימאַנדשטיין — פריינטשאַפט......... 149
פרעמד די פרייט — מען דאַרף ניט — טעג פון מיין נעכטן 150
שטימונג — האָט גאָט דערהערט —חלומ'ן ז'גליק—זאָמל איין 151
גוט שבת זינגען — פאַר שבת אליין — דאָ זינג איך.... 152
נישט מורא — א ליד — האָסט קיין פּנים, פּאָעט — שיינ־קייט, חכמה 153
צו אָן אלטן — גיב א רואיקע שלאָף — קאָן אויך שרייען 154
גאָטס וועלט — מיין כלה — אָפּגאָט 155
אין מיין גאָרטן — הויפּט מיך ניט צום הימל 156
האָב ביטערקייט געטרונקען — ווי דיך אליין — ס'איז מיר באַשערט 157
לייבוש פּאַרטיזאַן 158
סאַטירע — מיין צוואה........ 160
וואַגלער; מיין אייניקל; צו אַ פּאָ־עט; פריילעך יידן; אַ פליג 161
מ'לאַכט פון מיר........... 162
אויפן וואַנדער וועג 162
סוד פון לעבן............ 162
שבת־קודש 163

A REVIEW OF BORIS DIMONDSTEIN'S BOOK UTOPIA

Sunday, August 10, 1958 Sunday Herald-Leader 37

Lexington Kentucky

Socialist Envisions Utopia

UTOPIA, by Boris Dimondstein. Literarische Heftn, $3.

Mr. Dimondstein's "new" book, "Utopia", is certainly, as is claimed, an imaginative novel. It begins with the Russian Revolution of 1917 and follows the idealistic outline of the world as envisioned by the Socialists of that period. The core of the novel, the tale of Volcano Island, is unfolded through the dreams of a young female revolutionary, Hilda. She has led a regiment of women in the field of battle, and been wounded. In the hospital she dreams of Volcano Island, and then reveals her dreams to her friend Ivan.

Stranded On An Island

Volcano Island, is created by a natural upheaval of the earth's surface. A Russian warship is stranded on the island, and the crew (1,500 women and 6,000 men) settle there. Believing the rest of the world to be destroyed they set to work to build a new one upon a foundation of socialism.

The people of Volcano Island are able to duplicate, and even to better, the machines which are lost to them. At the end of 30 years they set out to search the earth for more survivors of the natural upheavals. After one unsuccessful try they succeed, only to find that the outside world is still grim and warlike.

Oppressed By Russians

In the final chapters the people of Volcano Island are forced to become a province of Russia in order to escape domination by English imperialists. Following this, Russia and the United States go to war. The people of Volcano Island are terribly oppressed by the Russians, and one of their scientists invents a weapon which is superior to any in the world. The Russians are defeated, and socialism is adopted by all of the nations of the world. They see that socialism is the final answer to the problems of freedom.

In itself "Utopia" is an extremely interesting book, if only for its outlook on the world. As befits a book originally written in 1924, its plot and style are clearly of the 20s. However, in this, its first English translation, it is still a vivid glimpse into the world and the minds which brought communism and socialism into the world.

Aside from these technical flaws the story itself is rather entertaining.

If only the information from the political viewpoint, "Utopia" is worth reading. Certainly it will never be a classic in the accepted sense, but for those of us who have never understood socialism or communism this book is slightly enlightening.

—William M. Fuller

Literarishe Heftn Tujunga Calif.

'Dualism': Dimondstein's Poems

Boris Dimondstein, who operates Literarische Heftn Publishing Co., in Tujunga, Calif., is a voluminous writer. He has written several plays, is the author of novels, has written poems in Yiddish and in Hebrew, and also issues a journal occasionally.

His latest work is a collection of poems under the heading "Dualism."

—The Detroit Jewish News—Friday, October 31, 1958

It is a commendable book and, like some of his previous publications, is illustrated with his own drawings.